STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07842

# MALKA OVSHYANI DERTSEYLT...

Mark Turkov

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרק טורקאָוו

# מלכה אָװשיאַני דערציילט...

די גאַנצע הכנסה פון דעם דאָזיקן בוך איז באַשטימט פאַר דער הילפס-אַקציע לטובת די לעבנגעבליבענע יידישע קינדער, וואָס געפינען זיך אין די שפּיטעלער און סאַ-נאַטאָריומס אין שוועדן.

## „דאס פוילישע יידנטום"

ביכער-סעריע פונעם צענטראל-פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע

רעדאקטאר: מארק טורקאוו

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

**ה. ד. נאמבערג:** י. ל. פרץ

**וו. גראסמאן - י. ווערניק:** טרעבלינקע.

עס גרייט זיך צום דרוק:

**ד"ר עמנואל רינגעלבלום:** צו דער געשיכטע פון יידן אין ווארשע.

**ד"ר יצחק שיפער:** יידן אין אלטן פוילן

**פראפ. ד"ר מאיר באלאבאן:** די יידן-שטאט לובלין.

**זלמן וואסערצוג:** יאנוש קארטשאק

**א. ל. שוסהיים:** סילועטן און עפיזאדן פון גאליציע

**מארק טורקאוו:** אלט און ניי ווארשע

**שניאור וואסערמאן:** בעלס (זכרונות פון א קוריאזער שטאט)

**ש. פריילעך:** מעזריטש

---

וועגן אלע ענינים, וואס האבן א שייכות מיט דער ביכער-סעריע „דאס פוילישע יידנטום" זיך ווענדן:

**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Pueyrredón 667 Buenos Aires

מאַרק טורקאָוו

# מלכה אָווּשיאַני דערציילט...

כראָניק פון אונדזער צייט

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1946

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by Mark TURKOW

Mark Turkow

**MALKA OWSIANY RELATA...**

Crónica de nuestro tiempo

הילע געצייכנט: יוסף ראַטנער

Editado por la
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**
Buenos Aires, 1946

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

# צו די לייענער

אונטערן נאָמען „דאָס פוילישע יידנטום" טרעט צו דער צענ־טראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע אַרויסצוגעבן אַ סעריע ביכער און בראָשורן, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו דער־נענטערן די ברייטע יידישע לייענער־מאַסע אין גאַר דער וועלט צו אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן חרוב־געוואָרענעם יידישן לעבן אין פוילן.

באַוווסטזיניק פון דער גרויסער אחריות פאַר דער דורכפירונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע, וועט דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע שטרעבן, אַז דורך די אַרויסגעגעבענע ביכער און בראָשורן זאָל דאָס פוילישע יידנטום באַקומען אַן אַלזייטיקע און שטרענג־אומפּאַרטייאישע אָפּשפּיגלונג אין אַלע זיינע אַספּעקטן און אויף אַלע געביטן פון דעם געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און קולטו־רעלן שאַפן.

עס איז דער ווונטש פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע צו געבן דורך דער פאַרעפנטלעכטער ביכער־סעריע אַ ביישטייער צו דער רומפולער געשיכטע פון דעם פוילישן יידנטום. דורך שילדערונגען פון באַרופענע מחברים וועלן די ביכער און בראָ־שורן אַנטהאַלטן מאַטעריאַלן וועגן דער טראַגישער קעגנוואַרט פון דעם פוילישן יידנטום, זיינע ליידן און פריידן, זיינע קאַמפן און דערגרייכונגען.

שטעט און שטעטלעך, וווּ עס האָט אַמאָל פּולסירט אַזאַ פאַרבנ־רייך יידיש לעבן און וואָס זיינען דורך דעם נאַצי־משחית אָפּגעמעקט

געוואָרן פון דער ערד, עפּיזאָדן און געשעענישן, וואָס זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשיכטע פון דעם חרוב־געוואָרענעם יידישן ישוב אין פוילן, זכרונות וועגן באַרימטע יידישע פּערזענלעכ־קייטן, מיט וועמענס לעבן און שאַפן דאָס פוילישע יידנטום איז געווען ענג פאַרבונדן, וועלן זיך געפינען צווישן די הויפּט־טעמעס פון די פאַרעפנטלעכטע ביכער און בראָשורן.

די אַמאָליקע געשיכטע פון דעם פוילישן יידנטום ביז צו די געשעענישן פון דער לעצטער טראַגישער עפּאָכע, יועלן צווישן די אַרויסגעגעבענע ביכער פאַרנעמען אַ חשובן אָרט.

מיט דעם בוך פון מאַרק טורקאָוו „מלכה אָוושיאַני דערציילט...", אַ כראָניק פון אונדזער צייט, געשילדערט דורך אַ יידיש מיידל, וואָס האָט דורכגעמאַכט די גאַנצע בלוטיקע נאַצי־עפּאָפּעע, הויבט אָן דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע זיין ביכער־סעריע.

מיר האָפן, אַז אונדזער איניציאַטיוו וועט וואַרים אויפגענומען ווערן דורך דער יידישער עפנטלעכקייט און וועט געפינען דעם גע־העריקן אינטערעס ביי דער ברייטער יידישער לייענער־מאַסע.

**צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן**

**אין אַרגענטינע**

בוענאָס איירעס, מערץ, 1946.

I.

# מלכה אָוושיאַני דערציילט...

א פּאָר טיפע, קלוגע טונקל-ברוינע אויגן, וואָס אָפטמאָל דאַכט זיך, אַז זיי זענען באַדעקט מיט טרערן, צוגעבנדיק אַ בולטן אויסדרוק דעם פאַרוויייטיקטן יונגן פּנים, אויף וועלכן עס ווייזט זיך זעלטן אַ שמייכל. אַ טרויעריקער, קוים-זעבאַרער שמייכל.

נערוועאַישע באַוועגונג פון הענט און פיס.

כמעט 6 יאָר צייט האָט זי קיין איין מינוט רו נישט געהאַט. זינט יענעם מאָמענט, ווען אין איר געבורט-שטעטל ראַקעוו האָט זיך באַוויזן דער ערשטער דייטש.

נישט איינמאָל האָט זי דורכגעלעבט אַן אינערלעכן געראַנגל צווישן לעבן און טויט. דער טיפּיש-יידישער געראַנגל: וועלן ענדלעך שטאַרבן, בכדי עס זאָל שוין אַ סוף נעמען צו די אומענדלעכע, איבערמענטשלעכע ליידן און צווישן דעם געפיל פון וועלן לעבן און איבערלעבן דעם שונא.

געזיגט האָט דער יידיש-נאַציאָנאַלער אינסטינקט: ליידן וויפל עס לאָזט זיך, פאַרטראָגן ליידן פון הונגער, קעלט, איינזאַמקייט, דערנידערונגען, פייניקונגען, פאַרשקלאַפונג — אָבער דאָך דערלעבן דעם גליקלעכן סוף פון צוריק דעראָבערן די פרייהייט און מענטשלעכע ווירדע.

מלכה אָוושיאַני איז היינט 20 יאָר אַלט. און ווען דער איצטיקער וועלט-חורבן האָט אויסגעבראָכן, איז זי אַלט געווען קוים 14 יאָר.

זי האָט געזען אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער שרעקלעכסטער

עפּאָכע פון דער מענטשלעכער געשיכטע. זי האָט עס אַליין דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט. זי האָט געזען נישט בלויז טויזנטער מתים, מענער, פרויען און קינדער, נאָר זי האָט געזען ווי מען הרגעט זיי, זי האָט געזען און מיטגעמאַכט גירושים פון פּוילישע שטעט און שטעטלעך, זי האָט געזען חיות אין מענטשלעכע געשטאַלטן, דייטשן, אוקראַינער, פּאָליאַקן, אַפילו געוויסנלאָזע יידן, וואָס האָבן דורך חניפה און מסירה געמיינט אָפּ-צוהיטן זייער אייגענעם קערפּער... זי האָט מאַרשירט איבער די לאַנגע וועגן, וואָס זענען געווען אויסגעלייגט מיט טויזנטער מענטשלעכע קער-פּערס און זי איז געווען אין דעם טרויעריקן אָשוויענטשים, נאָענט פון די טויטן-קאַמערן, ווו מען פלעגט מענטשלעכע לעבנס פאַרוואַנדלען אין קו-פּעס אַש צו באַמיסטיקן די ערד...

מלכה אָווּשיאַני, פּונקט ווי אירע חברטעס, וואָס זענען דורך אַ נס געבליבן לעבן צווישן די מיליאָנען אומגעבראַכטע, האָט נישט בלויז גע-זען טויטע קערפּערס, זי האָט געזען דעם טויט אַליין.

זי קען איבערחזרן די ווערטער פון דעם דיכטער סעגאַלאָוויטש, אַז:

— איך בין געווען איין סענטימעטער פון טויט...

ווען מלכה אָווּשיאַני איז צום ערשטן מאָל געקומען מיט אַ באַזוך אין צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, באַגלייט פון איר פאָטער און ברודער, האָב איך נישט געוואָגט זי אָנהויבן אויספרעגן וועגן אירע איבערלעבונגען.

אָבער ווען עמיצער פון די אָנוועזנדיקע איז געווען נייגעריק צו הערן פון דעם גאַסט עפּעס אַ שילדערונג, האָט מלכה אָווּשיאַני גערן געענטפערט.

מיט אַ גערדריקטער שטימע, נערוועאיש, האָט זי אָנגעהויבן אָנוואַרפן איין עפּיזאָד נאָכן אַנדערן, איין געשעעניש נאָך דער אַנדערער.

זי רעדט שנעל, פּונקט ווי זי וואָלט געוואָלט אָניאָגן, איבעריאָגן די געשעענישן, דערציילן וואָס מער און ווי זי וואָלט ביים דערציילן נאָכאַמאָל איבערגעלעבט אַלץ, וואָס געהערט דאָך שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער וואָס קען בשום אופן נישט פאַרשווינדן פון דעם זכרון.

נישט בלויז פון דעם זכרון, נאָר אויך פון דער נשמה, ווו דאָס אַלץ האָט דאָך געלאָזן אַזעלכע טיפע, בלוטיקע וווּנדן.

עס איז דאָך מאָדנע: עס דאַכט זיך אונדז, אַז אַלץ, וואָס מלכה אָווּ-

שיאַני דערציילט, האָבן מיר דאָך שוין געלייענט אין צייטונגען און בי-כער, אין זכרונות און אפילו אין דער ליטעראַטור, אָט אַזוי ווי שלום אַש, יוסף אָפּאַטאָשו, ז. סעגאַלאָוויטש, ה. לייוויק, דער טראַגיש-אומגעקומענער יצחק קאַצענעלסאָן און פיל אַנדערע שילדערן עס אין זייערע ווערק.

און דאָך, ווען דו הערסט די דאָזיקע שילדערונגען פון אַ מענטש, וואָס האָט עס אַליין אַלץ מיטגעמאַכט, ווערסטו מיטגעריסן דערפון און עס דאַכט זיך דיר, אַז דו אַליין לעבסט עס מיט. אַזוי בילדלעך, אַזוי טיף-נאַטירלעך, אָן שום איבערטרייבונג דערציילט עס אייך מלכה אָוושיאַני.

איבעריקנס דאַרף מען דען איבערטרייבן, אַז דאָס דערציילטע אַליין איז דאָך נישט מער ווי אַן אָפּשיין פון דער טראַגישער ווירקלעכקייט.

מלכה אָוושיאַני באַמערקט אָפּטמאָל אַליין:

— איצט דערצייל איך עס שוין רואיק... אָבער מען האָט געדאַרפט זען ווי אַזוי דאָס האָט אויסגעזען...

זי פילט עס און צוזאַמען מיט איר פילן מיר עס אויך, אַז עס איז דאָך אוממעגלעך מיט פּשוטע מענטשלעכע ווערטער אָפּצושפּיגלען די גאַנ-צע רעאַליטעט פון דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט, וואָס די דאָזיקע מענטשן דאָרט האָבן איבערגעלעבט.

אין די דאָזיקע פּשוטע ווערטער, מיט וועלכע מלכה אָוושיאַני שיל-דערט אירע איבערלעבונגען, פילסטו דעם גאַנצן טראַגישן העראָאיזם פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן, פון די אויטענטישע ברידער און שוועסטער, פון קעמפער און העלדן פון די געטאָס, פון די פּאַרטיזאַנער און סאַבאָ-טאַזש-אויספירער קעגן דער נאַצישער בעסטיע.

מלכה אָוושיאַני איז דאָך אַלט געווען 14 יאָר, ווען זי האָט געמוזט אַליין נעמען איר גורל אין האַנט, ווען די מוטער אירע, וועלכע זי רופט-אָן אויפן טיפּיש יידיש-פּוילישן שטייגער: „מאַמעשי" (ווי מיר פלעגן עס רופן אונדזערע מוטערס), האָט געהייסן די קינדער פאַרלאָזן די היים און זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער.

זי דערציילט וועגן דעם זעלבן העראָאיזם פון אירע חברטעס, וואָס דער גורל האָט זיי צוזאַמען פאַרבונדן אין דעם מאַרטירער-לעבן און וואָס זענען געווען נאָך יינגער פון איר. איינע, די נאָענטסטע חברטע, איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה געווען אַלט 10 יאָר, רוזשע לאַקס איז איר

נאָמען, און הגם זי האָט קוים באַוויזן זיך אויסצולערנען לייענען און שרייבן, האָט די דאָזיקע קליינע רוזשע צו 13 יאָר שוין געשריבן לידער, פּשוטע, פּרימיטיווע לידער, אָבער דאָך אַזוי טראַגישע, ווייל זיי אַנטפּלעקן דעם גאַנצן גורל פון אונדזער צייט, ווייל זיי דינען אַלס דאָקומענט פון דעם אַלעם, וואָס די דאָזיקע העלדישע יידישע יוגנט האָט איבערגעלעבט.

מלכה אָוושיאַני האָט די לידער מיט זיך מיטגעבראַכט. זיי זענען געשריבן אין פּויליש און אין אַ שלעכטן דייטש. מלכה אָוושיאַני היט די לידער ווי אַ הייליקטום, שרייבט זיי איבער, לייענט זיי פאַר אַלעמען און קען זיי שוין כמעט אינגאַנצן פון אויסנווייניק.

מלכה אָוושיאַני רעדט וועגן איר קליינער חברטאָרין מיט אַזוי פיל ליבע און בענקשאַפט, באַמערקנדיק דערביי:

— ווען מען זאָל זי לערנען, וואָלט פון איר אַרויסגעוואַקסן אַ וויכטיקער מענטש... זי שרייבט דאָך אַזעלכע שיינע לידער...

אויך זי אַליין, מלכה אָוושיאַני, בענקט נאָך לערנען:

— וואָס האָב איך ביז 14 יאָר באַוויזן צו לערנען? די מאַמעשי האָט מיך אָוועקגעשיקט קיין סטאַשעוו, ווו איך בין אַריין אין צווייטן קלאַס פון גימנאַזיום, אָבער ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאָבילִיזאַציע, האָט די מאַמעשי גלייך געשיקט נאָך מיר דעם ברודער, איך זאָל אַהיימקומען קיין ראַקעוו... כאָטש אין ראַקעוו איז אין אָנהויב געווען רויִק, אַ סך רויִקער ווי אין אַנדערע ערטער, אָבער לערנען האָט מען זיך שוין נישט געקענט, בלויז געקענט לייענען ביכער און שפּעטער האָט מען שוין אויך דאָס נישט געקענט. ביז מען האָט אונדז נישט באַפרייט פון דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער אין ראַווענסבריק און געבראַכט קיין שוועדן, האָבן מיר די גאַנצע צייט פון דער מלחמה קיין בוך נישט אָנגעקוקט פאַר די אויגן...

ערשט אין שוועדן, אין דעם לאַגער פאַר די באַפרייטע, האָט מען זיך צוגעכאַפּט צוריק צו ביכער און ערשט דאָ אין אַרגענטינע לייענט זי ווייטער, ווי זי וואָלט געוואָלט אָניאָגן דאָס פאַרלוירענע.

זי לייענט און זי שרייבט. זי שרייבט בריוו קיין שוועדן צו אירע חברטאָרינס, מיט וועלכע זי האָט פאַרבראַכט די לעצטע צייט. זי וויל וויסן וועגן גורל פון יעדן מענטשן, וואָס זי באַגעגנט דאָ, אומעטום, ווו זי

קומט רעדט זי, אפּשׂידט זי, אַז מען זאָל אירע חברטאָרינס העלפן. זי איז דאָך שוין אינגאַנצן פריי אין דער סביבה פון אירע נאָענטע: דער פאָטער, אַ ברודער און אַ שוועגערין, אַ שוועסטער.

אָבער יענע אין שוועדן, כאָטש שוין באַפרייטע, כאָטש שוין זיכערע מיטן לעבן, זענען נאָך אָבער ווייט-ווייט נישט פריי. האָבן פאַרלוירן אַלע נאָענטע און האָבן נישט ווו און צו וועמען צו פאָרן. פאַראַן דאָרט יונגע פרויען, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע מענער און קינדער, פאַראַן דאָרט קינדער, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע עלטערן.

זיי האָבן איין ווונטש, וואָס זיי האָבן שוין ביי פאַרשידענע געלעגנ-הייטן אויסגעדריקט:

— מען זאָל זיי שיקן קיין ארץ-ישראל אָדער... מען זאָל זיי שיקן צוריק אין קרעמאַטאָריום!

ווי לאַנג זיי האָבן זיך געפונען אונטערן בלוטיקן נאַצי-יאָך, האָבן זיי געפילט אַ דראַנג צום לעבן און צום קאַמף, הייסט, ווען זיי געפינען זיך שוין אויף דער אַזוי-גערופענער פרייהייט, האָבן זיי דערזען די גאַנצע האָפענונגלאָזיקייט פון זייער לאַגע.

מלכה אָוושיאַני רעדט וועגן זייער גורל מיט אַן אומגעוויינלעכער זאָרג. זי קען גאָרנישט באַגרייפן, ווי אַזוי מען קען זיין אַזוי גלייכגילטיק דערצו... זי קען עס גאָרנישט באַגרייפן, ווי אַזוי מען קען עס ביי אונדז לעבן אַזוי רואיק און זאָרגלאָז און אַזוי ווייניק טון פאַר די, וואָס האָבן דאָך אַזוי פיל און אַזוי שרעקלעך געליטן.

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד לוינט צו דערמאָנען:

דאָס איז דער אומגעוויינלעכער זכרון פון מלכה אָוושיאַני. ווען זי דערציילט וועגן אירע איבערלעבונגען, דערציילט זי עס מיט דער פּינקט-לעכקייט פון דעם דאַטום און דעם טאָג, אין וועלכן עס איז פאָרגעקומען. אָפטמאָל געדענקט זי אפילו גענוי די שעה. שוין אָפּגערעדט וועגן די ע-טער און מענטשן.

דעריבער האָבן די שילדערונגען פון אירע איבערלעבונגען אַ דאָקו-מענטאַלע באַדייטונג.

עס ווערט דורך איר געשילדערט אַ געגנט, וואָס איז אונדז ביז איצט

ווייניק געווען באַקאַנט, ווייל ווענן די געשעענישן דאָרט זענען כמעט קיין שום ידיעות נישט דערגאַנגען.

לויט דעם סדר, ווי מלכה אָוושיאַני האָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט און עס אונדז דערציילט, וועלן מיר עס שילדערן פאַר אונדזערע לייענער.

צוזאַמען מיט מלכה אָוושיאַני וועלן מיר זיך אריבערטראָגן אין יענער טראַגישער עפּאָכע, וועמענס שילדערונג עס איז אַן אויטענטישער דאָקומענט פון יידישע ליידן אין פּוילן.

מיר וועלן אָנהייבן די דאָזיקע שילדערונג פון יענע טעג, ווען אין דעם קליינעם שטעטל ראַקעוו האָבן זיך באַוויזן די ערשטע דייטשן...

II

# אין דעם „גליקלעכן" שטעטל ראַקעוו

ערגעץ-ווו אָן אַ זייט פון דעם ברייטן דרום-פּוילישן שליאַך, אויפן וועג, וואָס ציט זיך צווישן קעלץ און דער אַלטער פּוילישער קרוין-שטאָט קראָקע, געפינט זיך דאָס שטעטל ראַקעוו.

אויף קיין שום געאָגראַפישער מאַפּע געפינט מען נישט קיין זכר דערפון. ווען מען האָט אַהין געוואָלט שרייבן בריוו, האָט מען ביים אַדרעס „ראַקעוו" בפירוש געמוזט צוגעבן „נעבן סטאַשעוו", בכדי די פּאָסט-באַאַמטע זאָלן וויסן, ווו מען דאַרף אַזאַ אָרט זוכן.

אין דער אמתן איז ראַקעוו אפילו קיין שטעטל נישט געווען. דאָס גרויסן זיך בלויז די ראַקעווער מיט זייער אַלטער היים, ווען זיי באַצייכענען עס אַלס אַ שטעטל. די אָפיציעלע פּוילישע באַצייכענונג פון ראַקעוו איז „אָסאַדאַ", וואָס אין שפּאַניש וואָלט עס געהייסן „פּועבלאָ", עפּעס אַזוינס צווישן אַ דאָרף און אַ שטעטל.

ווייט פון די באַן-וועגן, איז ראַקעוו געווען פאַרבונדן מיט די גרעסערע צענטערן פון יענער געגנט דורך אַ שמאָל-ליניקער „קאָלייקע", זעלטן ווען מיט אויטאָבוסן און ס'רוב מיט פּשוטע, פּויערישע וואָגנס.

ארומגערינגלט איז ראַקעוו מיט פעלדער, וואָס פּוילישע פּויערים האָבן באַאַרבעט, ברענגענדיק זייערע פּראָדוקטן אויפן ראַקעווער מאַרק, נישט אַזוי ווייט פאַרן לאָקאַלן געברויך פון די אָרטיקע תושבים, נאָר צום פאַרקויפן עם אויף עקספּאָרט אין די גרעסערע צענטערן. אין די יאַריד-

טעג, ווען די פּויערים פֿלעגן קומען קיין ראַקעוו און זיך צעשפּרייטן מיט זייערע טיפּישע לייטער־וואָגנס אויפֿן אָרטיקן מאַרק, האָבן דאָרט אויך די שטעטלדיקע הענדלער אויסגעלייגט צום פֿאַרקויף זייערע סחורות און אַרטיקלען, אין וועלכע די פּויערים האָבן זיך גענויטיקט.

אין דער הינזיכט האָט זיך ראַקעוו מיט גאָרנישט אונטערשיידט פֿון הונדערטער ענלעכע שטעטלעך, וואָס זענען געווען די ערשטע פֿאַרבינדונגס־פּונקטן צווישן דעם פּוילישן פּויערטום און דעם אַלגעמיינעם ווירטשאַפֿט־לעבן פֿון לאַנד.

דאָס איז שוין געווען אַזאַ מין עקאָנאָמישער שאַבלאָן אין פּוילן, אַ סיסטעם פֿון האַנדלס־אויסטויש צווישן דעם קליינעם פּויערישן פּראָדוצירער און דעם קליינשטעטלדיקן מסחר.

האָבן טאַקע אין ראַקעוו געוווינט תבואה־סוחרים, וואָס פֿלעגן אויפֿקויפֿן די פּויערישע פּראָדוקטן. עס זענען דאָרט געווען מילן, ווו מען פֿלעגט די תבואה גלייך פֿאַרוואַנדלען אין מעל (מלכהם משפּחה האָט טאַקע געהאַט דאָרט אַ מיל), שניט־סוחרים און קלייטן מיט אַלערליי אַנדערע אַרטיקלען, וואָס דאָס אַרומיקע פּויערטום איז דערפֿון געווען דער הויפּט־אָפּנעמער.

אויך אין דער הינזיכט האָט זיך ראַקעוו מיט גאָרנישט אונטערשיידט פֿון אַלערליי ענלעכע שטעטלדיקע צענטערן אין דעם פּוילישן לאַנד. און הגם עס איז טאַקע געווען נישט מער ווי אַ ווירטשאַפֿטלעכער שאַבלאָן־סיסטעם, האָט עס אָבער געהאַט אין זיך אַ טראַדיציע פֿון הונדערטער יאָרן.

דורות פּויערים זענען אַזוי אויפֿגעוואַקסן אין זייערע דאָרפֿישע ווירטשאַפֿטן און דורות הענדלער זענען אויפֿגעקומען אין די שטעט און שטעטלעך, אָנהאַלטנדיק צווישן זיך די באַציאונגען איין דור נאָכן אַנדערן. נאָך די עלטער־זיידעס און זיידעס האָבן אַזוי געהאַנדלט צווישן זיך אַמאָל, און די אייניקלעך פֿלעגן פֿאָרזעצן די דאָזיקע האַנדלס־טראַדיציע.

די איינוווינערשאַפֿט פֿון ראַקעוו גופֿא איז נישט דערגאַנגען צו קיין טויזנט משפּחות, וואָס אַ העלפֿט דערפֿון זענען געווען יידן, וועלכע האָבן זיך אויסגעלעבט געזעלשאַפֿטלעך און קולטורעל אין ראַמען פֿון די עק־

זיסטירנדיקע צוויי באַוועגונגען: די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, מיט אַלע אירע שאַטירונגען פון לינקס ביז רעכטס און פון דער „אגודה". דאָרט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס רוב פון דער יוגנט. געווען דאָרט אַ יידיש-העברעאישע שול און אַ ביבליאָטעק, אָבער די פרומע יידן האָבן געהאַט אין דעם קליינעם שטעטל אַזש 10 חדרים און אַפילו אַ בית-יעקב-שול פאַר יידישע טעכטער.

די אַלטע הילצערנע שול אין ראַקעוו זאָגט עדות, אַז מיר האָבן צו טון מיט אַ גאָר אַלטן ישוב. מען זאָגט, אַז די שול איז אויסגעבויט געוואָרן אויף אַן אַלטן יידישן בית-עולם, וואָס איז אַמאָל געווען אויף דעם דאָזיקן אָרט. ערב יום-כיפור, ווען יידישע פרויען פלעגן נעמען פון שול-הויף ערד בכדי צו באַשיצן די טישן, אַז פון די ליכט זאָל קיין שריפה נישט אויסברעכן, האָט מען עטלעכע מאָל אָנגעטראָפן אויף רעשטן פון מענטשלעכע ביינער, וואָס זענען מיט דורות צוריק דאָ נקבר געוואָרן.

און עס יחוסט זיך ראַקעוו דערמיט, וואָס ר' שאול ידידיה אליעזר טאוב, דער וועלט-באַרימטער מאָדזשיצער רבי (וואָס געפינט זיך היינט אין ניו-יאָרק) איז נאָך דעם סוף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה אין ראַקעוו אויפגענומען געוואָרן אַלס רב פון דער קהילה און אין ראַקעוו האָט מען אים אויסגערופן אַלס רבי... זיין פרוי, די רביצין חוהלע, רוט טאַקע אויפן ראַקעווער בית-עולם נאָך דעם ווי זי איז געשטאָרבן פון עגמת-נפש, צוליב דער גנבה פון דער ירושה-צירונג, וואָס איז ביים רב דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1922.

אין יאָר 1925 האָט דער מאָדזשיצער רבי פאַרלאָזט דעם ראַקעווער כסא-הרבנות, בכדי צו פירן זיין חסידישן הויף און באַרימט צו מאַכן איבער דער וועלט דעם וווּנדערבאַרן נוסח פון דער מאָדזשיצער נגינה.

זיין אָרט אין ראַקעוו האָט דאַן פאַרנומען הרב ר' אליעזר ישעיהו הלוי עפּשטיין, וואָס איז אין יאָר 1938 אויפגענומען געוואָרן אַלס רב פון דער כמיעלניקער קהילה, ווו ער איז אומגעקומען על-קידוש-השם אַ פאַרפייניקטער דורך די דייטשן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אים געצוווּנגען טאַנצן אין מיטן גאַס.

אין ראַקעוו איז אויך די יידישע יוגנט געווען זייער אַקטיוו, גרופירנדיק זיך אין „הנוער הציוני", אין „פרייהייט" און אַנדערע יוגנט-אָר-

גאַניזאַציעס. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ הכשרה און זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

חשובע געסט, בפרט באַרימטע פּערזענלעכקייטן פון דער אויסערלע־כער וועלט, רעדנער, שרייבער אָדער קינסטלער, האָבן קיין ראַקעוו נישט דערגרייכט.

דערציילט טאַקע מלכהס עלטערער ברודער, כוליאַ אָווּשיאַני, ביי וועמען די גרעסטע שוועסטער האָט דאָ איר היים, ווי אַזוי ער מיט נאָך חברים זענען עס אַמאָל געלאָפן קילאָמעטער־ווייט צו פוס קיין סטאַ־שעוו, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַהין קומט דר. יצחק שיפּער האַלטן אַ רעפעראַט.

אמת, אין פּוילן איז עס נישט געווען אַן אויסערגעוויינלעכע דער־שיינונג, אַז די יוגנט פון די קליינע שטעטלעך און דערפער זאָל לויפן צו פוס אין די שכנותדיקע גרעסערע צענטערן צו הערן אַ רעפעראַט פון אַ פּאַרטיי־פירער, אַ קולטור־טוער אָדער אַ קאָנצערט פון אַ קינסטלער.

די קולטור־שטרעבונג און דער דראַנג צו הערן עפּעס אַ ניי וואָרט פון פּאָפּולערע פּערזענלעכקייטן איז פאַר דער פּויליש־יידישער יוגנט גע־ווען אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. אַזוי וויכטיק ווי אַ שטיקל ברויט צו עסן.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס יידישע לעבן ביזן טראַגישן טאָג פון ערשטן סעפּטעמבער 1939, ווען היטלער האָט אָנגעהויבן זיין בלוטיקן מאַרש אויף פּוילן.

מען דאַרף, דאַכט זיך, נישט איבערחזרן וועגן דער שרעקלעכער פּאַ־ניק, וואָס דער היטלעריסטישער מאַרש האָט אַרויסגערופן אין גאַנצן לאַנד, בפרט, ווען שוין אין די סאַמע ערשטע טעג האָט די היטלעריסטישע אַרמיי פאַרנומען אַ גרויסן טייל פון דער פּוילישער טעריטאָריע, דערונטער גרוי־סע און וויכטיקע שטעט, באָמבאַרדירנדיק אומברחמנותדיק אַלע שטעט און שטעטלעך.

מענטשן, בפרט מענער, האָבן אָנגעהויבן לויפן און אַנטלויפן קיין וואַרשע. אויך פון ראַקעוו זענען ס׳רוב מענער, יונגע און אַלטע, אַנטלאָפן. אַפילו די פּאָליציי האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און עס איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ ציווילע מיליץ, וואָס האָט אָפּגעהיט די אָרדענונג.

אין דעם בלינדן געלויף זענען אויך דורך ראַקעוו פאַרביי הונדער־

טער מענטשן פון די ערטער, וואָס די דייטשן האָבן שוין פארנומען אָדער האָבן זיך אהין דערנענטערט.

אָבער גאַנץ שנעל האָבן פיל פון די אַנטלאָפענע מענער זיך צוריק אומגעקערט קיין ראַקעוו, דערציילנדיק וועגן דעם שרעקלעכן כאַאָס, וואָס הערשט אין לאַנד. די דייטשע באָמבארדיר-אַוויאָנען לאָזן זיך אראָפּ גאָר נידעריק איבער די וועגן, וואָס זענען געווען פארפלייצט מיט פליטים, און באַשיסן זיי מאַסנווייז אַזוי, אַז אַלע וועגן זענען אויסגעלייגט מיט טויטע קערפּערס.

אפילו די אָרטיקע פּאָליציי, וואָס האָט גלייך ביים מלחמה-אויסברוך פארלאָזט ראַקעוו, האָט זיך צוריק אומגעקערט אין דעם שטעטל.

און דאָ איז מיט ראַקעוו געשען אַ שטיקל נס. נישט נאָר, וואָס מען האָט דאָס שטעטל נישט באָמבאַרדירט, נאָר אין דער זעלבער צייט, ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז שוין געווען כמעט אָקופּירט און מען האָט זיך בלויז געשלאָגן אין אייניקע אָפּגעזונדערטע פּונקטן פון לאַנד, ווי וואַרשע און גדיניע, האָבן די דייטשן גאָר פארגעסן ראַקעוו.

די צוריקגעקומענע אין שטעטל, ווי אויך די פויערים, וואָס פלעגן ווייטער קומען אהין, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, האָבן געבראַכט שווידערלעכע ידיעות וועגן אַלעם, וואָס קומט פאָר אין דער אַרומיקער געגנט. מען האָט דערציילט זאַכן וואָס זענען אמת און זאַכן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דערוויילּ ווייט פון אמת. איין זאַך איז אָבער געווען זיכער, אַז די דייטשן פירן אומעטום דורך גרויסע אַרעסטן, נעמען קודם-כל די יונגע מענער און פארשלעפּן זיי אין אומבאַקאַנטע ריכטונגען און פירן דורך צאָלרייכע דערשיסונגען, ס'רוב פון יידן. אָט אַזוי זענען די ראַקעווער תושבים געוואויר-געוואָרן, אַז אין לאַגאָוויץ, וואָס געפינט זיך ס"ה 9 קילאָמעטער פון ראַקעוו, האָבן די דייטשן אין ערשטן טאָג פון זייער אַריינקומען דאָרט דערשאָסן די דריי חשובסטע קהילה-פירער און האָבן אונטערגעצונדן אַ גאַנצע רייע הייזער פון יידישע איינוווינער.

די ראַקעווער האָבן זיך עם אַליין נישט געגלויבט: האָבן די דייטשן גאָר פארגעסן וועגן זייער שטעטל?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן איז

געווען אַן אומגליק פאַרן שטעטל, איז דווקא אין די שטורמישע מלחמה-טעג, געוואָרן אַ גליק פאַר ראַקעווער איינוווינער.

אַ פּשוטער ענין:

קיין שאָסיי קיין ראַקעוו איז נישט געווען און די זאַמדיקע וועגן זענען אין יענע רעגנדיקע האַרבסט-טעג געווען אַזוי שלעכט, אַז די דייטשע טאַנקען זענען אויפן וועג קיין ראַקעוו געבליבן שטעקן טיף אין דער בלאָטע און נישט געקענט צופאַרן ביזן שטעטל.

די טאַנקען האָבן מיט גרויסע שוועריקייטן קוים געקענט זיך אַרויסדראַפּען פון די בלאָטעס און זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דעם געפּלאַנטן מאַרש.

ראַקעוו איז נאָך אַלץ געבליבן אַ „פרייע" פּוילישע טעריטאָריע מיט דער אַמאָליקער פּוילישער פּאָליציי — הגם קיין שום קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט האָט מען נישט געהאַט.

עס זענען ווייטער געקומען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. עס זענען ווייטער פאַרגעקומען די וועכנטלעכע יאַרידן, און כאָטש די פּרייזן זענען געוואַלדיק אויפגעשרויפט געוואָרן, האָט מען דאָך ווייטער געפירט נאָרמאַלע מסחרים און זיך געפילט גליקלעך מיט דער דאָזיקער לאַגע.

אין ערך 3 וואָכן צייט האָט געדויערט דאָס דאָזיקע „ראַקעווער גליק".

די וועגן, וואָס פירן קיין ראַקעוו, זענען אויסגעטרוקנט געוואָרן און אין אַ שיינעם טאָג איז אין שטעטל געוואָרן אַ בהלה:

— דייטשן פאָרן.

די גאַנצע באַפעלקערונג, יידן און קריסטן, מענער און פרויען, גרויס און קליין, האָט שנעל פאַרמאַכט די געשעפטן, טיר און פענצטער, די לאָדנס און זיך אויסבאַהאַלטן אין די וווינונגען.

אַ קורצע צייט שפּעטער זענען אין שטעטל פאַרפאָרן עטלעכע אויטאָס מיט דייטשער זשאַנדאַרמעריע. בעת זיי זענען אַריינגעפאָרן אין שטעטל, האָט זיך פון אַ זייטיק געסל דערהערט אַ שאָס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ יונג קריסטלעך מיידל האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. די דייטשן האָבן מיט איין קויל זי אָוועקגעלייגט טויט אויפן אָרט.

זיי זענען דאַן רואיק אַריינגעפאָרן אין צענטער פון שטעטל, אָנגע-

קלאַפּט אין דעם רעסטאָראַן, זיך גוט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען און אַוועק־געפאָרן ווייטער.

דאָס איז געווען דער ערשטער דייטשער „גאַסטראָל" אין ראַקעוו און דאָס קריסטלעכע מיידל זייער ערשטער קרבן.

עטלעכע טעג שפּעטער איז קיין ראַקעוו אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פּאָליציי פון פּויזן, אמאָליקע פּוילישע בירגער, וואָס האָבן זיך דערקלערט אַלס „פאָלקס־דייטשן", געהייסן די פריערדיקע פּוילישע פּאָליציי פאַרלאָזן דאָס שטעטל און אַליין איבערגענומען די מאַכט. עס איז בלויז געבליבן מיט זיי דער פריערדיקער קאָמאַנדאַנט פון דער ראַקעווער פּאָליציי, וועלכער איז געווען אַ פּאָליאַק, אָבער ער האָט געהאַט אַ גרויסן זכות: זיין פרוי איז געווען אַ דייטשקע...

קיין דייטש מיליטער, געשטאַפּאָ אָדער ס. ס.־לייט, האָבן זיך אין ראַקעוו די גאַנצע צייט נישט באַוויזן.

די איינציקע אָרדענונג־היטער זענען דאָרט געווען — אויסער דער זייער פּאָליציי — זשאַנדאַרמען, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט קומען פון דער קרייז־שטאָט אָפּטע.

מיט דער פּאָליציי פון די „פאָלקס־דייטשן" האָט מען זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט. זיי זענען פּשוט געוואָרן שותפים צו די יידישע מסחרים און האָבן אַזוי־אַרום געלאָזט לעבן.

ערגער איז אָבער געווען, ווען די דייטשע זשאַנדאַרמען פלעגן אָנקומען. דאָ האָט מען שוין מיט בלויז געלט נישט געקענט אָפּקומען. דאָ זענען שוין אויך געווען קרבנות פון מענטשלעכע לעבנס.

דער ערשטער יידישער קרבן איז געווען דער לאָדזשער יונגערמאַן פראָמאַן, וועלכער איז אין ראַקעוו געווען אַ פריזירער.

אין אַ שבת ביי טאָג, ווען פראָמאַן האָט שפּאַצירט איבערן גאַס, איז אָנגעפאָרן אַ זשאַנדאַרם און אויסגעצילט פראָמאַנען אַ קויל אין האַרץ־אַריין. פראָמאַן האָט נאָך באַוויזן אַ פאַרבלוטיקטער זיך צוצושלעפּן עטלעכע טריט צו זיין שטוב און קוים אַריבער די שוועל איז ער געפאַלן טויט.

דער זשאַ דאַרם איז אַריין אין הויז פון דעם ראש־הקהל און אים געהייסן מיטגיין מיט אים זען דעם טויטן קערפּער. דער דייטשער סאַדיסט

האָט נעמלעך געוואָלט זען, צי ער האָט גוט געצילט די קויל אין האַרץ-אַריין. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט גוט געשאָסן, איז ער אַ צופרידענער אַוועק.

מיטן גרעסטן סאַדיזם האָט זיך אין דער הינזיכט אויסגעצייכנט אַ הויכער, פּעטער זשאַנדאַרם מיטן נאָמען מאַקס, וועלכער האָט ביי יעדן באַזוך זיינעם אין ראַקעוו געמוזט דערשיסן כאָטש איין איד. דאַן איז ער אַריין צום ראש-הקהל און זיך געהייסן געבן שנאַפּס, אַנווייזנדיק ווו דער מת געפינט זיך, בכדי אים צו באַגראָבן.

טאָמער האָט מאַקס נישט אָנגעטראָפן אויף דער גאַס קיין יידן און געמוזט אַוועק פון שטעטל אָן איין קרבן, איז ער געוואָרן מלא רציחה און געדראָעט אַלע יידן מיט נקמה.

ער האָט אויך זיין וואָרט געהאַלטן. עס פלעגט פלוצים אָראָפּקומען פון אַפּטע אַ גרעסערע אָפּטיילונג זשאַנדאַרמעריע, געהייסן זיך ברענגען קאָנטריבוציע, אַמאָל פופציק טויזנט זלאָטעס, אַמאָל נאָך מער, אַמאָל וויי-ניקער. שטענדיק האָט מען געפונען אַן אַנדער אויסרייד אויסצופּרעסן געלט ביי דער יידישער באַפעלקערונג.

אויסער דעם האָט מען אויף די יידן אַרויפגעלייגט ספּעציעלע שטייערן פאַר מיליטערישע צוועקן אד״ג.

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די קאָנטריבוציעס און שטייערן זע-נען צו דער מינוט, צו דער רגע, געשאַפן און איינגעצאָלט געוואָרן דער זשאַנדאַרמעריע.

נישט געקוקט דערויף האָט עס נאָך אַלץ געהייסן, אַז ראַקעוו איז דאָס רואיקסטע אָרט אין דער גאַנצער געגנט און אפשר אין גאַנצן לאַנד.

מען האָט עס באַצייכנט אַלס „אַ יידישע מלוכה”, אַזאַ אונטערשיד איז עס געווען לגבי דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

## III

# אזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן

פונקט ווי אין גאַנץ פוילן, האָבן די דייטשן אויפגעלייזט אין ראַקעוו די עקזיסטירנדיקע יידישע קהילה און איינגעפירט דעם יידן-ראַט. דעם פריערדיקן ראש-הקהל פון ראַקעוו ר׳ משה-לייב שיינער, אַ ייד אַ נגיד און אַ תלמיד-חכם, האָבן די דייטשן אַרויסגעשלעפט אויפן מאַרק און דאָרט אויפגעהאָנגען, אָן שום סיבה, אַזוי ווי עס איז געווען דער נאַציישער שטייגער.

אַלס אָנפירער פון דעם יידן-ראַט און גלייכצייטיק קאָמאַנדאַנט פון דער „יידישער פּאָליציי״ איז דורך די דייטשן באַשטימט געוואָרן חיים זיעלאָני, אַ ראַקעווער יונגערמאַן, וואָס האָט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה געלעבט אין דעם וויכטיקן צענטער פון דער פּוילישער כעמישער אינדוסטריע כאָזשאָוו. ביים דערנענטערן זיך אַהין פון די דייטשן איז זיעלאָני צוריקגעקומען אין זיין געבורט-שטעטל, ווו עס האָט געלעבט זיין מוטער.

די באַשטימונג פון דער „יידישער פּאָליציי״ איז געווען פאַרבונדן מיט דער איינפירונג פון די ערשטע געטאָס אין פוילן, שוין ביים אָנהויב פון 1940סטן יאָר. אין ראַקעוו גופא איז קיין פאַקטישער געטאָ קיינמאָל נישט איינגעפירט געוואָרן. בלויז ביי די וועגן, וואָס פירן אַרויס פון דעם שטעטל, זענען אויף הויכע סלופּעס אויסגעהאָנגען געוואָרן מעלדונגען, אַז יידן טאָרן נישט פאַרלאָזן דאָס שטעטל און ווער עס וועט עובר זיין אויפן דאָזיקן פאַרבאָט, וועט באַקומען טויט-שטראָף.

דער יידן־ראַט און די יידישע פּאָליציי, וואָס האָט אָפיציעל געטראָגן דעם נאָמען פון „יידישער אָרדענונג־דינסט", זענען געווען פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר אַלעם, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן יידישן ישוב, פאַרן פּינקטלעכן אויפמאָנען די ארויפגעלייגטע קאָנטריבוציעס און אַלערליי שטייערן, פאַרן צושטעלן יידן צו דער אַרבעט אין שטעטל גופא און צו דער אַרבעט מחוץ דעם שטעטל, דאָס הייסט, צו דער דעפּאָרטירונג פון די יידן.

אין ראַקעוו איז די יידישע פּאָליציי באַשטאַנען פון אַן ערך 6 אָדער 8 מענטשן. זיי האָבן באַקומען בלויז פּאָליצייאישע היטלעך מיטן אויפ־שריפט „אָרדענונג־דינסט" און די זעלבע אויפשריפט האָבן זיי אויך גע־האַט אויף די אָרעם־בענדער. זיעלאָני האָט געטראָגן אויפן אָרעם־באַנד דעם אויפשריפט „פּרעזעס". בכלל האָט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג ביים אָנהויב געמוזט טראָגן די גוט־באַקאַנטע ווייס־בלויע בענדער מיטן מגן־דוד און יעדער איינוווינער, וואָס האָט דערפילט אַ וועלכע עס איז נעזעלשאַפטלעכע מיסיע, האָט דאָס געמוזט האָבן אויפגעשריבן אויפן אָרעם־באַנד. די פרויען און מיידלעך, דערונטער מלכה גופא, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביי די פאָלקס־קיכן פאַר די פּליטים, וועלכע האָבן צו־געשטראָמט קיין ראַקעוו, האָבן געהאַט דעם אויפשריפט „פרויען־הילף".

די יידישע פּאָליציי האָט געדאַרפט אָפּהיטן, אַז אַזוי זאָל עס טאַקע זיין.

מלכה אָוושיאַני רעדט מיט גאָר ווייניק ענטוזיאַזם וועגן דער טע־טיקייט פון דער יידישער פּאָליציי און פון דעם פּרעזעס פון דעם יידן־ראַט אין ראַקעוו, זיעלאָני. פאַראַן אפילו אַ סך פאַרביטערונג אין אירע ווערטער, ווען זי דערמאָנט זיי, ליידער זענען זיי אָפּטמאָל געווען צו פּינקטלעך און צו שטרענג ביים אויספירן די נאַצישע באַפעלן. דעריבער האָט אויך די קעגנזייטיקע באַציאונג צווישן די איינוווינער און דער יידי־שער פּאָליציי גאָרנישט געהערט צו די בעסטע.

אויב בנוגע די רייכערע איינוווינער האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן נאָך ארויסגעוויזן אַ וועלכן עס איז רעספּעקט, אַ דאַנק דעם ספּעציעלן „שטייער", וואָס זיי פלעגן באַקומען, איז אָבער די אָרעמערע באַפעלקערונג און בפרט די צוגעשטראָמטע פּליטים סתם געווען אויף הפקר. אין דעם

הויז, וווּ עס האָט זיך געפונען דער יידן־ראַט און די יידישע פּאָליציי, איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ספּעציעלער יידישער אַרעסט, וווּ די „ניט־געהאָרכזאַמע" יידן פלעגן איינגעזעצט ווערן. נישט איינער פון די אַרעסטירטע יידן האָט באַקומען גוט געשלאָגן פון די יידישע „אָרדענונג־היטער" מיט גומענע פּאַלקעס, וואָס די דייטשן האָבן זיי געגעבן אַלס זייער שוץ־מיטל.

אמת, די „יידישע פּאָליציי" איז נישט באַשטאַנען פון קיין מענטשן פון אַ הויכער מאָראַלער מדרגה און געזעלשאַפטלעכער אחריות. מלכה זאָגט, אַז די ראַקעווער יינגלעך האָבן אין דער דאָזיקער פּאָליציי נישט געוואָלט אַריינטרעטן. בלויז איינער האָט עס געטון, אָבער אויך דאָס איז נישט געווען קיין בעסער יינגל... די אַנדערע יידישע פּאָליציאַנטן זענען געווען פּליטים־טיפּן פון אַ ניט־קלאָרער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָבן בעת דער מהומה געפונען שוץ אין ראַקעוו און זיך דאָ אַרומגעדרייט דעמאָראַליזירטע, אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג.

די דאָזיקע ביטערע דערפאַרונג וועגן די אַזוי־גערופענע „יידישע פּאָליציאַנטן" האָט זיך ביי מלכהן באַשטעטיקט אויך בעת אירע ווייטערדיקע, פּיל־טראַגישערע איבערלעבונגען, בעת איר פּיינפולן וואַנדערוועג.

צווישן דער יידישער איינוווינערשאַפט אין פּוילן האָט בכלל געהערשט דאָס געפיל, אַז — מיט געוויסע אויסנאַמען — האָבן די ערגסטע יידישע עלעמענטן אָנגענומען אָפּיציעלע נאַצישע אַמטן, בפרט טאַקע אין דער אַזוי־גערופענער יידישער פּאָליציי. דאָס ווערט באַשטעטיקט דורך די באַריכטן אויך פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. אין וואַרשעווער געטאָ האָבן יידן אַפילו דערשאָסן דעם קאָמאַנדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, וואָס איז געווען נאָך אַ פּאָליציאַנט אין די פּוילישע צייטן, דער משומד שערינסקי. ס'איז ממש געווען דאָס געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע אָפּפאַל פון דעם פּויליש־יידישן לעבן, אָט די דאָזיקע „יידישע פּאָליציי". זיי, די „אָרדענונג־היטער", האָבן קודם־כל געזוכט צו מאַכן געשעפטן מיט די נאַציס און זיך אַזוי־אַרום איינקויפן ביי זיי אין יחוס. זיי האָבן געמיינט, אַז עס וועט זיי אויף אַזאַ אופן געלינגען צו פאַרהיטן זייער אייגן לעבן פון אומקום, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ טעות. אויך זיי

האָט נישט אויסגעמיטן די נאַצישע רציחה. האָט די יידישע פּאָליציי אין א שטאָט אָדער א געגנט דערפילט איר מיסיע און די דייטשן האָבן זיי שוין נישט געדאַרפט מער, האָט מען זיי גליך ליקווידירט פון דער וועלט... עס איז אויך געווען געגוג, אַז אַ יידישער פּאָליציאַנט זאָל טון עפּעס אַזוינס, וואָס דעם דייטש איז נישט געפעלן געוואָרן, אָדער דעם דייטש האָט זיך סתם אַזוי פאַרגלוסט צוליב אַ קאַפּריז — האָט ער דעם יידישן פּאָליציאַנט דערשאָסן פונקט ווי יעדן אומגליקלעכן יידישן קרבן.

עס איז געקומען די צייט פון די מאַסן-גירושים פון פיל פּוילישע שטעט, וועלכע די דייטשן האָבן באַטראַכט פאַר וויכטיק פאַר זייערע סטראַטעגישע צילן.

יידישע פאַמיליעס פלעגן פּלוצלינג באַקומען באַפעלן אין משך פון געציילטע שעהן צו פאַרלאָזן זייערע וווין-ערטער. ווו די יידן זאָלן גיין, האָט מען נישט שטענדיק אָנגעוויזן. מען האָט פשוט געהייסן אַוועק פון דעם ביז-איצטיקן וווין-אָרט.

עס האָט זיך אָלזאָ אָנגעהויבן אַ טראַגישע וואַנדערונג פון איין טייל לאַנד צום אַנדערן, פון איין שטאָט צו דער אַנדערער און פון איין קהילה צו דער אַנדערער.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער מאַסן-ליקווידאַציע פון דעם פּוילישן יידנטום.

גאַנצע יידישע פאַמיליעס האָבן מיט דעם גאָר קליינעם ביסל, וואָס זיי האָבן געקענט ראַטעווען, אָפטמאָל מיט קליינע קינדער און מיט קראַנקע, זיך געלאָזט איבער אומבאַקאַנטע וועגן. ליידער זענען נישט אַלע קליינע און פאַראָרעמטע קהילות געווען אימשטאַנד אויפצונעמען די נייע פּליטים-כוואַליעס, ווייל עס איז נישט געווען קיין שום וווינונג-מעגלעכקייט און די לאָקאַלע דייטשע מאַכט-אָרגאַנען האָבן נישט אומעטום דערלויבט אויפצונעמען נייע יידישע וואַנדערער, גרייטנדיק זיך אַליין דורכצופירן אַ גירוש. באין-ברירה האָט מען וווינטער אין די פרעסט, רעגנס, איבער בלאָטיקע וועגן און אין זומער, אין די שרעקלעכסטע היצן, געמוזט ווייטער וואַנדערן.

זעלטן ווען מיט אַ באַן, אַמאָל מיט אַ פּויערישער פור, אָבער ס'רוב צו פוס, האָט מען עס אַזוי געוואַנדערט, הגם נישט אַלע האָבן עס דער-

לעבט אַנצוקומען אין אַ צווייטן אָרט. נישט איין טאַטע-מאַמע האָבן אויפן וועג געמוזט לאָזן דעם טויטן קערפּער פון זייערס אַ קינד און נישט איין קינד, וואָס האָט זיך געלאָזט אויף דער וואַנדערונג מיט טאַטע-מאַמע, איז אין אַ צווייטער שטאָט אָנגעקומען אַלס יתום.

אַזוי האָבן יידן געוואַנדערט איבער די פּוילישע וועגן שוין אין דעם ערשטן יאָר פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, און אַזוי איז אויך אָנגעקומען קיין ראַקעוו דער ערשטער טראַנספּאָרט פון אַ פּאָר צענדליק יידישע פאַ-מיליעס פון פּלאָצק. דער טראַנספּאָרט איז באַשטאַנען פון אַן ערך 100 נפשות.

מען האָט זיי איינגעאָרדנט אין די יידישע לאָקאַלן פון דער ראַקע-ווער קהילה, די „רייכערע" פּליטים האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי פּריוואַטע פאַמיליעס. מען האָט גלייך איינגעאָרדנט אַ פאָלקס-קיך, וווּ די פּליטים האָבן געגעסן אַ גאַנצע וואָך און בלויז שבת פלעגן זיי עסן פּריוואַט ביי די ראַקעווער איינוווינער.

קוים האָבן זיך די פּלאָצקער פּליטים באַוויזן איינצואָרדענען, איז שוין אָנגעקומען אַ גרופּע פון 50 אַרויסגעשיקטע יידן פון ראַדאָם, דאַן פון קעלץ און אַפילו פון וואַרשע און לאָדזש, עס האָבן זיך אין ראַקעוו באַוויזן פּליטים, נישט נאָר פאַרטריבענע דורך די דייטשן האָבן דאַן געוואַנדערט, נאָר אויך יחידים, וואָס האָבן זיך נישט געפילט זיכער אין איין אָרט, האָבן געזוכט רו און זיכערקייט אין אַן אַנדער אָרט. מען האָט זיך גאָרנישט גערעכנט מיט דער געפאַר, מיט וועלכער אַזאַ וואַנדערונג פון איין אָרט צום אַנדערן איז געווען פאַרבונדן. פאַר אַ סך איז שוין געווען אַלץ איינס, וואָס מיט זיי וועט געשען אויפן וועג.

אין דעם קליינעם, געמיטלעכן ראַקעוו איז געוואָרן אַן אומגעוויינ-לעכע מענטשן-באַוועגונג. די גאַסן און די פּלעצער זענען איבערפולט גע-וואָרן, כאָטש דאַן איז נאָך וווייט-וווייט די צאָל צוגעוואַנדערטע יידן נישט געווען אַזוי גרויס, ווי דאָס איז געוואָרן אַ יאָר שפּעטער, ווען די יידישע באַפעלקערונג פון ראַקעוו איז געשטיגן צו אַכט טויזנט נפשות. דאָס איז פאַר די פּרימיטיווע באַדינגונגען פון דעם קליינעם שטעטל געווען אַ קאָ-לאָסאַלע ציפער.

בלויז אַ קליינע צאָל פון די צוגעוואַנדערטע האָט זיך געקענט איינ-

אָרדענען ביי אַ וועלכער עס איז אַרבעט. בלויז אַ קליינער טייל פון די פּליטים האָט געהאַט גענוג מיטלען זיך אַליין צו פאַרזאָרגן. די אַנדערע האָבן געמוזט אָנקומען נאָך הילף פון דעם יידן-ראַט, וואָס האָט ווידער געמוזט אַרויפלייגן אויף די אָרטיקע תושבים נייע שטייערן. די מענער האָבן זיך געכאַפּט צו פאַרשידענע אַרבעטן. ווינטער אָפּריייניקן דעם שניי פון די גאַסן, זומער האָט מען פאַר זיי געפונען אַנדערע אַרבעט. די פרויען און קינדער האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן שטעטל אָן אַ ציל, אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן.

די ידיעות, וואָס זענען דערגאַנגען פון אַנדערע שטעט, זענען געווען גאַנץ טרויעריקע. די לאַגע איז כסדר געוואָרן אומזיכערער, בפרט ווען אין שטעטל פלעגן זיך פּלוצלינג באַווייזן די דייטשע זשאַנדאַרמען פון אַפּטע.

פסח-צייט פון דעם ערשטן אָקופּאַציע-יאָר זענען די זשאַנדאַרמען אָנגעקומען מיט גרויסע לאַסט-אויטאָס און רופנדיק צו הילף די יידישע פּאָליציאַנטן, האָבן זיי דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין אַלע יידישע געשעפטן און צוגענומען כמעט די גאַנצע סחורה, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט געפינען.

— דאָס איז פאַר דער העלדישער דייטשער אַרמיי — האָבן די זשאַנדאַרמען סאַרקאַסטיש באַמערקט — איר מוזט באַצאָלן פאַר די נצחונות, וואָס די דייטשן האַלטן אָפּ אין גאַנץ אייראָפּע...

מען האָט קיין ברירה נישט געהאַט. מען האָט טאַקע געמוזט צאָלן און דערצו זייער טייער. מיט דעם לעצטן, וואָס מען האָט פאַרמאָגט, יעדנפאַלס מיט דעם אַלעם, וואָס מען האָט פאַר די דייטשן נישט געקענט אויסבאַהאַלטן.

אָבער מען האָט זיך אַלץ נישט באַקלאָגט, ווייל מען איז געווען צופרידן, וואָס מען לאָזט כאָטש די מענטשן ווייטער לעבן. וועגן אַנדערע באַקוועמלעכקייטן האָט מען ווייניק וואָס געטראַכט.

איינמאָל האָט מען אַרויסגערופן דרינגענד קיין אָסטראָוויעץ דעם פרעזעס פון יידן-ראַט זיעלאָני, און מען האָט אים געמאָלדן, אַז מיט דער באַן דאַרף אָנקומען אַהין אַ טראַנספּאָרט פאַרטריבענע יידן פון ווין. 100 פון די ווינער מוז אויפנעמען ראַקעוו. דער פרעזעס זיעלאָני האָט דעם באַפעל פּינקטלעך אויסגעפירט. מען האָט געדונגען פויערישע וואָגנס און

ווען דער ווינער פּליטים-טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען, האָט מען נעבראַכט קיין ראַקעוו די באַשטימטע צאָל. דאָס זיינען געווען ס'רוב אַלטע און קראַנקע מענטשן, אויסגעמאַטערטע און צעבראָכענע פון דער לאַנגער רייזע. די ראַקעווער באַפעלקערונג האָט מיט גרויס שוועריקייט זיי באַוויזן אינסטאַלירן ביי זיך און זיי צו פאַרזאָרגן מיט דעם מינימאַל-נויטיקסטן צום לעבן. נישט איינער פון די פאַרטריבענע פון ווין האָט זיך שנעל אַריבערגעטראָגן אויפן עולם-האמת, נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן די שווערע ליידן.

אַזוי זענען געלאָפן טעג, וואָכן און חדשים.

די זשאַנדאַרמעריע פלעגט פון צייט צו צייט איבערפאַלן דאָס שטעטל און פאָדערן נייע קאָנטינגענטן יונגע מענטשן, וועלכע מען האָט מיט לאַסט-אויטאָס אַוועקגעפירט אין אומבאַקאַנטע ריכטונגען. געזאָגט האָט מען, אַז דאָס פירט מען זיי קיין לובלין, ווו היטלער שאַפט אַ יידישע רעפּובליק פאַר די יידן פון די אייראָפּעאישע לענדער, וואָס די נאַציס האָבן שוין געהאַט אָקופּירט.

פון צייט צו צייט פלעגט ראַקעוו אויפגעציטערט ווערן נישט בלויז פון די שרעקלעכע קלאַנגען, וואָס זענען געקומען פון אַנדערע שטעט און וואָס האָבן דערציילט וועגן די נאַצישע בעסטיאַלישקייטן, נאָר אויך פון די געשעענישן אין ראַקעוו גופא.

אַזוי, למשל, האָט דער בלוטיקער נאַצי-זשאַנדאַרם מאַקס, אין אַ שיינעם זומער-טאָג, געטראָפן הינטערן שטעטל גיין אין דאָרף-אַריין דעם ראַקעווער הענדלער אַביש לאַנגער, וועלכער האָט עובר-געווען אויפן פאַרבאָט צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל. מאַקס איז געוואָרן מלא-רציחה, צוגעבונדן דעם ייד צו אַ פויערישן וואָגן און געטריבן דאָס פערד, שלעפנדיק אַזוי זיין אומגליקלעכן קרבן ביז ער איז פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט. אַ פאַרבלוטיקטן און דערפאָרמירטן, האָט מאַקס געלאָזט דעם טויטן קערפּער פון אַביש לאַנגערן ביים אַריינפאָר אין שטעטל, און אַ צופרידענער פון זיין בעסטיאַלישער טאַט, האָט ער געהייסן דעם יידן-ראַט אויפרוימען דעם קערפּער...

אַן אַנדער מאָל ווידער האָט דער זעלבער מערדער אָנגעטראָפן אויפן וועג פון ראַקעוו קיין לאַגאוו צוויי יידישע יינגלעך. מיט אַ שווידערלעכער

רציחה האָט דער זשאַנדאַרם זיי אָנגעהויבן שלאָגן ביז זיי האָבן פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. ערשט דאַן האָט זיך מאַקס „מרחם געווען" איבער זיינע קרבנות און זיי דערשאָסן.

דאָס זענען בלויז אייניקע עפּיזאָדן פון דער דריי-יעריקער נאַצי-אָקו-פּאַציע אין דעם שטעטל ראַקעוו.

מלכה אָוושיאַני שטעלט זיך נישט אָפּ אויף קיין פּרטים, ווייל פאַר איר זענען דאָס געווען דריי רואיקע יאָר פון לעבן. אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן אין די ימים-נוראים-טעג פון יאָר 1942, קומען אוים פאַר מלכהן יענע ערשטע דריי יאָר ווי אַ גן-עדן.

מען האָט נאָך געקענט ווי עס איז לעבן, שפּאַצירן איבער די גאַסן, שלאָפן אין דער היים מיט דער פאַמיליע, עסן, וואַשן זיך, מען האָט אפילו באַקומען בריוו פון דער פאַמיליע פון אויסלאַנד. דאָס זענען געווען זאַכן, וואָס מלכה אַליין און אירע חברטאָרינס האָבן שפּעטער קוים געגלויבט, אַז זיי האָבן עס אַמאָל איבערגעלעבט אין דערווירקלעכקייט. עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט ווי עפּעס אַ חלום, אַ פּשוטע פאַנטאַזיע.

אַזוי ביטער, אַזוי שווידערלעך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן זינט סעפּטעמבער 1942, פּונקט צו די דריי יאָר פון דעם מלחמה-אויסברוך.

IV

# גירוש-ראַקעוו

די אַנטוויקלונג פון די דייטש-סאָוועטישע מלחמה-אָפּעראַציעס האָט געלייגט דעם בלוטיקסטן חותם אויפן לעבן פון פוילישן יידנטום.

פּאָגראָמען, גירושים און מאַסן-מאָרדן — דאָס זענען געווען די איינציקע ידיעות, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן קיין ראַקעוו פון דער אוי-סערלעכער וועלט.

אַן אומרואיקייט האָט באַהערשט די 8000 יידישע נפשות, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין דעם קליינעם שטעטל.

איינצלנע יידן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין ראַקעוו פון שכנותדיקע געגנטן, האָבן דערציילט שוידערלעכע זאַכן וועגן דעם, וואָס דאָרט קומט פאָר.

די דייטשע זשאַנדאַרמען, וואָס פלעגן איצט אָנקומען קיין ראַקעוו, זענען געוואָרן נאָך חוצפּהדיקער און געהיימניספולער ווי פריער. די יידי-שע פּאָליציי און די מיטגלידער פון דעם יידן-ראַט האָבן ארויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע נערוועאישקייט.

יעדע פּאָר טעג זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן דעם גירוש פון יידן פון אַנדערע נאָענטע ערטער.

אָט האָט מען דערציילט וועגן דעם פּאָגראָם און גירוש אין קעלץ, וואָס געפינט זיך ס"ה 30 קילאָמעטער פון ראַקעוו, אָט זענען ידיעות וועגן דעם גירוש פון סטאַשעוו, וואָס איז שוין בלויז 12 קילאָמעטער פון דעם

שטעטל; אַז מעלדעט מען, אַז לאַגאַוו און די קרייז־שטאָט אָפּטע (אָפּאַ־טאָוו) זענען שוין יידן־ריין...

יעדן טאָג אַלץ שרעקלעכערע ידיעות און אַלץ נענטער און נענטער צו ראַקעוו.

פאַר די ראַקעווער יידן איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אומגליק לויערט שוין נאָענט אויף זיי.

עס איז געוואָרן אַ פּאַניק אין שטעטל. יידן האָבן אָנגעהויבן אויס־פאַרקויפן זייערע מעבל און זאַכן. די קריסטלעכע שכנים פון שטעטל און פון די דערפער האָבן אויסגענוצט די מהומה און נישט נאָר געקויפט אַלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט פאַר שפּאָט ביליקע פּרייזן, נאָר טאַקע אויך געראַבעוועט אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געקענט. מען האָט געצאָלט און אַ סך מאָל בלויז צוגעזאָגט צו באַצאָלן, ווען עס וועלן קומען בעסערע צייטן. אַ סך פּוילישע שכנים האָבן גענומען די זאַכן צו זיך זיי צו „באַ־האַלטן", אַז די דייטשן זאָלן עס נישט צונעמען. אַ סך יידישע בעלי־בתּים האָבן טאַקע בעסער געוואָלט אַוועקגעבן זייערע זאַכן צו די פּוילישע שכנים, אַבי נאָר די דייטשן זאָלן עס נישט באַקומען.

ראַקעוו האָט אָנגעהויבן איבערלעבן טעג און נעכט פון טויט־שרעק. בפרט טאַקע די נעכט.

פון די ידיעות, וואָס האָבן דערגרייכט פון אַנדערע ערטער, האָט מען שוין אין ראַקעוו געוווּסט דעם סיסטעם, וואָס די דייטשן ווענדן־אָן ביים דורכפירן אַ גירוש.

נאָך האַלבער נאַכט רינגלען זיי אַרום דאָס שטעטל, באַוואָפנט מיט גראַנאַטן און מאַשין־געווער, און פאַרטאָג, ווען די באַפעלקערונג איז נאָך געווען פאַרטיפט אין דעם אומרואיקן שלאָף, פלעגן די דייטשן אָנהויבן דעם אַלאַרם, צונויפטרייבן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, דורכנישטערן אַלע הייזער און ווינקלען אין שטאָט, בכדי גאַנץ פרי אָנצוהויבן דעם מאַרש אין דער אומבאַקאַנטקייט.

מיט דער פרוי אָוושיאַני, מלכהס מוטער, אין שטוב האָבן זיך אויך געפונען דער ברודער פון מלכהן, אברהם, דער שוואָגער שמואל קוכמאַן און אַ קוזין, אברהם צוקערמאַן.

וועלנדיק ראַטעווען די יוגנט, האָט פרוי אָוושיאַני געפּאָדערט פון

די קינדער, אַז זיי זאָלן ביינאַכט זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן. עס איז געווען אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן דער מוטער און די קינדער, וועלכע האָבן זי נישט געוואָלט לאָזן אַליין, אָבער צום סוף האָט די מוטער אויסגעפירט.

מלכה, איר שוואָגער און קוזין האָבן באַשלאָסן גיין נעכטיקן אין וואַלד-אַריין. דער ברודער אברהם אָווישיאַני, אַ בלאָנדער בחור מיט אַן עכט-אַרישן אויסזען, האָט פאַר אַ געוויסער סומע געלט באַקומען אַרישע פאַפּירן און איז געגאַנגען זיך אויסבאַהאַלטן צו אַ באַקאַנטער פויערישער פאַמיליע, צו די אָרלאָווסקיס אין דאָרף פּאָטאָק.

אין וואַלד האָבן זיי זיך אויסגעזוכט אַ זיכער אָרט, צווישן געדיכטע סאָסנע-ביימער און שמואל קוכמאַן האָט אויסגעגראָבן אַ טיפן גרוב, זיי האָבן עס אויסגעלייגט מיט צונויפגעזאַמלטע געוויקסן און אָפּפאַלן פון די ביימער און אַזוי דורכגעשלאָפן די נאַכט.

פאַרטאָג פלעגן זיי אַרויס פון זייער באַהעלטעניש און צוריקקומען אין שטעטל דורך אַ זייטיקן, זיכערן וועג. זעענדיק אַז אין שטעטל איז רואיק, זענען זיי צוריק אַריין אין זייער וווינונג, וווּ מען פלעגט פאַרברענגען דעם טאָג, בכדי ביינאַכט ווידער אַוועקצוגיין אין וואַלד-אַריין, מיטנעמענדיק מיט זיך עסנוואַרג און געטראַנקען, פון וועלכע זיי האָבן זיך געמאַכט אין דעם גרוב-באַהעלטעניש אַ גאַנצן רעזערוו.

אַ נאַכט, אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פינפטע, אַ צענטע... גאַנצע דריי וואָכן אַזוי.

דער ברודער אברהם, מיטן אַרישן אויסזען, פלעגט פאַרברענגען ביי די פויערים עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און יעדע פּאָר טעג צוריקקומען באַזוכן די מוטער.

עס זענען געווען די ימים-נוראים-טעג פון 1942סטן יאָר און עס איז איבעריק צו זאָגן, ווי טרויעריק די דאָזיקע ימים-נוראים זענען אַריבער.

מען האָט מורא-געהאַט, אַז די דייטשן וועלן אין זייער סאַדיזם דווקא וועלן אויסנוצן די דאָזיקע הייליקע יידישע טעג, בכדי איבערפאַלן און נישט בלויז פיזיש, נאָר אויך גייסטיק פייניקן די יידן...

האָבן טאַקע יידן אין די ימים-נוראים זיך נישט פאַרזאַמלט אין דער גרויסער, אַלטער הילצערנער שול, ניט אין די שטענדיקע מנינים, וואָס זיינען געווען אין שטעטל, נאָר אין פריוואַטע וווינונגען זענען זיך

די יידן אין קליינע גרופּעס צונויפגעקומען בבדי אויסצובעטן דאָס גוטע קוויטל פאַרן נייעם יאָר...

אַזוי איז דורך ראש-השנה, אַזוי איז דורך יום-כיפּור און אַזוי אויך סוכות, וואָס צום ערשטן מאָל איז אין דעם דאָזיקן יאָר קיין איין סוכה אין דעם שטעטל ניט אויפגעשטעלט געוואָרן.

נישט בלויז דער יום-כיפּור איז געווען אַ טרויעריקער. אויך שמחת-תורה איז געווען נישט ווייניקער טרויעריק. אין קליינע קרייזן, אין אָפּגעזונדערטע גרופּעס און פאַרמאַכטע צימערן האָבן זיך ראַקעווער יידן ווייגעדיק געפרייט מיט דער תורה.

מלכה דערמאָנט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, ווי יענעם שמחת-תורה האָט מען זיך אויך ביי זיי אין שטוב פאַרזאַמלט, געגעסן לעקעך, געטרונקען בראָנפן, געלאַכט און געווײנט, פּונקט ווי מען וואָלט געוווסט, אַז זיי זענען שוין צום לעצטן מאָל צוזאַמען.

ווי יעדן טאָג זענען זיי אויך די דאָזיקע נאַכט אַוועק שלאָפן אין זייער וואַלד-באַהעלטעניש, מיטנעמענדיק מיט זיך נאָך אַביסל שפּייז-זאַפּאַס, דאָס מאָל אויך לעקעך און בראָנפן.

עס איז געווען אַ קאַלטער און רעגנדיקער טאָג און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז געווען נאָך קעלטער און עס האָט נאָך שטאַרקער גערעגנט.

מלכה, איר שוואָגער און קוזין האָבן זיך ווידער געגרייט אין וועגאַריין. די מאַמעשי — דערציילט מלכה — איז נישט געווען אין שטוב. זי איז געגאַנגען אין שול אַריין. ווי עפּעס געטראָפן פון אַ מאָדנע פאַרגעפיל, כאָטש אָן שום באַשטימטער סיבה צו קענען זאָגן, אַז עס איז טאַקע די לעצטע נאַכט פאַרן גירוש, האָבן די יידן צומאָרגנס נאָך שמחת-תורה, באַשלאָסן זיך פאַרזאַמלען אין דער גרויסער שול, אָנצינדן ליכט, זאָגן כל-נדרי און תהילים.

ווען מלכה איז פאַרביי די שול, וועלכע איז געווען פול-געפּאַקט און העל-באַלויכטן פון דער גרויסער צאָל ברענענדיקע ליכט, איז דאָס געוויין און די געשרייען פון די דאָווענענדיקע יידן געווען ממש האַרץ-רייסנדיק.

עס איז געווען אַ טראַגישע יום-כיפּור-נאַכט, די דאָזיקע נאַכט צומאָרגנס נאָך שמחת-תורה.

מלכה האָט נישט געוואָגט אַריינצוגיין אין שול-אַריין. איבעריקנס איז עס געווען אוממעגלעך, אַזוי פול-געפּאַקט איז די שול געווען יענע נאַכט. זי איז אַלזאָ צוזאַמען מיט איר שוואָגער און קוזין אַוועק אין וואַלד-אַריין, צו זייער באַהעלטעניש.

זי האָט זיך אַפילו נישט געזעגנט מיט דער מאַמען. דאָס האָט אָפּט געטראָפן, אַז ווען זי איז אַוועק נעכטיקן אין וואַלד, איז די מוטער נישט געווען אין שטוב און זיי האָבן זיך נישט געזעגנט. זי האָט אָבער נישט געוווסט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל אין איר לעבן, וואָס זי קען זען איר מוטער.

אויפן וועג האָט זיך צו זייער דריי-פּערזאָניקער גרופּע פאַראייניקט נאָך אַ חבר פון שטעטל, לייביש דאַראַבעצקי, און זיי זענען אַלע פיר אַוועק צו זייער באַשטימטע אָרט אין וואַלד-אַריין.

די גאַנצע נאַכט האָבן זיי קיין אויג נישט צוגעמאַכט. נישט בלויז דער רעגן און די קעלט פון דער נאַכט, נאָר אויך דאָס שרעקלעכע בילד פון דעם יאָמער-געוויין אין דער אַלטער שול, האָט זיי קיין רו נישט געגעבן.

זיי האָבן זיך קוים דערוואַרט, אַז עס זאָל שוין אָנהויבן טאָגן. זיי זענען אַרויס פון זייער באַהעלטעניש און אַוועק אין דער ריכטונג פונעם שטעטל מיטן זעלבן וועג, וואָס זיי פלעגן גיין יעדן פאַרטאָג.

ווען זיי האָבן זיך שוין געפונען אַן ערך 2 קילאָמעטער פון שטעטל, האָבן זיי פּלוצלינג דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון אַ שיסעריי. וואָס נענטער זיי זענען צו צום שטעטל, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די שיסעריי און אַלץ בולטער האָבן זיך געהערט הימל-שרייענדיקע געוויינען און געוואַלדן, וואָס האָבן אָפּגעהילכט פון דעם שטעטל אין דער פוסטקייט פון דעם וואַלד.

איבערגעשראָקענע זענען זיי געבליבן שטיין. זיי האָבן זיך גוט איינגעהערט און שנעל פאַרשטאַנען, אַז דאָס שרעקלעכע איז געקומען: עס איז דער גירוש פון די ראַקעווער יידן.

זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן שוין נישט נאָך וואָס צוריקצוגיין אין זייער געבורט-שטעטל און זענען פאַרבליבן אין וואַלד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע טראַגישע עפּאָכע אין זייער לעבן.

בייטאָג האָבן זיי מורא-געהאַט צו זיין אויפן זעלבן אָרט, ווו זיי האָבן געגעכטיקט און האָבן זיך דעריבער אויסבאַהאַלטן צווישן די געדיכטע סאָסנע-ביימער, בכדי ביינאַכט ווידער זיך אומצוקערן צום גרוב, ווו זיי זענען געשלאָפן.

אַרומבלאָנדזשענדיק אַזוי איבערן גרויסן וואַלד, האָבן זיי אָבער אויף אַן אמתן פאַרבלאָנדזשעט און נישט געקענט געפינען זייער שטענדיקע באַהעלטעניש.

זוכנדיק אין משך פון לאַנגע שעהן די באַהעלטעניש זייערע, ווו זיי האָבן אַגב געהאַט אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל שפּייז פון דער גאַנצער צייט, וואָס זיי פלעגן קומען אַהין שלאָפן און מיטברענגען מיט זיך פאַרשידענע זאַכן, האָבן זיי נישט באַמערקט, ווי ליביש דאַראַבעצקי האָט זיך אין גאַנצן דערווייטערט פון זיי און וויפל זיי זאָלן אים נישט זוכן, וויפל זיי זאָלן אים נישט רופן, האָבן זיי אים מער נישט געטראָפן.

שעהן-לאַנג האָבן זיי געזוכט לייבישן, אָבער ער איז נעלם געוואָרן אין דעם געדיכטן וואַלד און מלכה ווייסט עד-היום נישט, וואָס מיט אים איז געשען.

ביים זוכן לייבישן, האָבן זיי אָבער צוריק אָנגעטראָפן אויף זייער גרוב, ווען זיי זענען צוגעקומען נענטער, האָבן זיי געהאַט אַ נייעם סורפּריז: עמעצער איז דאָרט געווען. דער גרוב איז אינגאַנצן צעוואָרפן און אַלע זייערע שפּייז-זאַפּאַסן האָט מען צוגענומען. קוים, קוים עפּעס געבליבן פאַר זיי.

זיי האָבן שוין מורא געהאַט צו בלייבן אויפן זעלבן פלאַץ און דעריבער האָבן זיי צונויפגעזאַמלט דאָס ביסל איבערגעבליבענע זאַכן, וואָס זענען געווען צעוווייקט פונעם רעגן און געגאַנגען זוכן אַן אַנדער אָרט.

שמואל קוכמאַן האָט ווידער אויסגעגראָבן אַ גרוב, עם „אויסגעבעט" מיט די געוויקסן און אַזוי זענען זיי דאָרט פאַרבליבן, טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט, איין וואָך און נאָך אַ וואָך. יעדן פאַרטאָג איז שמואל קוכמאַן געגאַנגען צום טייכל און געבראַכט אַ פלעשל וואַסער צום טרינקען און יעדע פאַר טעג איז ער אַוועק אין אַ נאָענטן דאָרף ברענגען אַ שטיקל ברויט.

דאָס איז געווען זייער דערנערונג אין משך פון דריי לאַנגע, שרעק-לעכע וואָכן.

עס איז שוין געווען חודש אָקטאָבער. ווען עס האָט נישט גערעגנט, איז געווען קאַלט און ווען די ערשטע פרעסטלעך האָבן אביסל אָפּגעלאָזט, האָט ווידער אָנגעהויבן רעגענען. קיין שטראַל פון זון איז אין הויך-בוי-טיקן אַלטן סאָסנע-וואַלד נישט דערגאַנגען.

די דריי יונגע איינזאַמע מענטשן האָבן אָנגעהויבן פילן די ליידן פון הונגער און די ליידן פון וועטער. וועגן אָפּוואַשן זיך איז קיין רייד נישט געווען. און די לייז האָבן שוין קיין רו נישט געגעבן נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט.

אויף דער דריטער וואָך האָט מלכה באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס וואַלד-לעבן. זי האָט געוואָלט אויפזוכן איר ברודער, איר מוטער.

און אין אַ קילן פרייטיק פאַרטאָג האָט זי זיך געלאָזט גיין צום דאָרף פּאָמאָק צו דער פויערים-פאַמיליע אָרלאָווסקי, ווו איר ברודער האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַט אויסבאַהאַלטן. עס האָט זי באַגלייט דער שוואָ-גער קוכמאַן, בכדי צו קענען געוויר ווערן וואָס ווייטער צו טון.

דער קוזין צוקערמאַן איז ווייטער פאַרבליבן אין וואַלד...

אַ נייע טראַגישע עפּאָפּיי האָט זיך אָנגעהויבן אין זייער לעבן.

V

# די פּוילישע שכנים

די גאַנצע צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין פּוילן האָבן מיר נישט געהאַט פאַר זיך קיין קלאָר בילד וועגן דער ראָל, וואָס עס שפּילן די פּוילישע שכנים אין באַצוג צו די געפּייניקטע יידן.

אַ דאַנק דער הילף, וואָס די אָרגאַניזירטע און באַוווסטזיניקע פּוילישע אַרבעטערשאַפט און געוויסע קרייזן פון דער פּוילישער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט האָבן צוגעטיילט די יידן אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דער בלוטיקער נאַצישער אונטערדריקונג, האָט זיך ביי אונדז געשאַפן די אילוזיע, אַז אין אַנבליק פון דער געמיינזאַמער געפאַר, וואָס עס האָט געלויערט איבערן גאַנצן לאַנד, האָבן די פּוילישע מאַסן געענדערט זייער אַנטיסעמיטישע שטעלונג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פּוילישע פאָלק האָט זיך אַרומגעזען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם, מיט וועלכן מען האָט געוואָלט אויסראָטן די יידן אין פּוילן פאַר דער מלחמה, איז געוואָרן דער קבר פאַר פּוילנס פרייהייט גופא.

די לעצטע טרויעריקע געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין פּוילן, די פּאָגראָמען קעגן דעם רעשטל פון דעם חרוב-געוואָרענעם פּוילישן יידנטום, האָבן פולשטענדיק צונישט געמאַכט אַלע אונדזערע אילוזיעס אין דער ראָזיקער הינזיכט.

ווען מיר קומען אין קאָנטאַקט מיט די לעבנגעבליבענע קרבנות פון דעם נאַציזם, ווען מיר הערן זייערע שילדערונגען, ווערן מיר ממש אויפ-

געציטערט, ווי אַזוי די פּוילישע שכנים האָבן געהאַנדלט מיט זייערע יידי־
שע מיטבירגער אונטער דער בלוטיקער נאַציישער אָקופּאַציע. ווי אַזוי מען
האָט אויסגענוצט די יידישע טראַגעדיע צו פאַרכאַפּן יידיש פאַרמעגן, רייך
צו ווערן אויפן חשבון פון דעם יידישן אומגליק.

עס ווייזט זיך, לײדער, אַרויס, אַז נישט די שלעכטע פּאָליאַקן זענען
געווען אַן אויסנאַם, נאָר להיפּוך, גוטע פּאָליאַקן האָבן אין פּוילן געהערט
צו די זעלטענע אויסנאַמען.

מלכה אָוושיאַנים טרויעריקע דערפאַרונגען אין דער הינזיכט זענען
דער בעסטער עדות דערפון.

זי האָט דערפילט דעם טעם פון אַנטיסעמיטיזם שוין אַלס קינד אין
איר געבורט-שטעטל, נאָך איידער די נאַציס האָבן אָקופּירט פּוילן. דאַן,
ווען די שול-יוגנט פלעגט קומען קיין ראַקעוו אויף וואַקאַציעס פון אַנדערע
שטעט, פון די גרעסערע צענטערס, פלעגן זיי גלייך פאַרפּלייצן דאָס קליינע
שטעטל מיטן אַנטיסעמיטישן סם, מיטן רופן צום באָיקאָטירן יידן, מיטן
אָרגאַניזירן העצעס קעגן יידן בעת יאַריד-טעג, ווען אין דעם שטעטל פלעגן
זיך צונויפקומען פּויערים.

אָבער בעת אירע טראַגישע וואַנדערונגען, בעת איר האָפענונגלאָזן
לעבן אונטער דער בלוטיקער נאַציישער אָקופּאַציע, אין אַרבעט-לאַגער און
צום סוף, שוין נאָך דעם באַפרייט ווערן, אין שוועדן, האָט די אַנטיסעמי־
טישע דערפאַרונג אָנגעפולט דעם בעכער פון אירע אַנטוישונגען בנוגע די
פּוילישע שכנים.

מיט די אָרלאָווסקים איז די פאַמיליע אָוושיאַני און די פאַמיליע צו־
קערמאַן, דער זיידע פון מלכהן, וואָס האָט געהאַט די מיל אין ראַקעוו,
געווען פאַרבונדן דאָס גאַנצע לעבן. האָט מלכה דערוואַרט, אַז אין די
שרעקלעכע, איינזאַמע טעג, וואָס זי האָט אין איר יונגן לעבן געהאַט
דורכצומאַכן, זייענדיק אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע געפאַרן, וועט זי
דאָרט געפינען שוץ און הילף.

די אָרלאָווסקים האָבן דאָך גוט געקענט מלכהן און איר פאַמיליע...

געשען איז אָבער גאָר אַנדערש.

ווען מלכה איז יענעם פרייטיק, 9 אַזייגער פרי, אָנגעקומען אין אָר־
לאָווסקים ווירטשאַפט, איז די דאָזיקע פאַמיליע געווען אין פעלד באַשעפ־

טיקט ביים אויסגראָבן קאַרטאָפל. מלכה האָט זיך דעריבער באַהאַלטן אין דער גרויסער הינער־שטייג, וואָס האָט זיך געפונען אין דערווירטשאַפט און געוואַלט איבערוואַרטן ביז די אָרלאָווסקיס וועלן זיך אומקערן פון דער פעלד־אַרבעט. דער שוואָגער קוכמאַן איז אַוועק זוכן אַ שטיקל ברויט און אַביסל וואַסער. ווען ער האָט עס געבראַכט און זיי האָבן אַביסל אונ־טערגעהאַלטן דאָס פאַרחלשטע האַרץ, זענען זיי פאַרבליבן אין דער הינער־שטייג ביזן אָוונט. דאַן איז קוכמאַן אַוועק צוריק אין וואַלד אַריין, ווו עס איז פאַרבליבן דער קוזין צוקערמאַן, און מלכה אַליין איז אַ נישט־דרייס־טע, אַן אויסגעמאַטערטע און נישט־געוואַשענע פון דעם דריי־וואָכעדיקן לעבן אין וואַלד, אַריין אין דער דאָרפישער וווינונג פון די אָרלאָווסקיס, ווו זי האָט געהאָפט צו געפינען איר אויסבאַהאַלטענעם ברודער.

מיט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן האָט זי די פּויערטע אָנגעקוקט:

— מלכה, דו לעבסט נאָך?

דאָס איז געווען דער שיינער ברוך־הבא, וואָס מען האָט אָפּגעגעבן דעם איינזאַמען מיידל.

מלכה האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט נישט פאַר־שטאַנען די פראַגע, זי האָט נישט געוווסט פאַרוואָס זאָל זי נישט לעבן.

ווען זי האָט זיך אָבער געפרעגט, ווו איז איר ברודער אברהם, האָט זי פאַרשטאַנען די סיבה, פאַרוואָס די פּויערים האָבן באַטראַכט אויך זי פאַר טויט.

די אָרלאָווסקיס האָבן איר דערקלערט, אַז דער ברודער אירער איז מיט עטלעכע טעג צוריק אַוועק צוריק קיין ראַקעוו, זוכן דעם טויטן קער־פּער פון זייער מוטער...

ווידער האָט די ידיעה זי געטראָפן ווי אַ דונער.

— מען האָט געהרגעט די מאַמעשי? — האָט מלכה מיט אַ טיפן ווייטיק אויסגערופן — ווער, ווען, ווו?

די פּויערים האָבן זיך אַביסל פאַרלוירן. זיי אַליין ווייסן נישט קיין שום פּרטים וועגן דעם, נאָר אַ פּויערטע, וואָס איז צו זיי געקומען פון ראַקעוו, האָט דערציילט, אַז דאָס שטעטל איז שוין אינגאַנצן יידן־ריין און אַז ביים נירוש האָבן די זשאַנדאַרמען דערשאָסן אַ סך יידן. דאָרט זאָל זיך האָבן געפונען אויך מלכהס מוטער. מיט חדשים שפּעטער האָט

זיך מלכה דערוווּסט, אַז די דאָזיקע ידיעה איז געווען אַ פאַלשע. איר מוטער האָט זיך געפונען צווישן די אַרויסגעשיקטע פון שטעטל און האָט זיך אויף די שווערע וואַנדלונגען צוזאַמענגעטראָפן מיט מלכהס ברודער אברהם. אָבער דאָס איז געווען שפּעטער. דערווייל האָט זיך מלכה געפונען אונטערן רושם פון דער עצם-ידיעה וועגן דער מוטערס טויט און וועגן אברהמס אוועקגיין צוריק קיין ראַקעוו.

מלכה האָט נישט געוווּסט וואָס מיט איר טוט זיך. זי איז אַריין אין אַ צווייטן צימער און דאָ האָט זי געטראָפן אַ נייעם סורפּריז:

ביי אָרלאָווסקין אין הויז האָבן זיך געפונען אייניקע מעבל-שטיק פון זייער ראַקעווער וווינונג, דערונטער אויך אַ סאָפע, אויף וועלכער מלכה פלעגט זיך אַזוי אָפט אויסרוען אין איר ראַקעווער היים.

מלכה איז געפאַלן אויף דער סאָפע און אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין.

די אָרלאָווסקיס האָבן זיך, ווייזט אויס, געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט צוליב דעם געפינען ביי זיי אין שטוב די מעבל פון מלכהס מוטער, און האָבן זי געפּרוווט בארויקן, פאַרענטפערנדיק זיך, אַז דאָס מעבל האָבן זיי געקויפט פאַר געלט אויף אַ ליציטאַציע אין ראַקעוו. אָבער נישט צוליב דעם מעבל האָט מלכה געוויינט. זי האָט באַוויינט דעם גורל פון איר מוטער און איר אייגענעם גורל. זי האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין פאַר וואָס זי האָט געלאָזט די מוטער אַליין און אַוועק אין יענער טראַגישער נאַכט אפילו אָן אַ זיי-געזונט...

די געשעענישן זיינען דערווייל געגאַנגען פאָרויס מיט אַ שנעלן טעמפּאָ און צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן זענען אויך געשטיגן מלכהס שווערע ליידן.

שבת פאַרטאָג איז צוריקגעקומען פון וואַלד דער שוואָגער פון מלכהן. ער איז געקומען אַליין. זי האָט נישט באַוויזן צו פרעגן, ווו איז געבליבן דער קוזין צוקערמאַן, וואָס האָט זיי די גאַנצע צייט באַגלייט אין זייער וואַלד-לעבן, ווי קוכמאַן האָט זיך צעוויינט.

מלכה האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז ווידער געשען עפּעס אַן אומגליק.

מיט אַ געבראָכענער שטימע האָט קוכמאַן דערציילט, אַז ווען ער איז

ביינאַכט אָנגעקומען צום באַהעלטעניש אין וואַלד, האָט ער שוין דאָרט צוקערמאַנען נישט געטראָפן. ביים גרוב, וואָס איז געווען צעוואָרפן, איז בלויז געלעגן צוקערמאַנס פאַרבלוטיקטע מאַרינאַרקע. אויך די ערד איז געווען פול מיט בלוט-פלעקן. וואָס מיט צוקערמאַנען איז געשען — איז עד-היום געבליבן אַ סוד. ווו און ווי אַזוי ער איז פאַרשווונדן געוואָרן, האָט מען זיך מער נישט דערוווסט.

מלכה איז, אַלזאָ, אַליין געבליבן מיט איר שוואָגער, אָבער לײַדער אויך ער איז נישט לאַנג געבליבן איר באַגלייטער. אויך ער האָט בקרוב געמוזט טיילן דעם גורל פון די מיליאָנען יידישע קדושים.

אָבער דערווייל זענען זיי נאָך געווען צוזאַמען. זיי זענען פאַרבליבן אין דעם זייטיקן צימער פון די אָרלאָווסקים, אַז קיינער זאָל זיי נישט זען. די פויערטע האָט זיי דערלאַנגט דאָרט אַביסל וואַרעמס און אַ שטיקל ברויט.

זיי זענען אויך פאַרבליבן דאָרט דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג. מיטיק-צייט איז צו די אָרלאָווסקים געקומען זייערע אַ באַקאַנטע קריסטין פון במעלניק און דערציילט, אַז די דייטשן מאַכן אומעטום אַ סוף מיט די יידן. אויך אין במעלניק איז שוין פאָרגעקומען דער גירוש, אָבער אויב אין ראַקעוו האָבן די דייטשן נישט איבערגעלאָזט קיין איין אייציקן ייד, האָבן זיי אָבער אין במעלניק יאָ איבערגעלאָזט 72 יידן, וועלכע די דייטשן האָבן נויטיק אויפצוראַמען און באַגראָבן די גרויסע צאָל יידישע מתים. די קריסטין האָט דערציילט, אַז צווישן די לעבנגעבליבענע יידן אין במעל-ניק געפינט זיך דער פריזירער מאַשענבערג, וועלכער איז געווען מלכהס אַ קרוב. אויך האָט זי דערציילט, אַז די דייטשן מאַכן גרויסע אָבלאַוועס און זוכן אומעטום באַהאַלטענע יידן.

מלכה און איר שוואָגער האָבן אַ ציטער געטון.

די אָרלאָווסקים האָבן זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז נעפער-לעך, זיי זאָלן פאַרבלייבן ביי זיי אין שטוב און זיי האָבן געראָטן, אַז זיי זאָלן זיך באַהאַלטן אין דער סטאָדאָלע. דאָרט איז מלכה מיטן שוואָגער איבערגעזעסן די גאַנצע נאַכט. עס איז געווען אַ קילע נאַכט, דער ווינט האָט געיאָגט פון אַלע זייטן און דער שטאַרקער רעגן האָט דורכגעדרענגט דורכן שטרוי, מיט וועלכן די שמוציקע סטאָדאָלע איז געווען באַדעקט.

זונטיק באַלד אין דער פרי איז די פויערטע אָרלאָווסקי אַריינגעקו-מען אין דער סטאָדאָלע און זיך געבעטן ביי מלכהן און איר שוואָגער, אַז זיי זאָלן פון דאַנען אוועק, ווייל אַנדערש קען געשען אַן אומגליק.

פאַרוואָס האָט די פויערטע פּלוצלינג אַזוי מורא באַקומען?

גאַנץ פּשוט: ביינאַכט האָבן וואָלנעס געקראַקעט און דאָס איז שוין אַליין אַ סימן פון אומגליק. אויסער דעם האָבן זיך איר געחלומט פערד, און דאָס איז שוין אַ בפירושער סימן פון טויט.

מלכה האָט אָפּגעוויינט, אַז די פויערטע זאָל זיי לאָזן דעם זונטיק-דיקן טאָג און נאָך איין נאַכט, צוזאָגנדיק צומאָרגנס, מאָנטיק, פאַרלאָזן דאָס דאָרף.

זיי האָבן באַשלאָסן צו וואַנדערן קיין כמעלניק, ווו זייער קרוב גע-פינט זיך דאָך נאָך צווישן די געציילטע לעבנגעבליבענע יידן.

צו דער באַשטימטער צייט, מאָנטיק פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך גע-ווען פינצטער, האָט מלכה מיט קוכמאַנען פאַרלאָזט אָרלאָווסקיס ווירט-שאַפט. פאַרן אוועקגיין האָט מלכה איבערגעלאָזט ביי אָרלאָווסקין דעם אַדרעס פון איר פאָטער אין בוענאָס איירעס, בעטנדיק אים, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, זאָל ער אָנשרייבן צום פאָטער אַ פּאָר ווערטער וועגן איר לעבטן באַזוך.

דער וועג פון דעם דאָרף פּאָטאָק ביז כמעלניק איז עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער. אויפן דאָזיקן וועג האָבן זיך ביידע יונגע מענטשן אוועקגעלאָזט, זוכנדיק אָפּטמאָל זייטיקע אומוועגן, בפרט לענגאויס דעם באַן-וועג, בכדי נישט אָנצוטרעפן אויף קיין דייטשע נאָכפאָלגער.

קיין דייטשן האָבן זיי טאַקע דעם גאַנצן וועג נישט אָנגעטראָפן, אָבער דערפאַר האָבן זיי יאָ אָנגעטראָפן אויף פּוילישע שכנים...

דריי מאָל זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די פּוילישע פּאַרביי-גייער, וועלכע האָבן זיי דריי מאָל באַרויבט.

מען האָט פון זיי אָראָפּגעשלעפּט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט. אַמאָל דעם מאַנטל, אַמאָל אַ שאַל. מלכה האָט געציטערט, אַז די אָנפאַלער זאָלן זי נישט וועלן געבן רעווידירן, ווייל זי האָט געהאַט באַהאַלטן געלט, וואָס

איר מוטער האָט איר געהאַט מיטגעגעבן נאָך ביים סאַמע אָנהויב, ווען זי האָט אָנגעהויבן דאָס נאַכט-לעבן אין וואַלד.

די ערשטע צוויי מאָל זענען דאָס געווען פרעמדע שקצים, וועלכע האָבן אויף אַ ציניש אופן געפאָדערט די זאַכן, דראָענדיק צו רופן די דייטשן.

דאָס דריטע מאָל האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף דריי שקצים, וואָס איי־נער פון זיי איז געווען אַ גוטער באַקאַנטער פון ראַקעוו, ווו ער פלעגט אָפט אַריינקומען צו זיי אין שטוב ווען פאַרשידענע געשעפטלעכע ענינים.

דאָ זענען זיי געווען זיכער, אַז קיין שום שלעכטס וועט נישט געשען. אָבער זיי האָבן זיך ווידער שטאַרק אַנטוישט. צוויי פון די שקצים, די אומבאַקאַנטע, האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, ווי זיי וואָלטן עס געהאַלטן וואַך. דאַקעגן דער באַקאַנטער האָט זיך געהייסן געבן די זאַכן, וואָס זיי טראָגן אויף זיך.

מלכה האָט אָנגעהויבן בעטן, ס'טייטש, זיי קענען זיך דאָך גוט פון ראַקעוו און ווי וואָגט ער אַזאַ מין זאַך, צונעמען ביי זיי דאָס לעצטע, וואָס איז זיי געבליבן.

אָבער דער שגץ האָט זיך ווייניק וואָס איבערגענומען מיט דער אַל־טער באַקאַנטשאַפט. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין מודה, אַז זי זאָל זיך אַמאָל קענען נוקם זיין אָן אים פאַר זיין רויב. ער האָט אָנגעהויבן אַראָפּרייסן פון איר דעם וואַרעמען מאַנטל, וואָס זי האָט געהאַט אויף זיך, און אויסגערופן:

— איר זענט שוין נענוג געווען גוט אָנגעטון. איצט דאַרפן מיר זיך אויך אָנטון.

מלכה האָט זיך קוים אָפּגעבעטן, אַז ער זאָל איר לאָזן דעם מאַנטל. אָבער די הויכע שטיוול-שיך, וואָס זי האָט געטראָגן, בכדי צו פאַרהיטן די פיס פון קעלט און רעגן, האָט זי נישט געקענט אָפּבעטן און געמוזט זיי אינמיטן ווענ אויסטון און אָפּגעבן דעם רויבער.

אויך קוכמאַן האָט עפּעס געמוזט געבן אויסלייז-געלט, און ווען די דריי שקצים, צופרידענע מיט זייער רויב, האָבן זיך דערווייטערט, האָט

מלכה אָוושיאַבי דערציילט...

מלכה, דאָס מאָל שוין אַ באַרוועסע, צוזאַמען מיט איר שוואָגער זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין לענגאויס די באַן-רעלסן.

עס האָט ווידער גערעגנט און דער וועג איז געווען אויסגעלייגט מיט קליינע שטעכעדיקע שטיינער.

זיי זענען געגאַנגען זייער שנעל, ממש געלאָפן, ממש די נשמה פון זיך אַרויסגעיאָגט, בכדי אויסצומיידן אויפן וועג נייע אומאַנגענעמע סורפּריזן און וואָס שנעלער זיך דערשלאָגן צום ציל פון זייער וואַנדערונג.

אין די פאַרמיטיק-שעהן פון דעם רעגנדיקן מאָנטיקדיקן טאָג, איז מלכה מיט איר באַגלייטער אָנגעקומען קיין כמיעלניק.

## VI

# די לעצטע יידן אין כמיעלניק

פון די דריטהאַלבן טויזנט משפחות, וואָס האָבן צווישן ביידע וועלט-מלחמות געלעבט אין כמיעלניק, זענען צוויי טויזנט משפחות, ד. ה. העכער אַכט טויזנט נפשות, געווען יידן.

דאָס איז שוין דאַכט זיך גאַנץ גענוג בכדי צו קענען באַגרייפן, אַז כמיעלניק האָט אין פוילן געהערט צו די יידישע שטעטלעך.

פון די 24 ראַטמענער, וואָס האָבן געבילדעט דעם כמיעלניקער שטאָט-ראַט, האָבן יידן געהאַט אַ רעכט אויף 23 מאַנדאַטן און אויף די 6 מיטגלידער פון דער מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג האָבן יידן געקענט פאַרנעמען אַלע מאַנדאַטן. לויט זייער צאָל, איז די יידן אפילו געקומען דער אַמט פון דעם שטאָט-פּרעזידענט. אָבער די כמיעלניקער יידן זענען גאָרנישט געווען אַזוי „אימפּעריאַליסטיש", איבעריקנס האָט דער סטאַ-ראָסטע (קרייז-שעף) פון בוסקאָ, צו וועמענס קרייז כמיעלניק האָט געהערט, זיך שוין באַמיט „איבערצוציינגן" די אָרטיקע יידן, אַז עס פּאַסט נישט, די יידן זאָלן אין פוילן פאַרנעמען אַלע אַמטן. מען דאַרף עפּעס אויך אי-בערלאָזן פאַר די פּאָליאַקן. האָבן זיך טאַקע די כמיעלניקער יידן איינפאַר-שטאַנען, אַז זיי וועלן פאַרנעמען בלויז 18 מאַנדאַטן אַלס ראַטמענער, לאָזנדיק די איבעריקע 6 פאַר דער פּוילישער מינדערהייט, בלויז 4 אַמטן אין דער מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג און אויך די שטאָט-פּרעזידענטשאַפט האָבן די יידן אָפּגעטראָטן אַ פּאָליאַק, וויילנדיק אויף דעם אַמט אַ סאָציאַ-ליסטישן טוער.

די יידישע שכינה האָט אַזוי שטאַרק גערוט איבער כמיעלניק, אַז ווען אַ יאַריד-טאָג איז אויסגעפאַלן בעת יידישע ימים-טובים, איז קיין יאַריד איינגאַנצן נישט פאַרגעקומען. טאָמער האָט אַ פּויער פאַרגעסן, אַז דער טאָג איז אַ „זשידאָווסקע שוויענטאָ" און יאָ געקומען קיין כמיעלניק, האָט ער, נעבעך, דאָרט נישט געהאַט וואָס צו טון און איז גלייך געפאָרן צוריק פון וואַנען ער איז געקומען.

געווען אפילו אַ צייט, אַז די „פּוילישע מינדערהייט" אין כמיעלניק האָט מורא-געהאַט, אַז יידן זאָלן פּראָקלאַמירן כמיעלניק אַלס אַ „יידישע מלוכה" און, ווער ווייסט, אפשר פון כמיעלניק וועלן זיי פאַרכאַפּן גאַנץ פּוילן... דאָס איז געווען אין יאָר 1918 גלייך נאָך דער באַפרייאונג פון פּוילן. אין קעלץ, וואָס געפינט זיך ס"ה איין שעה רייזע פון כמיעלניק, איז פאָרגעקומען דער ערשטער פּאָגראָם אויף יידן. האָבן די כמיעלניקער יידן איינגעאָרדנט אַ גראַנדיעזן פּראָטעסט-אַקט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פאָלקס-מיטינג אין דער אַלטער שול און שפּעטער מיט אַ מאַני-פעסטאַציע איבער דער שטאָט. די אַרבעטער-גרופּן האָבן זיך אין דער דאָזיקער מאַניפעסטאַציע באַטייליקט מיט רויטע פענער, ווי דאָס איז גע-ווען זייער שטייגער. ווען די מאַניפעסטאַציע האָט זיך דערנענטערט צום מאַגיסטראַט, האָט אַ גרופּע כוליגאַנעס, וואָס איז דאָרט געווען באַהאַלטן, געעפנט אַ שיסעריי אויפן המון און אוועקגעלייגט טויט די צוויי יונגע יידישע מיידלעך טערק און זשערניצקי. דאָס זענען געוואָרן די ערשטע יידישע קרבנות פון דער פּוילישער „באַפרייאונג" אין כמיעלניק.

בכלל אָבער האָט די יידישע באַפעלקערונג אין כמיעלניק פאַרן כו-ליגאַנישן אַנטיסעמיטיזם זיך ווייניק וואָס געשראָקן. די יידישע יוגנט איז געווען גוט אָרגאַניזירט אין פּאָליטישע און אַרבעטער-באַוועגונגען, ווי אויך אין יידישע ספּאָרט-קלובן און האָט געקענט אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט שטעלן אַ געהעריקן ווידערשטאַנד.

מיט די אַנטיסעמיטן האָבן די כמיעלניקער יידן דעריבער קיין גרויסע דאגה נישט געהאַט. ערגער איז געווען מיט די פּאַרטיי-רייסענישן צווישן יידן גופא.

כמיעלניק איז אויפן פּאַרטיי-געביט נישט געווען קיין שום אויסנאַם פון אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. געווען דאָרט פּאַרטייען

און גרופּן, ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און קולטור-אָרגאַניזאַציעס, וואָס יעדע איינע האָט געפירט פּאָליטיק אויף איר אופן.

די שטאַרקסטע פּאָליטישע גרופּע אין כמיעלניק איז געווען די לינקע פּועלי-ציון. ממש אַ פעסטונג פון דער אָרגאַניזאַציע. געווען אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט אַלע שאַטירונגען און אָפּצווייגן. דווקא דער „בונד", וואָס האָט געהאַט די גרעסטע טייל פון דער אַרבעטערשאַפט אין דעם רוב שטעט און שטעטלעך, האָט זיך אין כמיעלניק קוים אָנגעזען. אפילו די אַזוי-גערופענע שטאָטישע ביבליאָטעק, וואָס איז פאַקטיש געווען אַ יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק, איז געווען אונטער דער השפעה פון די לינקע פועלי-ציון, כאָטש אויך אַנדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט זייערע ביבליאָטעקן.

אַ שטאַרקער קעגנגעוויכט צום יידישן נאַציאָנאַלן און פּראָלעטאַרישן לאַגער, איז געווען די אָרטאָדאָקסישע טייל פון כמיעלניקער יידן, וואָס האָט זיך אויך געטיילט אויף גרופּן, וועלכע האָבן צווישן זיך געפירט אָפּטמאָל אַ פאַרביסענעם קאַמף. געווען די אָפיציעלע „אגודה", וואָס האָט זיך געשטיצט ס'רוב אויף דער מאַסע פון גערער חסידים, געווען אויך אַלעקסאַנדער און מאָדזשיצער חסידים. ווי אין אַ סך ענלעכע שטעטלעך, האָבן די חסידים מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קאָמפּאַקטע מאַסע, וואָס האָט זיך אָנגעזען אפילו אין אַ פשוטן וואָכעדיקן טאָג. עס האָבן עקזיסטירט אין כמיעלניק צוויי אַלטע און גרויסע בתי-מדרשים, אַ ישיבה בית-יוסף און אַ באַדייטנדיקע צאָל חסידישע שטיבלעך, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דער מאַגיסטראַט-גאַס. אין אַ שבת אָדער יום-טוב נאָכן דאַווענען, אַז די חסידים פלעגן זיך ארויסלאָזן פון די שטיבלעך אין די אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און ברייטע שטריימלעך, איז די מאַגיסטראַט-גאַס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גראַנדיעזער חסידישער מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט אפילו ביי די גויאישע שכנים ארויסגערופן דרך-ארץ. עס איז געווען אַ סימבאָל פון דעם טיף-איינגעוואָרצלטן יידישן פאָלקס-לעבן אויף דער פּוילישער ערד.

די כמיעלניקער שטאָלצירן עד-היום מיט זייער אַלטער און פּרעכטיקער שטאָטישער שול, וואָס האָט געהאַט אויף זיך דעם חותם פון הונדערטער יאָרן, און וואָס דורות יידן האָבן דאָרט געדאַוונט. די שול איז

געוועזן, לויטן מוסטער פון די אַלטע קעניגלעכע צייטן, אין סטיל פון א פעסטונג. די מויערן פון דער שול זענען געווען צוויי מעטער די ברייט און דאָס זאָגט אַמבעסטן עדות וועגן דער סאָלידקייט פון איר אַרכיטעקטור. מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אין די צייטן פון די פוילישע קעניגן, פלעגן יידן אַזוי בויען זייערע שולן, וואָס זענען בעת די מלחמות פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פעסטונגען, פון וועלכע דאָס קעניגלעכע מיליטער פון פוילן האָט פאַרטיידיקט די שטאָט. (די נאַציס האָבן געוואָלט די שול פאַרניכטן, אָבער עס איז זיי נישט געלונגען, אַזוי מאַסיוו איז זי געווען געבויט). אויך די צוויי בית-עולמס זענען אַ סימן פון דער אַלטקייט פון דעם כמיעלניקער יידישן ישוב, ווייל איינער פון די בית-עלמינס, וואָס האָט זיך געפונען אין שטעטל גופא, אויף דער שול-גאַס, האָט שוין געטראָגן אַ מוזעאַלן כאַראַקטער, איז געווען פול מיט קברים און אַלטע מצבות און מען פלעגט מער דאָרט קיין מתים נישט מקבר-זיין. דער נייער בית-עולם האָט זיך שוין געפונען מחוץ פון שטעטל.

נישט ווייניקער אינטערעסאַנט און פאַרשידנאַרטיק איז געווען דאָס וועלטלעכע יידישע לעבן אין כמיעלניק. כאָטש ס׳רוב האָבן זיי געטראָגן לאַנגע קאַפּאָטעס און יידישע היטעלעך, האָבן די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, די פּאָליטישע און קולטורעלע, אָנגעהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אַלע יידישע קולטור-דערשיינונגען פון דעם מאָדערנעם יידישן לעבן, מיט דער יידישער ליטעראַטור און קונסט. סיי פון פוילן גופא, סיי אויך אַלס געסט פון אויסלאַנד, האָבן יידישע שרייבער, רעדנער און קינסטלער באַזוכט שטענדיק כמיעלניק, ווו זיי האָבן געפונען אַ גרויס פּובליקום און אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג. ס׳האָט געטראָפן אַ פאַל, אַז אַ טעאַטער-טרופּע פון באַקאַנטע יידישע שוישפּילער איז געקומען גאַסטראָלירן קיין כמיעלניק און האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, אַז אינמיטן פון דער פאָרשטעלונג האָט מען געפאָדערט, אַז די טרופּע זאָל פאַרבלייבן אין כמיעלניק כאָטש אויף נאָך צוויי פאָרשטעלונגען. ווען דער אָנפירער פון דער טרופּע האָט זיך אַנטשולדיקט פאַרן עולם, אַז דאָס איז אוממעגלעך, ווייל די שוישפּילער מוזן, אין הסכם מיט זייער פּראָגראַם, זיין צו דער באַשטימטער צייט אין אַנדערע שטעט אָדער שטעטלעך, ווו זייערע גאַסטראָלן זענען שוין אַנאָנסירט, האָט זיך פון עולם אויפגעשטעלט דער כמיעלניקער רעסטאָ-

ראַטער לייבל סילמאַן (פון דער באַקאַנטער אָרטיקער רבנים-פאַמיליע), אַליין אַ פאַרברענטער טעאַטער-חסיד און דערקלערט, אַז ער פאַרפליכטעט זיך צו דעקן דעם היזק, וואָס די קינסטלער קענען האָבן צוליבן נישט שפּילן אין אַן אַנדער שטעטל. און אין פּוילן האָט מען נישט געדאַרפט אַרומגיין פאַרקויפן קיין בילעטן, ווען קינסטלער אָדער רעדנער זענען גע-קומען. די בילעטן פלעגן באַצייטנס אויספאַרקויפט ווערן און דער עולם פלעגט זיך שטופּן צו דער קאַסע, מיט פיל טעג איידער די פאָרשטעלונג אָדער רעפעראַט איז פאָרגעקומען. ווי אַנדערש איז געווען דער קולטור-דורשט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן אין פאַרגלייך מיט די „קולטור-טובות" אין אונדזערע נייע היימען...

די כמיעלניקער יידישע יוגנט האָט אויך געהאַט אירע דראַמאַטישע קרייזן, וועלכע פלעגן נישט בלויז אויפטרעטן מיט פאָרשטעלונגען ביי זיך אין שטעטל גופא, נאָר אויך געפאָרן אויף גאַסטראָלן אין די אַרומיקע שטעטלעך.

געווען אויך יידישע ספּאָרט-קלובן, וואָס פלעגן אָפּט אָפּהאַלטן פוט-באָל-מאַטשן מיט יידישע און קריסטלעכע קלובן פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך און וואָס באַוויזט די אַלזייטיקייט פון דער אַקטיוויטעט פון דער כמיעלניקער יידישער יוגנט.

די קאַמפּן צווישן דעם אַלטן דור און דעם יונגן, צווישן די פרומע און די „פרייע", זיינען אָפטמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סקאַנדאַלן, וואָס האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג ווייט-ווייט מחוץ די גרענעצן פון דעם שטעטל גופא.

איינעם אַזאַ מין „רעוואָלוציאָנערן" סקאַנדאַל געדענקען די כמיעל-ניקער לאַנדסלייט עד-היום. דאָס איז געווען מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר צוריק. עס איז געשטאָרבן אַ יונגטלעכער עסקן פון די לינקע פועלי-ציון, יצחק נאַרליצקי. היות די דאָזיקע פּאַרטיי איז געווען טריף אין די אויגן פון די כמיעלניקער קהל-פאַרזאָרגער, האָט זיך די כמיעלניקער חברה קדישא אָפּגעזאָגט דורכצופירן די טהרה און מקבר-זיין דעם געשטאָרבע-נעם. די פּאַרטיי האָט זיך צעבונטעוועט קעגן אַזאַ מין האַנדלונג און בא-שלאָסן די קבורה דורכצופירן מיט כוח. מען האָט אַליין דורכגעפירט די טהרה פון דעם מת, אָבער אָנשטאָט די תכריכים מיט אַ טלית, אָנגעטון

דעם מת מיט זיינע געוויינלעכע קליידער און פאַרוואַנדלט די גאַנצע לוויה אין אַ פרייידענקערישער מאַניפעסטאַציע. אָן די היטלען אויף די קעפּ, מיט רויטע פענער, האָט מען מאַרשירט מיטן ארון מיטן טויטן קערפּער איבער די גאַסן זינגענדיק רעוואָלוציאָנערע לידער. צוקומענדיק צום בית-עולם, האָט זיך דער המון אַריינגעריסן אהין, אַליין צוגעגרייט דעם קבר און דורכגעפירט די קבורה קעגן דעם ווילן פון דער קהילה.

עס פלעגט אויך קומען צו סקאַנדאַלן, ווען אַ יידישער שרייבער פלעגט אָנקומען אין שטעטל אום שבת אָדער יום-טוב האַלטן אַ רעפעראַט.

די חסידים האָבן דאַן מאָביליזירט אַלע זייערע כוחות, סיי ביי דער אויטאָבוס-סטאַנציע סיי ביים סאַלאָן, ווו דער אַקט האָט געדאַרפט פאַר-קומען, בכדי אויסצודריקן זייער פּראָטעסט קעגן דעם חילול-שבת.

הלמאַי זאָל מען לייקענען, זעלטן טאַקע, אַז אַ יידישער שרייבער, געזעלשאַפטלעכער עסקן אָדער קינסטלער, זאָל האָבן אָנגעקומען אין אַ שטעטל אום שבת.

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די כמיעלניקער יידן איז אין דער אַבסאָלוטער מערהייט געווען פון האַנטווערקער און הענדלער. פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען כמיעלניק האָט נאָך געהערט צו דער צאַרי-שער אימפּעריע, איז דאָרט געווען שטאַרק אַנטוויקלט די שיך-אינדוסטריע און מען פלעגט עקספּאָרטירן אַ גרויסע צאָל שיך קיין טיף-רוסלאַנד.

אין דעם באַפרייטן פּוילן איז כמיעלניק געווען אַ וויכטיקער צענ-טער פאַרן מסחר מיט גענדז און פערדען, וואָס מען פלעגט פאַרקויפן נישט בלויז איבערן פּוילישן לאַנד גופא, נאָר אויך עקספּאָרטירן קיין אויסלאַנד, בפרט אין דעם פאַר-היטלעריסטישן דייטשלאַנד.

ריזיקע לאַסט-אויטאָס פלעגן דאַן אָנקומען פון דייטשלאַנד קיין כמיעלניק און אויפנעמען גענדז מיט פערדען פאַר באַדייטנדיקע געלט-סומען, וואָס האָט אַריינגעבראַכט עקאָנאָמישן אויפשוווּנג אין שטעטל. ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע שטעטלעך מיט אַ פּויערישער פּעריפעריע, האָבן דאָרט אויך געוווינט פיל תבואה-הענדלער, וואָס פלעגן אויפקויפן די אַג-ראַר-פּראָדוקטן.

פיל כמיעלניקער, בפרט די יוגנט, האָבן שוין מיט צענדליקער יאָר צוריק אויסגעוואַנדערט איבער דער גרויסער וועלט, אַנהאַלטנדיק אָבער

דעם טיפן סענטימענט פאַר זייער אַלטער היים און זייענדיק אַקטיוו אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די נייע יידישע ישובים. אין די גרעסערע צענטערן פון דער וועלט, אין נאָרד-אַמעריקע, ארץ-ישׂראל און אַרגענטינע זענען פאַראַן לאַנדסלייט-פאַראיינען פון כמיעלניק און פון דער אומגעגנט, וואָס בינדן צונויף די לאַנדסלייט אין זייער זאָרג פאַרן גורל פון זייער געבורטס-אָרט, בפרט אין דער איצטיקער טראַגישער צייט.

שוין אין דעם דריטן טאָג פון דעם נאַצישן אָנפאַל אויף פוילן, אין די ערשטע שעהן פון דער אָקופּאַציע, איז געפאַלן אַ כמיעלניקער קרבן. דאָס איז געווען אַ יידישער יונגערמאַן, וואָס האָט געאַרבעט ביי דער אָר-טיקער אָמניבוסן-סטאַנציע. די אָמניבוסן, וואָס האָבן פאַרבונדן כמיעלניק מיט קעלץ, האָבן געהערט צו יידישע אייגנטימער און די דייטשן האָבן קודם-כל פאַרכאַפּט די דאָזיקע אָמניבוסן. לויט זייער געוווינהייט, האָבן זיי עס געטון מיט חוצפּה און ברוטאַליטעט, באַליידיקנדיק די יידן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דער סטאַנציע. אַ יידישער אָנגעשטעלטער, וואָס איז אויף אַזאַ אופן באַליידיקט געוואָרן, האָט דערלאַנגט דעם נאַצי אַ פּאַטש. אַ מינוט שפּעטער איז דער ייד געלעגן טויט.

בכלל האָבן זיך די יידישע ליידן אין כמיעלניק אָנגעהויבן פון דעם ערשטן טאָג זינט די דייטשן האָבן זיך דאָרט באַוויזן. מען האָט צוגע-רויבט ביי די יידן יעדע פּרנסה-מעגלעכקייט, מען האָט זיי געטריבן פון זייערע וווינונגען און מען האָט איבער זיי אויסגעפירט מאַסן-עקזעקוציעס.

לויט די ידיעות, וואָס די היגע כמיעלניקער לאַנדסלייט האָבן באַ-קומען, האָבן זיך די אָרטיקע יידן געהאַלטן זייער מוטיק און פאַרטיידיקט מיט די לעצטע כוחות.

ווען איינער אַזאַ גרופּע, צווישן וועלכער עס האָט זיך אויך געפונען דער פאָרזיצער פון דער אָרטיקער ציוניסטישער אגודה, יששכר קאַנער-צוקער מיט זיין פאַמיליע, ווערט איבערגעגעבן, אַז ווען מען האָט זיי גע-פירט איבערן שטעטל צו דער עקזעקוציע, האָט קאַנערצוקער אָנגעהויבן זינגען „התקוה”, וואָס איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך אַלע מיטגייענ-דיקע אין דעם טראַגישן מאַרש. מיטן געזאַנג פון „התקוה” זענען זיי גע-פאַלן פון די נאַצישע קוילן. צווישן די ערשטע קדושים אין כמיעלניק האָט זיך אויך געפונען דער פּאָפּולערער און באַליבטער אָרטיקער לערער

ליב ווילטשיק מיט זיין פאַמיליע, וועמען די היגע כמיעלניקער לאַנדס-לייט דערמאָנען מיט אַ סך ליבע און וואַרעמקייט.

אין דעם „שוואַרץ-בוך פון פוילישן יידנטום", וואָס די פעדעראַציע פון פוילישע יידן אין ניו-יאָרק האָט פאַרעפנטלעכט, ווערט איבערגעגעבן וועגן די שרעקלעכע עפּידעמיעס, וואָס כמיעלניקער יידן האָבן דורכגע-מאַכט אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע און וואָס האָט געקאָסט אַ סך יידישע לעבנס. אין גאָר אַ קורצער צייט זענען פון אַ טיפוס-עפּידעמיע געשטאָרבן 104 יידן פון פאַרשידענעם עלטער.

אין אָקטאָבער 1942 איז פאָרגעקומען דער גירוש פון כמיעלניקער יידן און פון 8000 נפשות האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט בלויז 72 יידן, דערונטער שוין אויך די יידישע פּאָליציי און אַזעלכע יחידים, וואָס די דייטשן האָבן זיך נאָך געניצט אין זיי. איינער פון אַזעלכע יידן איז געווען מלכהס קרוב מאַשענבערג, אַ פריזירער, ביי וועלכן די דייטשע זשאַנדאַרמען האָבן זיך ראַזירט און געלאָזט שערן די האָר. אָבער זיין פרוי מיטן קינד האָט מען יאָ אַרויסגעשיקט. אפילו די נאָענטסטע קרובים פון די יידישע פּאָליציאַנטן האָט מען נישט געשוינט.

ווען מלכה מיט איר שוואָגער זענען אַ וואָך נאָכן גירוש אָנגעקומען קיין כמיעלניק, האָט זיי אַ יידישער פּאָליציאַנט מקבל-פּנים געווען מיט פאַרווונדערונג:

— זע נאָר, עס לעבן נאָך יידן...

דער קרוב מאַשענבערג האָט די געסט זייער האַרציק אויפגענומען. ער האָט זיך דערפרייט צו זען ביי זיך געראַטעוועטע יידן, בפרט נאָך אייגענע.

צום ערשטן מאָל זינט זיי האָבן פאַרלאָזט זייער ראַסעווער היים, האָט זיך מלכה און איר שוואָגער געוואַשן, געגעסן צו דער זעט און — דאָס וויכטיקסטע — זיך געקענט לייגן שלאָפן אין באַקוועמע, ריינע בעטן.

מלכה מיטן שוואָגער האָבן נאָך אַזאַ שווערן און געפערלעכן אַרומ-שלעפּן זיך, ווידער דערפילט דעם טעם פון אַ וואַרעמער היים.

ליידער אָבער, אויך דאָס מאָל נישט אויף לאַנג.

VII

# דער טראַגישער מעת־לעת

מלכה מיט איר שוואָגער קוכמאַן האָבן פֿאַרבראַכט ביי מאַשענבערגן אין כמיעלניק גאַנצע 11 טעג.

אין יענע צייטן, זענען דאָס געווען גליקלעכע טעג, אויב עס קען בכלל וועגן גליק זיין אַ רייד אין אַזעלכע באַדינגונגען.

צוזאַמען מיט מלכהס אָנקומען קיין כמיעלניק האָבן אַהין אָנגעהויבן אָנקומען יידן פֿון אַנדערע שטעטלעך, ווו עס איז פֿאָרגעקומען דער גירוש, בפרט פֿון סטאַשעוו, שידלעוו, לאַגאוו און ראַקעוו. אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיך אין כמיעלניק ווידער אָנגעזאַמלט עטלעכע הונדערט יידן.

אַ טייל פֿון די צוגעוואַנדערטע זענען אַריין אין די אָפֿענע הייזער, וואָס די פֿאַרטריבענע כמיעלניקער תושבים האָבן איבערגעלאָזט אויף הפקר. אַנדערע האָבן זיך אַריינגעפּאַקט אין דעם הויז, וואָס די דייטשן האָבן באַשטימט פֿאַר דער יידישער פּאָליציי און פֿאַר די איינצלנע יידן, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אין כמיעלניק.

די דייטשן האָבן מיט דער הילף פֿון דער יידישער פּאָליציי באַזוכט אַלע דירות פֿון די פֿאַרטריבענע יידן, רעווידירט אַלע שענק, שופֿלאָדן און באַהעלטענישן און געהייסן אַרויסטראָגן אויף דער גאַס די מעבל. דאָס האָבן שוין געטון די ניי-צוגעוואַנדערטע מענער, וועלכע מען האָט גענו-מען אויף אַרבעט. די גוטע מעבל האָט מען אַרויפֿגעלייגט אויף לאַסט-אויטאָס און אַוועקגעפֿירט קיין דייטשלאַנד. די אַלטע און שלעכטע מעבל

האָט מען אויסגעשטעלט אויפֿן שטעטלדיקן מאַרק, פּאַרקױפֿנדיק עס צו די פּויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער צו שפּאָט־ביליקע פּרייזן, ממש בחינם. די יידן, וואָס מען האָט גענומען צו דער אַרבעט, האָט מען אוממענטשלעך געשלאָגן און נישט זעלטן אַוועקגעלייגט טויט אויפֿן אָרט אָן שום פּאַרוואָס.

דעם עלפֿטן טאָג פֿון מלכהס „אויסרוען זיך" אין כמיעלניק איז אַהין אָנגעקומען דער הויפּטמאַן פֿון דער זשאַנדאַרמעריע און געהייסן צונויפֿטרייבן אויפֿן הויפּט־פּלאַץ פֿון שטעטל אַלע יידן, וואָס זענען אַהין אָנגעקומען נאָכן ערשטן גירוש. מען האָט אויך אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן קויש און מען האָט באַפֿוילן די פֿאַרזאַמלטע, אַז זיי זאָלן אַוועקגעבן דאָס גאַנצע גאָלד, זילבער, וואַלוטעס און בריליאַנטן, וואָס זיי האָבן. זעלטן ווער האָט זיך אַליין אָפּגערופֿן אָפּצוגעבן די געפֿאָדערטע זאַכן. עטלעכע זשאַנדאַרמען האָבן צוגערופֿן די יידישע פּאָליציי און געהייסן רעווידירן די יידן. אויב אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט רעווידירט אַזוי, אַז דעם זשאַנ־דאַרם איז עס נישט געפֿעלן געוואָרן, האָט ער באַקומען געשלאָגן. אויב דעם זשאַנדאַרם איז אויסגעקומען פֿאַרדעכטיק אַ פּערזאָן אַלצאיינס אַ מאַן אָדער אַ פֿרוי, האָט מען אין מיטן פּלאַץ געהייסן דער דאָזיקער פּער־זאָן זיך אויסטון נאַקעט און מ'האָט גענוי רעווידירט די קליידער און אַמאָל אויך דעם קערפּער גופֿא... עס האָט געמעגט זיין קאַלט, עס האָט געמעגט רעגענען, די זשאַנדאַרמען האָט עס ווייניק וואָס געאַרט. די גערודפֿטע און געפּייניקטע יידן זענען שוין אויך דערצו געוואוינט געווען און האָבן די שענדלעכע באַפֿעלן געמוזט אויספֿירן פֿאַר די אויגן פֿון אַלע פֿאַרזאַמלטע. יעדער איינער פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָט געוווּסט, אַז אויך אים קאָן טרעפֿן דאָס זעלבע.

פֿאַרנאַכט זענען אויפֿן פּלאַץ אָנגעקומען „פֿאָדוואָדעס" און מען האָט געהייסן דעם גאַנצן עולם פֿאַרנעמען ערטער, לאָזנדיק אין כמיעלניק בלויז 50 יידן, וואָס די דייטשן האָבן נייטיק געהאַט.

די פֿורן זענען אָפּגעפֿאָרן אין דער ריכטונג פֿון סטאָפּניץ, וואָס גע־פֿינט זיך 35 קילאָמעטער פֿון כמיעלניק.

אויף יעדער פֿינפֿטער פֿור זענען געפֿאָרן דייטשע זשאַנדאַרמען מיט גרויסע לייכט־לאָמפּן, מיט וועלכע זיי האָבן אָבסערווירט די פֿורן, וואָס האָבן זיך געפֿונען פֿאַר זיי, צי קיינער שפּרינגט נישט אַראָפּ. טאָמער האָט

מען עמעצן באַמערקט אַראָפּשפּרינגען, האָט מען אים גלייך נעשאָסן. דאָך אָבער איז געלונגען עטלעכע פּערזאָן אַזוי אַראָפּצושפּרינגען און בלייבן אויפן וועג, אַז די זשאַנדאַרמען האָבן עס נישט באַמערקט.

אַכט שעה צייט האָט געדויערט די רייזע קיין סטאָפּניץ און עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען זיי זענען פאַרפאָרן אין דעם שטעטל. דאָרט האָט מען אַרויסגערופן דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי טויבענבלאַט און מען האָט איבערגעגעבן די יידן אין זיין רשות. די זשאַנדאַרמען האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף די וואָגנס און צוריקגעפאָרן קיין כמיעלניק. טויבענבלאַט האָט אָנגעוויזן די נעקומענע הייזער, ווו די טירן זענען געווען אָפן און געהייסן דאָרט אריינגיין שלאָפן. דאָס זענען געווען הייזער פון אַזעלכע יידן, וואָס זענען באַצייטנס אַנטלאָפן פון דעם שטעטל.

מיד פון זייער וועג, זענען די מענטשן גלייך איינגעשלאָפן. זיי האָבן אָבער קוים באַוויזן איינצושלאָפן, ווי אַ שרעקלעכער געוואַלד האָט זיי איבערגעוועקט. זיי האָבן אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס און דערזען ווי מענטשן לויפן אַרום ווי ווילדע, מענער און פרויען, אַלטע און קליינע קינדער. מען האָט געשריען און מען האָט געוויינט. די יידישע פּאָליציאַנטן זענען אַרומגעלאָפן פון הויז צו הויז און זיך געהייסן צואײַלן, מיטנעמען מיט זיך אַ פלעשל וואַסער, עפּעס צו עסן און אַ קליין פּעקל מיט די נויטיקסטע זאַכן.

פון אַלע געסלעך האָט מען דעם עולם געטריבן צום מאַרק-פּלאַץ. פון מינוט צו מינוט איז דער המון אויפן פּלאַץ געשטיגן.

מלכה, איר שוואָגער און אַ באַקאַנט מיידל, מאַניע וואָיציקעוויטש, וואָס איז מיט זיי געקומען אויף דער פור פון כמיעלניק, האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן דעם שטאַרקן געפּל, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט איבערן שטעטל און אַנטלויפן פון דאָרט. מען האָט זיך געלאָזט דורך אַ זייטיק געסל צום סוף פון שטעטל. אויפן וועג האָבן זיי געזען ווי מענטשן קלאָגנדיק, גייען אַרוים פון זייערע וווינונגען.

אַזוי האָבן זיך די דריי יונגע מענטשן באַגעגנט מיט יידן, וואָס פאַרלאָזן זייערע אַלטע היימען און גייען אויף זיכערן אומקום.

ווען אונדזערע דריי העלדן, וואָס האָבן געוואָלט אויסמיידן צו באַ-

טייליקן זיך אין דעם גירוש-סטאַפּניץ, זענען צוגעקומען שוין צום ענדע פון געסל, ווו עס געפינט זיך שוין דער וועג, וואָס פירט אין די וועלדער, איז פון דער זייט אַרויסגעשפּרונגען אַ זשאַנדאַרם און גלייך אָנגעצילט די ביקס. עס האָט זיך דערהערט אַ שאָס און מאַניע וואָיציקעוויטש איז גע-פאַלן. מלכה מיט איר שוואָגער האָבן איר אַפילו נישט געקענט העלפן. ווי משוגענע האָבן זיי אָנגעהויבן אַנטלויפן אין אַ צווייטער ריכטונג, בכדי דורך אַן אַנדער געסל־יך אַרויסצוקריגן פון דעם שטעטל.

פּונקט ווי ביי יעדן גירוש, איז אויך אין סטאַפּניץ דאָס שטעטל גע-ווען אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָט געהיטן, אַז קיינער זאָל נישט קאָנען אַנטלויפן.

מלכה און קוכמאַן זענען ווייטער געלאָפן. זיי זענען געשפּרונגען דורך פּלויטן, דורכגעריסן זיך דורך לעבער אין די פּאַרצוימונגען און גע-לאָפן מיט די לעצטע כוחות.

עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, ווען מלכה און קוכמאַן זענען אַרויס-געלאָפן פון דעם שטעטל און זיך שוין געפונען אויפן אָפענעם פעלד, אַ פּאָר מעטער פון אַ וועלדל, ווו זיי האָבן געוואָלט זיך באַהאַלטן.

פּלוצלינג אָבער איז אַ צוויי-דריי מעטער פאַר זיי דערשינען אַ זשאַנדאַרם. ער האָט אָנגעשטעלט די ביקס און אויסגערופן „האַלט!”

עד-היום דערמאָנט זיך נישט מלכה, אַז זי זאָל האָבן געהערט אַ שאָס. זי האָט בלויז באַמערקט, ווי קוכמאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן בויך, זיך צוריקגעצויגן עטלעכע טריט און איז אַוועקגעפאַלן אויף די פּלייצעס מיטן פּנים צום הימל.

דער זשאַנדאַרם האָט ווייטער געצילט זיין ביקס. מלכה איז צו אים צוגעלאָפן, אים אָנגעהויבן שלעפּן פאַר די הענט און זיך מיטן גאַנצן כוח געאַמפּערט מיט אים. דער זשאַנדאַרם האָט זי געגעבן אַ שטופּ-אָפּ פון זיך און אָנגעשטעלט די ביקס, צילנדיק אין איר. ווייזט אָבער אויס, אַז די ביקס האָט זיך פאַרהאַקט און דער זשאַנדאַרם, זידלענדיק זי, האָט איר דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער קאָלבע אין קאָפּ און מיט אַ האַסטיקן קאָפּע מיטן פוס זי אָפּגעשטופּט פון זיך.

מלכה האָט נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט איר. דער זשאַנ-דאַרם האָט זי ווייטער געזידלט און געהייסן צוריקגיין אין שטעטל אַריין,

אָנשטעלנדיק ווידער אויף איר די ביקס. מלכה, אַ דערשראָקענע, האָט זיך אָנגעהויבן צוריקציען אין דער ריכטונג פון דעם שטעטל. זי איז פאַרביי־געגאַנגען דעם שוואָגער; ער איז געלעגן אומבאַוועגלעך, מיט אָפענע אויגן, ווי ער וואָלט געקוקט אויף איר. נעבן אים איז געלעגן זיין רעקל און אַרום — אַ קאַלוזשע בלוט. זי האָט געוואָלט זיך אָפּשטעלן אַ ווײַלע, אים אָנ־רירן, אָבער דער זשאַנדאַרם האָט זי אָנגעהויבן יאָגן, ווייטער געזידלט און געדראָעט...

מלכה האָט זיך צוריקגעקערט אין שטעטל אַריין. זי איז שוין איצט פאַרבליבן איינע אַליין.

דאָס איז געווען פרייטיק, דעם 6טן נאָוועמבער 1942, כ׳ מר־חשון.

די דאָזיקע דאַטע געדענקט מלכה זייער גוט. זי וועט עס געדענקען איר גאַנץ לעבן. פונקט ווי זי וועט געדענקען דעם דאָזיקן טראַגישן טאָג אין סטאָפּניץ.

ווען מלכה איז אַ דערשראָקענע געלאָפן איבער די געסלעך צוריק צום צענטער פון שטעטל, האָט זי אויפן וועג נאָך אַלץ געזען יידן מיט פעקלעך פאַרלאָזן זייערע היימען. זי האָט געזען, ווי יידן, אַרויסגייענדיק פון זייערע וווינונגען, קושן די מזוזה, וואַרפן דעם לעצטן בליק אויף זייערע שטובן און וויינענדיק גערופן „שמע ישראל!״

אַלץ האָט געצויגן צו דעם מאַרק־פּלאַץ, וואָס איז שוין געווען פול־געפּאַקט מיט יידישע מענער, פרויען און קינדער. די געוויינען און געשרייען האָבן געדאַרפט גרייכן ביזן הימל אַריין.

ווען מלכה איז צוגעקומען צו דעם מאַרק, האָבן שוין די ערשטע גרופּעס יידן אָנגעהויבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

צום ערשטן מאָל האָט זי דאָ דערזען אוקראַאינישע זשאַנדאַרמען, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, וואָס האָבן מיט אַ רציחה געטריבן און געשלאָגן די יידן.

מלכה האָט פּלוצלינג באַמערקט, אַז עס רינט איבער איר בלוט פון קאָפּ. די האָר, די קליידער און אפילו די זאָקן, זענען פאַרבלוטיקט פון דעם קלאַפּ, וואָס דער זשאַנדאַרם האָט איר דערלאַנגט מיט דער קאָלבע.

זי האָט געזוכט פאַר זיך אַן אָרט אין די רייען פון מענטשן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אוועקגעפירט צו ווערן פון שטעטל. זי האָט

געוואָלט געפינען באַקאַנטע. מער ווי דריי אין אַ רייע האָבן נישט געטאָרט זיין, ווייל אַ פערטן האָט מען גלייך געשאָסן. די אוקראַינישע זשאַנדאַרמען זענען ווילד אַרומגעלאָפן צווישן די רייען מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן אין האַנט און די דייטשע זשאַנדאַרמען זענען אויך געשטאַנען אויף טריט און שריט מיט בייטשן און פאַר יעדער מינדעסטער באַוועגונג דערלאַנגט אַ זעץ.

ווען מלכה איז אַזוי, זוכנדיק, אַרומגעלאָפן צווישן די רייען, האָט זי פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אַ לייטענאַנט, וועלכער איז געשטאַנען נעבן אַ גרופּע מענער און פרויען.

— וואָס ביסטו? — האָט זי דער לייטענאַנט געפרעגט, אָנכאַפּנדיק ביי דעם אָרעם.

מלכה האָט זיך דערשראָקן און נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

— אַ שניידערין — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קול פון דער זייטיקער גרופּע מענטשן, נעבן וועלכע דער לייטענאַנט איז געשטאַנען.

— טאָ קום אהער, — האָט דער לייטענאַנט באַפוילן — און זי אַריינגעשטופּט אין דער זייטיקער מענטשן-גרופּע.

צוזאַמען מיט איר האָבן זיך אַריינגעשטופּט אין דער דאָזיקער גרו-פּע נאָך צוויי יונגע פרויען, וואָס זענען געשטאַנען דערביי.

מלכה האָט זיך נישט אָריענטירט, וואָס עס קומט פאָר. ערשט שפּע-טער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן האָבן פאַראָרדנט איבערצולאָזן אין סטאַפּניץ 200 יונגע מענער און פרויען, קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואָס זיי האָבן נויטיק געהאַט פאַרן אַרבעט-לאַגער.

עס האָבן געדאַרפט זיין מענטשן פון 18 ביז 30 יאָר. האָט מלכה געזען, ווי יונגע קינדער שמינקען זיך אויפן פּלאַץ און צעלאָזן זייערע האָר, אַז זיי זאָלן אויסזען עלטער און עלטערע פרויען באַמיען זיך אויס-צוזען יינגער, בכדי אַריינצופאַלן אין דער אַרבעט-גרופּע.

דער לייטענאַנט האָט צוגערופן יידישע פּאָליציאַנטן און געהייסן די גרופּע מענטשן אָפּפירן אין אַרבעט-לאַגער.

פון פּלאַץ האָט מען דערווייל אַרויסגעפירט די גרויסע מענטשן-מאַ-סע, וואָס מען האָט פאַרטריבן פון סטאַפּניץ.

די געשרייען און געוויינען זענען געווען האַרץ-רייסנדיק. פון צייט

צו צייט האָט מען געהערט אַ שיסעריי. דאָס האָט מען ליקווידירט די מענטשן, וואָס זענען ניט געגאַנגען גענוג שנעל, אָדער האָבן זיך נישט צו־געפּאַסט צו דער פאָראָרדענונג.

די אַלטע מענטשן האָט מען אַרויסגעזעצט אויף פויערשע פורן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף די געסלעך אַרום דעם פּלאַץ.

צוביסלעך האָט מען אָפּגערייניקט דאָס פּלאַץ און סטאַפּניץ איז גע־בליבן יידן־ריין. עס זענען נאָר געבליבן די קערפּערס פון די דערשאָסענע יידן, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיך נאָך געראַנגלט מיטן טויט. אָבער קיי־נער האָט צו די דאָזיקע אומגליקלעכע יידן נישט געקאָנט צוגיין.

די גרופּע פאַרהאַלטענע, צווישן וועלכע מלכה האָט זיך געפונען, האָט מען צוגעפירט צו אַ טיש, פאַרשריבן זייערע נעמען און געהייסן וואַרטן.

איין פרוי, וואָס איז געשטאַנען אויסער דער רייע, האָט אַ זשאַנ־דאַרם דערלאַנגט דריי זעץ איבערן קאָפּ און לאַכנדיק געהייסן איר אויס־רופן: „דאַנקע שיין".

גלייך ווי דער גירוש איז דורכגעפירט געוואָרן, און די קולות פון די פאַרטריבענע מענטשן האָבן זיך דערווייטערט, האָבן די זשאַנדאַר־מען, מיט דער הילף פון אוקראַינער, אָנגעהויבן דורכזוכן די יידישע שטי־בער, זען צי קיינער איז נישט פאַרבליבן אין שטאָט.

נישט לאַנג האָט טאַקע געדויערט, ווי מען האָט אַרויסגעפירט אַ לאָמען קריגס־אינוואַליד. ער האָט אויפגעריסן דאָס העמד און אויסגערופן:

— שיסט, באַנדיטן!

און דער נאַצישער באַנדיט האָט אויסגעשאָסן גלייך אין האַרץ אַריין.

אַן אַנדער גרופּע האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ הויז אַן אַלטיטשקע פרוי, וואָס האָט קוים געקאָנט גיין. זי איז גלייך אויך געבליבן טויט אויף דער גאַס.

פון נאָך אַ הויז האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַ יונגע פרוי מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט. ביידע האָבן יאָמערלעך געוויינט און זיך געבעטן רחמים. די יונגע מוטער האָט צוגעדריקט דאָס קינד צו זיך און עס ניט געלאָזט אָפּרייסן. עטלעכע שאָסן, און ביידע, די מוטער מיטן קינד, האָבן

אויפֿגעהערט צו שרייען. זיי זענען געפֿאַלן טויט צוזאַמענגעדריקט איינס צום אַנדערן.

דאָס אַלץ איז געשען פֿאַר די אויגן פֿון דער גרופּע, ווו מלכה האָט זיך געפֿונען.

מען האָט אויך געהערט אָפֿטע שאָסן-אָפּקלאַנגען פֿון זייטיקע געס-לעך. אומעטום איז פֿאָרגעקומען די זעלבע רעוויזיע פֿון יידישע הייזער, און אומעטום האָט מען גלייך „ליקווידירט" די אויסבאַהאַלטענע יידן.

פֿאַרנאַכט, ווען די זשאַנדאַרמען האָבן שוין געהאַט זייער „אַרבעט" געענדיקט, האָט מען די גרופּע פֿאַרהאַלטענע מענטשן געהייסן אַריינגיין אין אַ גרויסער דירה, פֿון וואַנען אַ יידישע פֿאַמיליע איז פֿאַרטריבן גע-וואָרן, מען האָט צעטיילט די מענער באַזונדער און די פֿרויען באַזונדער. דערביי האָט מען פֿאַראָרדנט, אַז מען זאָל נישט אָנרירן קיין שום זאַך, וואָס געפֿינט זיך אין דער פֿאַרלאָזענער דירה. דורך אָפֿענע פֿענצטער האָבן זשאַנדאַרמען געהיט, אַז זייער באַפֿעל זאָל אויסגעפֿירט ווערן פּינקטלעך. ווען דעם זשאַנדאַרם האָט זיך געדאַכט, אַז אַ יונגערמאַן האָט אָנגערירט עפּעס אַ זאַך, וואָס איז געשטאַנען אין צימער, האָט ער אים צוגערופֿן און דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ אין קאָפּ מיטן רעוואָלווער-הענטל, אַז יענער האָט זיך פֿאַרגאָסן מיט בלוט. גלייך דערנאָך האָט אים דער זשאַנדאַרם דערשאָסן.

די ערשטע נאַכט האָבן די „געראַטעוועטע" נישט צוגעמאַכט קיין אויג. מען האָט געוויינט און געקלאָגט אויפֿן חורבן, מען האָט באַוויינט און באַקלאָגט די אומגעבראַכטע קרובים. די גאַנצע נאַכט האָט מען אויך געהערט אַן אָפֿטע שיסערייַ אין שטעטל. דאָס האָט מען נאָך אַלץ „ליקווי-דירט" די אויסבאַהאַלטענע רעשטלעך. ווי מען האָט אין דער פֿרי איבער-געגעבן, האָט מען אין איין באַהעלטעניש געפֿונען 17 יידן און אַלעמען דערשאָסן.

שבת גאַנץ פֿרי איז געקומען די זשאַנדאַרמעריע מיט דער יידישער פּאָליצייַ און געהייסן די פֿרויען וואַשן די פּאָדלאָגעס פֿון די שטיבער, ווו זיי געפֿינען זיך, צוגרייטן די קיך און אָפּקאָכן אַביסל עסן און די מענער האָט מען גענומען צום באַגראָבן די מתים.

אַזוי איז דורך דער ערשטער טראַגישער מעת-לעת אין סטאָפּניץ.

## VIII

# צו שקלאַפן־אַרבעט

אויסנוצנדיק דעם פאַקט, וואָס מען האָט די מענער פון דעם קאָ־לעקטיוון הויז גענומען צו דער אַרבעט ביים אויפרוימען די טויטע קער־פערס, האָט מלכה זיך פון דאָרט אַרויסגעגנבעט און אַוועק איבערן שטעטל, אין דער ריכטונג פון דעם אָרט, וווּ עס איז נעכטן פאַרבליבן ליגן דער קערפער פון איר שוואָגער.

זי האָט אים געוואָלט זען און דערביי איז איר דורך דער געדאַנק, אַז אפשר וועט זי אים קענען אויך מקבר זיין, בכדי שפּעטער צו וויסן, וווּ זיין קבר געפינט זיך.

ווען זי איז אָבער אַריין אין דעם געסל, וואָס פירט צו יענעם אָרט, האָט זיך פאַר אירע אויגן אַנטפּלעקט אַזאַ מין שוידערלעך בילד:

גרויסע פויערישע וואָגנס, די כאַראַקטעריסטישע פורן מיט לייטערס אין דער זייט, זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשלעכע קערפּערס. דורך די זייטיקע לייטערס האָבן אַראָפּגעהאַנגען הענט, פיס און אפילו קעפּ. די יידן זענען געגאַנגען ביי די זייטן און נעבן זיי זשאַנדאַרמען. האָט מען אויפן אָרט אָנגעטראָפן נאָך מתים, האָט מען זיי אויך געדאַרפט אַרויפליגן צום „טראַנספּאָרט”. הינטערן שטעטל האָט מען אויסגעגראָבן גרויסע מאַסן־קברים, וואָס זענען געווען אויסגעגאָסן מיט קאַלך און ווען דער וואָגן מיט די מתים איז צוגעקומען, האָט מען אַרויסגעשלעפּט די לייטערנע זייטן און די מתים זענען שוין אַליין אַריינגעפאַלן אין קבר. די לעצטע מתים פון

די וואָגנס האָט מען מיט די הענט אַראָפּגעשליידערט אין קבר. דאָס זענען נישט געווען קיין צענדליקער מתים, נאָר אין די שווערע הונדערטער...

מלכה האָט דעם קערפּער פון איר שוואָגער שוין נישט געפונען. זי האָט זיך אַ צעבראָכענע אומגעקערט אין דעם הויז, וווּ זיי זענען געווען קאָנצענטרירט.

זונטיק בייטאָג האָט דורך סטאָפּניץ דורכמאַרשירט אַ צוג פון עט־לעכע טויזנט יידן, וועלכע מען האָט פאַרטריבן פון סטאַשעוו, וואָס גע־פינט זיך אַן ערך 20 קילאָמעטער פון סטאָפּניץ.

אַ גרויסע צאָל פון די דאָזיקע אומגליקלעכע וואַנדערער האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון די רייען און זענען פאַרבליבן אין סטאָפּניץ. זיי אַלע האָבן זיך אַריינגעפּאַקט אין דעם הויז, וואָס מען האָט באַשטימט פאַר די פאַרהאַלטענע 200 יידן. די ענגשאַפט אין די צימערן איז געוואָרן אַזוי שרעקלעך, אַז מען האָט שוין אַפילו נישט געקענט שטיין. וועגן אַוועקזעצן זיך, איז שוין אָפּגערעדט. אויפן הויף אָדער אין אַנדערע געביידעס האָט מען מורא געהאַט צו זיין.

מלכה מיט נאָך צוויי מיידלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער גרופּע פון די פאַרהאַלטענע, הענאַ אַרפּוס און לאה קליינבערג, (1) האָבן באַשלאָסן אַנטלויפן פון סטאָפּניץ און צוריקגיין קיין כמיעלניק. זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט אַן אָרטיקן פויער, וואָס קען גוט דעם וועג, אים געגעבן 20 גאָלד־דאָלאַר (געלט האָבן זיי געהאַט נאָך ביי זיך באַהאַלטן), אַז ער זאָל זיי אויף אַ זיכערן וועג פירן צום באַשטימטן אָרט.

מאָנטיק, 3 אַזייגער פאַרטאָג, האָבן זיי זיך אַרויסגעגנבעט פון סטאָפּניץ און ערשט פאַרנאַכט, ווען זיי זענען צוגעקומען נאָענט צו כמיעל־ניק, האָבן זיי געטראָפן אַ פויער, וואָס האָט זיך גראָד פון דאָרט אומגע־קערט. אויף דער פראַגע, וואָס מען הערט אין כמיעלניק, האָט דער פויער זיי געראָטן, אַז זיי זאָלן אַהין נישט גיין, ווייל עס זיינען אָנגעקומען לאַסט־אויטאָס, מיט וועלכע די לעצטע יידן, וואָס געפינען זיך אין כמיעלניק, וועלן אַרויסגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

(1) אַ קרובה פון יעקב קליינבערג, פּרעזידענט פון דעם סטאַשעוו־ראַקעווער לאַנדסלייט־פאַריין אין אַרגענטינע, צו וועלכן עס איז אָנגעקומען אַ בריוו, אַז זי געפינט זיך אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פון בערגען־בעלזען.

די מיידלעך האָבן זיך דעריבער צוריקגעקערט אין וואַלד אַריין און היות זייער באַצאָלטער באַגלייטער האָט מער נישט געוואָלט פאַרבלייבן מיט זיי און האָט זיך צוריקגעקערט קיין סטאָפּניץ, האָבן זיי דורכן ניי־געטראָפענעם פויער (ווידער פאַר אַ פּאָר גאָלד־דאָלאַר) געשיקט אַ פּאָר ווערטער צו מאַשענבערגן, אָנפרעגנדיק, וואָס צו טון. דערווייל האָבן די דריי מיידלעך באַשלאָסן איבערצווינטערן אין וואַלד. זיי האָבן זיך אָפּ־גערעדט מיטן פויער צו טרעפן באַגינען אין וואַלד.

צו דער באַשטימטער צייט איז דער פויער טאַקע צוריקגעקומען. ער האָט געזאָגט, אַז מאַשענבערג האָט געהייסן די מיידלעך קומען קיין כמיעל־ניק. היות אָבער ווי מאַשענבערג האָט זיי קיין שום בריוול נישט געשיקט, האָבן די צוויי חברטעס נישט געהאַט קיין צוטרוי צום שליח. מלכה האָט דעריבער באַשלאָסן אַליין גיין קיין כמיעלניק און די צוויי אַנדערע מייד־לעך זענען געבליבן ווייטער אין וואַלד, וואַרטנדיק אויף אַ ידיעה, וואָס מלכה האָט זיי צוגעזאָגט צו שיקן.

אָנקומענדיק ענדלעך צו מאַשענבערגן, האָט זיך מלכה דערוווסט, אַז די יידישע פּאָליציי זוכט אַרום אַלע ניי־אָנגעקומענע יידן. פון איין זייט האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן געטענהט, אַז אַלע צרות קומען אויף זיי פון די „פרעמדע יידן", וואָס קומען כסדר אַהין און מען שטעלט אין געפאַר אויך זייער אייגענע עקזיסטענץ. פון קיין צדיקים איז די יידישע פּאָליציי נישט באַשטאַנען. די דייטשן האָבן ספּעציעל געזוכט די ערגסטע עלע־מענטן, ווויסנדיק, אַז מיט קאָרומפּירטע עלעמענטן וועט זיי לייכטער זיין אויסצוקומען און מאַכן גוטע געשעפטן. איינער פון די טרייסטע דינער פון דער נאַצישער זשאַנדאַרמעריע אין כמיעלניק איז געווען דער טרויע־ריק־באַרימטער מסור סאַבקאָווסקי, וועלכער האָט נאָך פאַר דער מלחמה נעהאַט דעם שם פון אַ געמיינעם פּאַרשוין. דאָס איז טאַקע דער זעלבער סאַבקאָווסקי, וואָס האָט פיגורירט אַלס אָנגעקלאָגטער אין דעם פּראָצעס פון דער בעסטיע פון בערגען־בעלזען, יאָזעף קראַמער, וואָס איז פאַרגע־קומען אין לונעבערג. די כמיעלניקער יידן האָבן וועגן דעם פּאַרשוין קיינ־מאָל קיין גוטע מיינונג נישט געהאַט. בכדי צו איינקויפן זיך אין יחוס ביי די נאַצישע רויבער, פלעגט ער זיי אָנווייזן די רייכערע יידן, ביי וועמען מען האָט נאָך געקענט עפּעס רויבן.

ווו מען האָט געשיקט די ניי-אַרעסטירטע, האָט מען געגוי נישט גע-
וווסט, מען האָט געזאָגט, אַז דאָס זוכט מען יידן צו דער אַרבעט קיין קעלץ,
אָבער די יידן האָבן קיין איבעריקן צוטרוי צו אַזעלכע מיני פּאַרזיכע-
רונגען נישט געהאַט.

מלכה האָט דעריבער געוואָלט צוריק לויפן אין איר געבורט-שטעטל
ראַקעוו. זי איז שוין מיד געווען צו אַנטלויפן פון דעם טויט. דאָס דאַזיקע
לויפן און אויסבאַהאַלטן זיך איז איר שוין נמאס געוואָרן. זי האָט זיך
פּשוט נישט געפילט מער בכוח ווייטער אַזוי צו פּלאָגן און אויב עס איז
איר באַשערט אומצוקומען, האָט זי געוואָלט שטאַרבן אין איר שטעטל
ראַקעוו. זי האָט געוואָלט, אַז אירע קרובים זאָלן כאָטש וויסן, ווו איר קער-
פּער געפינט זיך.

אָבער דער קרוב מאַשענבערג, וועלכער האָט נאָך אַלץ געהערט צו
די „פּריווילעגירטע” אין כמיעלניק, האָט זי נישט געלאָזט גיין קיין ראַקעוו.
בינו-לבינו איז מלכה איבערגעפאַלן געוואָרן דורך דער יידישער פּאָליציי
פּאַרן נישט לעגאַלן אַריינקומען אין שטעטל און מען האָט זי איינגעזעצט
אין דעם אַרעסט, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם בנין פון דער יידישער
פּאָליציי גופא. אַ קליין, ענג, פינצטער צימער מיט אַ שווערער, שטיקנדי-
קער לופט. מלכה האָט זיך צום ערשטן מאָל אין לעבן געפונען אין אַן
אַרעסט. אַלע באַמיאונגען פון איר קרוב זי צו באַפרייען, זענען געבליבן
אָן רעזולטאַט. נאָך 2 שעה „יידישן אַרעסט” האָט מען זי אַרויסגעפירט
אויפן פּלאַץ פון דעם שטעטל, ווו עס האָט שוין געוואַרט אַ גרויסער לאַסט-
אויטאָ מיטן געהיימנישפולן אויפשריפט „ה. אַ. ס. אַ. ג.”, וואָס דאָס האָט
באַדייטעט „הוגאָ שניידער אַקציען-געזעלשאַפט”. דער אויטאָ איז געווען
באַוואַכט פון אַ נייעם מין פּאָליציי „ווערק-שוץ”, ד. ה. די ספּעציעלע
פּאָליציי, וואָס האָט געהאַט דעם אויפזיכט איבער פאַבריקן און אַרבעט-
לאַגערן.

ווו מען האָט מיט דעם אויטאָ געדאַרפט פאָרן, האָט מען נישט גע-
וווסט, ווייל וואָס מען זאָל נישט האָבן געזאָגט וועגן דעם רייזע-ציל, האָט
קיינער סיי ווי נישט געגלויבט. מען האָט שוין פון פריער געהאַט די זייער
ביטערע איבערצייגונג, אַז די דייטשן גיבן אָן איין ריכטונג אָדער איין
רייזע-ציל און אין דער ווירקלעכקייט ווייזט זיך אַרויס גאָר עפּעס אַנדערש.

יעדע רייזע אונטער דער נאַצישער אויפזיכט איז געווען אַ רייזע אין דער אומזיכערקייט.

ביים לאַסט-אויטאָ איז שנעל דערשינען מאַשענבערג, וועלכער האָט מיטגעגעבן מלכהן אַ פּעקל מיט פאַרשידענע זאַכן און אויך אַן איבערבעט, באַרואיקנדיק זי, אַז דאָס וועט איר שטאַרק צונוץ קומען אין דעם אַרבעט-לאַגער, ווו זי פאָרט. מלכה האָט זיך באַצויגן סקעפּטיש דערצו, אָבער זי האָט זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז מאַשענבערג איז געווען גערעכט. אין משך פון העכער אַנדערטהאַלבן יאָר איז דאָס איבערבעט געווען פאַר איר אַן אומאָפּשאַצבאַרער אוצר, וואָס האָט זי אין די שווערע ווינטערס באַשיצט פון פאַרפרוירן ווערן.

אויפן לאַסט-אויטאָ האָט מען אַנגעפּאַקט עטלעכע און דרייסיק פּערזאָן, מענער און פרויען, אַלץ יונגע מענטשן נישט עלטער פון 30 יאָר.

נאָך אַ צוויי-שעהדיקער רייזע איז דער טראַנספּאָרט אָנגעקומען קיין קעלץ. אייגנטלעך זאָגט זיך עס נאָר קעלץ, ווייל אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס מלכה איז געווען ביי דער שקלאַפן-אַרבעט, האָט זי קעלץ קיין איין מאָל נישט אָנגעקוקט פאַר די אויגן. פון נאָוועמבער 1942 ביז יולי 1944, ווען מען האָט זיי פון דאָרט אַריבערגעפירט אויף אַ נייעם שווערן וואַנדער-וועג, האָט נישט מלכה און נישט די אַנדערע יידן געקענט פאַרלאָזן דעם לאַגער און די פאַבריק, ווו זיי האָבן געשקלאַפט. דער איינציקער קאָנטאַקט, וואָס מלכה האָט געהאַט מיט דער גרויסער שטאָט, זענען געווען די קעלצער יידן, וואָס מען האָט געבראַכט אין זייער לאַגער און די טרויעריקע ידיעות, וואָס פלעגן פון קעלץ דערגיין צו די פאַרשקלאַפטע לאַגער-מענטשן.

דאָס אָרט, ווו מלכה האָט געדאַרפט זיך פייניקן אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר ביי דער שקלאַפן-אַרבעט, האָט זיך געפונען ביי דער קאַרטשובקע, וואָס איז פאַקטיש אַ פאָרשטאָט פון קעלץ. דאָרט איז געווען אַמאָל אַ פּוילישע אַמוניציע-פאַבריק, וואָס די דייטשן האָבן, נאָכן אָקופּירן דאָס לאַנד, איבערגענומען, בכדי דאָרט ווייטער צו אַרבעטן די אַמוניציע.

אַ צען מעטער פון דער פאַבריק האָט זיך געפונען הינטער אַ הויכן

הילצערנעם פּלויט מיט שטעכעדיקע דראָטן דער לאַגער, ווו די געבראַכ-טע יידישע שקלאַפן האָבן געדאַרפט וווינען.

אין דעם לאַגער האָבן זיך געפונען באַראַקן געטיילט אין דריי גרופּן: פאַר מענער, פאַר פרויען און צווישן די צוויי באַראַקן אַ וואַש-רוים מיט אַ פרישניץ צום באָדן זיך.

אין די באַראַקן זענען געווען אָפּטיילונגען צום שלאָפן פאַר 30 פּער-זאָן אין יעדער אָפּטיילונג. די „בעטן" צום שלאָפן זענען באַשטאַנען פון דריי רייען נישט געהובלטע ברעטער, איין רייע איבער דער אַנדערער. די ברעטער זענען געווען אויסגעלייגט מיט שטרוי, אָן אַ ליילעך, אָן אַ קישן און אָן אַ קאָלדרע צוצודעקן זיך. מלכה האָט דאָ דערפילט דעם מזל, וואָס זי האָט געהאַט, ווען איר קרוב מאַשענבערג האָט איר מיטגעגעבן דאָס אי-בערבעט, וואָס פריער האָט זי נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס קען זי עס דאַרפן.

ווען מלכה איז אָנגעקומען אין דעם לאַגער, איז די צאָל יידן דאָרט געווען גאָר אַ קליינע. מיט יעדן טאָג איז אָבער די דאָזיקע צאָל געשטיגן מיט ניי-אָנגעקומענע טראַנספּאָרטן פון סטאַשעוו, ניי-קאַרטשין, קעלץ, כמיעלניק און אַפילו פון לאָדז און אַנדערע ערטער.

מיט דער צייט איז די צאָל יידישע „איינוווינער" אין דעם לאַגער געשטיגן ביז 500 פּערזאָן, פון וועלכע 130 זענען געווען פרויען און 370 זענען געווען מענער.

די ערשטע וואָך אין דעם לאַגער האָט מען געמוזט בלויז רוימען די באַראַקן און העלפן בויען נייע באַראַקן, בכדי צוצוגרייטן אָרט פאַר די נייע טראַנספּאָרטן. אויך פון קעלצער געטאָ זענען געקומען יידן רייניקן די באַראַקן און אַזוי אַרום האָבן זיי אויסגעמיטן איינגעשלאָסן צו ווערן אין דעם גירוש, וואָס איז דאָרט דורכגעפירט געוואָרן.

בכלל האָט מען אין לאַגער דערציילט, אַז דאָס האָבן קעלצער יידן מיט גרויס כאַבאַר געפּועלט ביי די נאַציס, אַז מען זאָל צולאָזן די יידן צו דער אַרבעט אין דער דייטשער קריגס-אינדוסטריע. דאָס געלט האָבן

די נאַצים גענומען, אָבער פון קעלץ האָבן זיי אויפגענומען נאָר אַ קליינע צאָל יידן און דאָס בלויז יונגע.

שפּעטער האָבן זיך די נאַצים אַרומגעזען, אַז מען קען טאַקע אויס־נוצן די יידן צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון אַמוניציע און מ'האָט דעריבער געשיקט אין דער גאַנצער אומגעגנט ברענגען יידישע שקלאַפן.

עס איז געווען אַ שקלאַפן־אַרבעט און אַ שקלאַפן־לעבן אין דעם פולסטן זין פון וואָרט. פונדעסטוועגן האָבן זיך יונגע יידישע מענטשן אויך צו אַזאַ אַרבעט און אַזאַ לעבן צוגעוווינט.

# IX

## ביי דער נאַצישער קריגס־אינדוסטריע

נאָך א וואָך צייט פון פאַרשידענע פאַרבאַרייטונגען, האָט מען די ערשטע גרופּע יידן פון דעם קעלצער לאַגער אַוועקגעפירט ארבעטן אין דער פאַבריק.

פריער איז נאָך מיט די געבראַכטע דורכגעפירט געוואָרן א „קליינע אָפּעראַציע": מען האָט זיי רעווידירט און צוגענומען יעדע זאַך, וואָס האָט נאָך געהאַט א ווערכן עס איז ווערט. נישט נאָר געלט און פאַרשידענע חפצים, נאָר אפילו קליידונג, שיך אד"גל. מען האָט זיי געלאָזט נאָר אין דעם,וואָס זיי האָבן געהאַט אויף זיך און אָנשטאָט שיך האָט מען זיי גע-געבן הילצערנע טרעפּאַקעס, וועלכע זיי האָבן געטראָגן סיי ווינטער, סיי זומער, אין די גרעסטע פרעסט, היצן און רעגנס. געגעסן האָט מען אין א פעלד-קיך. עס הייסט, געגעסן, ווייל אויף וויפל די כוחות האָבן דער-לויבט, האָט מען זיך צום עסן נישט צוגערירט. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון 1 ברייטל פון א קילאָ מיט 800 גראַם, וואָס מען האָט געגעבן פאַר 8 פּערזאָן טעגלעך, אין דער פרי א ביסל שוואַרצע ערזאַץ-קאַווע און מי-טיק-צייט א כלומרשטע זופּ מיט א מין קאַשע אָדער סתם געקעכץ, וואָס מען האָט זעלטן ווען געקענט נעמען אין מויל אריין. אָבער אויך דערצו האָט מען זיך געמוזט צוגעוווינען. קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען.

די פאַבריק, ווו די געקומענע יידן האָבן געדאַרפט אָנהויבן זייער שקלאַפן-ארבעט, איז געווען טעטיק די גאַנצע צייט פון דער מלחמה. פריער

איז עס געווען אַ פּוילישע מלוכה-פאַבריק און שפּעטער האָבן עס איבער-גענומען די נאַציס, צוזאַמען מיט אַלע מאַשינען און דעם גאַנצן פּערסאָ-נאַל, וואָס איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון פּאָליאַקן, ווייל קיין יידן האָט מען דאָרט אין די פּוילישע צייטן נישט אָנגענומען.

ווען די פּוילישע אַרבעטער, מענער און פרויען, האָבן פּלוצלינג דער-זען, ווי אין „זייער" פאַבריק קומען אַריין יידן צו דער אַרבעט, האָבן זיי זיך שטאַרק געוואונדערט און אפילו געהאַט אַרויסגעוויזן אַן אומצופרידנ-קייט. די פּאָליאַקן האָבן דאָרט געהאַט נאָרמאַלע אַרבעט-באַדינגונגען, פּונקט ווי פאַר דער מלחמה: אַכט שעה אַ טאָג. זיי האָבן ווייטער געווינט אין קעלץ, אין זייערע פּריוואַטע וווינונגען, האָבן נישט געהאַט קיין שום באַוועגונג-שוועריקייטן, האָבן געהאַט זייערע אָפּרו-טעג און אַ דאַנק דער אַרבעט אין דער פאַבריק זענען זיי געווען פאַרזיכערט, אַז מען זאָל זיי נישט אַרויסשיקן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. די פּוילישע אַרבעטער האָבן געקענט קרענקען וויפל זייער האַרץ האָט געגלוסט, נישט זייענדיק אויסגעשטעלט אויף קיין שום ספּעציעלע רעפּרעסיעס, אויב די קראַנקהייט איז טאַקע געווען באַשטעטיקט דורך אַ דאָקטאָר. די פּוילישע אַרבעטער האָבן געהאַט רעכט אָנצוקומען אין שפּיטאָל און געניסן פון פיל פּריווי-לעגיעס, וואָס עס האָבן געהאַט אָנגעשטעלטע אין דער קריגס-אינדוסטריע.

די איינציקע זאַך, וואָס די פּוילישע אַרבעטער האָבן יאָ געפילט, איז געווען דער אָפּצאָל פאַר דער אַרבעט. מען האָט זיי געצאָלט כמעט דאָס זעלבע, וואָס זיי פלעגן באַקומען פאַר דער מלחמה. די פּרייזן פון די לעבנס-מיטלען זענען אָבער צענפאַך געשטיגן און דעריבער איז קלאָר, אַז דאָס האָט די פּוילישע אַרבעטער נישט געקענט צופרידנשטעלן און זיי האָבן געמוזט זוכן זייטיקע פאַרדינסטן אויסער דער פאַבריק.

אַנדערש איז געווען מיט די יידישע אַרבעטער. זיי האָבן קיין שום לוין נישט באַקומען. פאַר זיי האָט קיין אַכט-שעהדיקער אַרבעטס-טאָג אויך נישט עקזיסטירט. זיי האָבן געאַרבעט צו 12 און אפילו 14 שעה. יידישע אַרבעטער האָבן נישט געטאָרט קרענקען. אין דעם לאַגער איז גע-ווען אַ יידישער דאָקטאָר, וויינבערג איז געווען זיין נאָמען, און ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן בעתן גירוש פון ווין. קיין שפּיטאָל האָט אָבער דער לאַגער נישט געהאַט. טאָמער איז אַ ייד קראַנק געוואָרן, האָט דר.

וויינבערג אויף איין טאָג נאָך געקאַנט אויספּועלן פאַר אים אַ באַפרייאונג פון דער אַרבעט, מיטן באַדינג, אַז אַנדערע יידן זאָלן די דאָזיקע אַרבעט אויספירן אויסער זייער באַשטימטער אַרבעט-צייט. טאָמער אָבער איז עס געווען אַן ערנסטערע קראַנקהייט, וואָס האָט געדאַרפט דויערן עטלעכע טעג, דאַן איז שוין אַזאַ ייד געווען פאַרמשפּט צום טויט. מען האָט אים גלייך אַרויסגעשיקט פון לאַגער און מער האָט מען אים נישט געזען. און ווען אַפילו אַ פּוילישער אַרבעטער האָט געפעלט, האָבן זיין אַרבעט גע-מוזט אויספירן די יידישע אַרבעטער מחוץ פון זייער אַרבעט-צייט.

די פראַגע פון דער אַרבעט-צייט פאַר יידן איז אין דער פאַבריק בכלל געווען אַ פּראָבלעמאַטישע זאַך, ווייל די יידן האָט מען באַשטימט אַ נאָרמע וויפל שטיק זיי מוזן אויספירן. געווען זענען דאָס אַזעלכע נאָר-מעס, וואָס 14 שעה אַרבעט האָבן אויך קוים געקלעקט דערויף.

איינמאָל איז די יידן אויסגעקומען צו אַרבעטן גאַנצע 36 שעה נאָכאַנאַנד. דאָס איז געשען דאַן, ווען מען האָט פון ליפּציג צוריקגעשיקט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט „סחורה", וואָס האָט נישט געטויגט. די יידן זענען געווען מחויב אויסצובעסערן די זאַך...

איידער די יידן זענען אָנגעקומען קיין קעלץ, האָט מען אין דער פאַבריק געאַרבעט בלויז אויף 2 טורנעס. ערשט מיט דער יידישער הילף האָט מען איינגעפירט אַ דריטע טורנע און דערביי איז די נאַכט-אַרבעט געגאַנגען אין גאַנצן אויף יידישן חשבון.

די יידישע אַרבעטער האָבן נישט גענאָסן פון קיין זונטיק-רו אָדער חגא-טעג. ווען פייערן יידישע יום-טובים איז דאָך שוין אין גאַנצן אָפּ-גערעדט. אין די קריסטלעכע יום-טובים, ווען די פאַבריק איז נישט געווען טעטיק, האָבן די יידן געמוזט אַרבעטן ביים ציילן און איבערלייגן די מע-שענע בלעכן, וואָס זענען אָנגעקומען פאַר דער פאַבריק-פּראָדוקציע, בלויז אַז דער נאַצישער לאַגער-אויפזעער, וואָס האָט זיי געהיט, איז גאָר מיד געוואָרן, האָט ער זיי באַפרייט אַביסל פריער פון דער אַרבעט. ער האָט עס געטון נישט צוליב זייערטוועגן, נאָר צוליב זיין אייגענער באַקוועמלעכקייט. די יידן האָבן בלויז דערפון גענאָסן אַ פּאָר פרייע שעה.

אין דער קעלצער פאַבריק האָט מען אויסגעאַרבעט גילדזן צו קוילן פאַר מאַשין-געווער, ביקסן און רעוואָלווערן. די רעוואָלווער-קוילן האָבן

געמוזט זיין זייער פּרעציז (2 סענטימעטער די ברייט) און די דאָזיקע גילדזן האָבן אין אָנהויב אויסגעפירט בלויז קוואַליפיצירטע פּוילישע אַר- בעטער. ערשט שפּעטער, ווען די יידן זענען שוין געוואָרן פּראַקטיש אין דער פאַבריקאַציע, האָט מען זיי באַנוצט פאַר דער דאָזיקער פּרעציזער אַרבעט. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען מלכה, וועלכע האָט זיך שנעל אויסגעלערנט די אַרבעט.

ווען מלכה דערציילט וועגן דער דאָזיקער אַרבעט אין דער קעלצער פאַבריק, רעדט זי ווי אַן אמתער פאַכמאַן. זי באַנוצט אַלע דייטשע פאַך- טערמינען, וועלנדיק דערקלערן דעם אופן פון דער אויספירונג פון די גילדזן.

די אויסגעאַרבעטע גילדזן האָט מען פון קעלץ געשיקט קיין טשענ- סטאָכאָוו אָדער לייפּציג, ווו עס זענען געווען פּולווער-פאַבריקן, און ווו מען האָט די דאָזיקע גילדזן פאַרוואַנדלט אין מאָרד-אינסטרומענטן.

ווען אַ מייסטער האָט געפונען אַ שלעכט-אויסגעפּרוווטע גילדזע און ער פלעגט דערפאַר זידלען די יידישע אַרבעטער (אויך פאַר די שלעכטע גילדזן פון פּוילישע אַרבעטער האָט מען אויסגעלאָזט דעם כעס צו די יידן), און דער דערשראָקענער ייד פלעגט זיך פאַרענטפערן, אַז ער האָט גוט געמאַכט די גילדזן, האָט מען געהערט דראָאונגען:

— גוט, מיר וועלן די גילדזן אויספּרוון אויף דיר... וועלן מיר זיך איבערצייגן, צי זיי זענען גוט...

אין דעם לאַגער זענען טאַקע אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די קראַנקע יידן, וואָס מען פירט אַרויס פון דעם לאַגער, ווערן באַנוצט אַלס אָביעקטן אויסצופּרוון אויף זיי, צי די קוילן זענען גוט צו הרגענען מענטשן.

אין דער פאַבריק זענען די מייסטערס געווען פּאָליאַקן און דייטשן, וועלכע האָבן געהיט די אַרבעטער און קאָנטראָלירט די אַרבעט. די פּוי- לישע מייסטערס האָבן זיך מיט זייער באַציאונג צו די יידישע אַרבעטער מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון די נאַצים.

איינער, וואַצעק האָט מען אים גערופן, אַ יונגער און חוצפּהדיקער שגץ, פלעגט כסדר חוזק מאַכן פון דער אַרבעט פון די יידן און טאָמער האָט ער נאָר באַמערקט עפּעס אַ נישט-פּינקטלעכקייט, איז ער גלייך גע- לאָפן צום נאַצישן אויפזעער, מילקע, און פאַרמסורט די יידישע אַרבעטער.

א צווייטער מייסטער, פּאַנקאַ, איז געגאַנגען נאָך ווייטער אין זיין סאַדיזם. ער האָט ספּעציעל אָנגעשטעלט שלעכט די מאַשינען, אַז די גילדזן זאָלן נישט טויגן. פריער האָט ער אַליין גוט אָנגעזידלט די יידן, פאַרוואָס זיי מאַכן שמעלץ און שפּעטער איז ער געגאַנגען צו מילקען און פאַר-קלאָגט, אַז „זשידעס" סאַבאָטירן די אַרבעט.

געווען נאָך אַ סאַדיסט, פורמאַניאַק האָט ער געהייסן, וואָס אויך פון אים האָבן די יידישע קרבנות געהאַט צו זינגען און צו זאָגן.

דער סאַדיסט מילקע פלעגט דאָן אָנכאַפּן די צוויי יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי איין מאַשין, זיצנדיק איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן און זיי אַזוי לאַנג געקלאַפּט קאָפּ אָן קאָפּ, ביז ס'האָט אָנגעהויבן רינען בלוט. ערשט דאַן, האַלב-פאַרחלשטע, פלעגט ער זיי, אַ צופרידענער פון זיין סאַדיזם, אַ שליידער-טון אויף דער ערד און נאָך דערלאַנגען עט-לעכע זעץ מיטן שטיוול.

איינמאָל האָט מיט מילקען געטראָפן פאָלגנדעס:

ער איז ביינאַכט אַריינגעקומען אַ שיכורער אין דער פאַבריק און אָנגעהויבן זידלען די מיידלעך, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, זיך אָנגע-הויבן טשעפּען צו יעדער קלייניקייט ביז ער האָט אויסגעקליבן 8 פון די יינגסטע און שענסטע מיידלעך און זיי געהייסן גיין מיט אים. ער האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַ קעמערל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן פאַבריק-הויף, אַוועקגעשטעלט צוויי פעסער, אַוועקגעלייגט אַ ברעט, גענומען אַ בייטש, צוגעבונדן צום לעדער אַ שלעכטע גילדזע, וואָס ער האָט געפונען אויפן טיש, און אָנגעהויבן שמייסן די מיידלעך.

די געשרייען פון די מיידלעך זענען געווען נישט צו באַשרייבן. די מיידלעך האָבן זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען איינע הינטער דער אַנדערער און געזוכט מיט אַלע כוחות צו פאַרטיידיקן זיך קעגן דער סאַדיסטישער ברוטאַליטעט.

אָבער מילקע איז געווען שטאַרקער פון זיי. מיט דער גאַנצער ווילד-קייט האָט ער אַ שלעפּ-געטון די ערשטע פון זיי, אַוועקגעלייגט אויפן ברעט, אַראָפּגעריסן די קליידער און אָנגעהויבן שמייסן אויפן הוילן קערפּער.

נישט די געוויינען, נישט די געשרייען און נישט דאָס בעטן האָבן געמילדערט די רציחה פון דעם שיכורן סאַדיסט.

ער האָט געשמיסן ביז בלוט האָט אַנגעהויבן רינען פון קערפּער און ערשט דאַן האָט ער זי אַראָפּגעשליידערט אויף דער ערד, כאַפּנדיק אַ צוויי-טע, דאַן אַ דריטע און אַ פערטע.

אויך די אַנדערע פיר מיידלעך האָט דערוואַרט דער זעלבער גורל, ווען נישט דער צופאַל, וואָס אַן עלטערער שוץ-ווערק-אויפזעער האָט דער-הערט די שרעקלעכע געוואַלדן און איז אַריין אין דער טונקל באַלויכטע-נער קאַמער צו זען, וואָס דאָרט קומט פאָר.

די מיידלעך האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי באַשיצן קעגן מילקעס ווילדקייט.

דער אַריינגעקומענער האָט אַ שמייכל-געטון. ער האָט זיך גאָרנישט איבערגענומען מיט מילקעס טאַט. ער האָט זיי נאָר געהייסן אויפהערן צו שרייען. די פיר צעשלאָגענע מיידלעך האָט ער געהייסן צורעכט-מאַכן די קליידער און גיין צו זיך אין די באַראַקן שלאָפן. די אַנדערע פיר מיידלעך, איבער וועלכע מילקע האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצופירן די עקזעקוציע, האָט ער געהייסן צוריקגיין צו דער אַרבעט.

דאָס שמייסן אין לאַגער איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג. אַזוי, למשל, האָט מעןביים אַריינקומען אין לאַגער פון דער אַרבעט אין דער פאַבריק, אָדער ביים פאַרלאָזן דעם לאַגער, גייענדיק צו דער אַרבעט, ביים דורכגיין די וואַכן, זייער אָפּט רעווידירט די יידן. אויב מ'האָט נאָר געפונען ביים רעווידירן עפּעס אַ קעגנשטאַנד, וואָס דער וואַך איז נישט געפעלן, אָדער אַפילו אַ שטיקל ברויט, וואָס די יידן פלעגן באַקומען אין דער פאַבריק פון די פּוילישע אַרבעטער, האָט מען גלייך באַקומען פאַר דעם דאָזיקן „פאַרברעכן" 25 שמייץ.

מלכה, למשל, אַרבעטנדיק ביינאַכט, פלעגט נעמען ביי עטלעכע קריסטלעכע אַרבעטאָרינס צו שטריקן סוועטערס אָדער קליידלעך און זיי פלעגן איר דערפאַר צאָלן מיט אַ שטיקל ברויט אָדער זייף. זי האָט דערוי-בער געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק ביים אַריינשמוגלען דעם „קאָנטראַבאַנד" אין לאַגער.

בכלל איז די אַרבעט אין דער פאַבריק פאַר די מענער געווען פיל שרעקלעכער ווי פאַר די פרויען. די מענער פלעגן האָבן אַן אַרבעט ביי די אייל-מאַשינען, וו דאָס אייל פלעגט זיי באַשפּריצן נישט בלויז דעם אַנצוג,

נאָר אויך דאָס פּנים, הענט און אָפּט דורכנעצן ביזן קערפּער. פון דעם אייל פלעגן ווערן בלאָזן אויפן קערפּער. עס פלעגט זיך פשוט איינבייסן אין קערפּער אריין. מלכה האָט נאָך עד־היום צייכנס פון דעם אייל אויף די הענט, הגם ביי אירע מאַשינען האָט עס נישט אַזוי שרעקלעך געשפּריצט ווי ביי די גרויסע מאַשינען, וואָס די מענער האָבן דאָרט געאַרבעט.

צום וואַשן האָט מען קיין זייף נישט באַקומען, נאָר פון צייט צו צייט אַ ביסל וואַש־פּולווער. און די נאַצים האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל זיין ריין.

די „ריינקייט־רעוויזיעס" פלעגן אין לאַגער פאָרקומען זייער אָפט. עס זענען אַראָפּגעקומען גאַנצע קאָמיסיעס פון די נאַצישע אָנפירער פון דעם לאַגער און קאָנטראָלירן סיי די מענער און סיי די פרויען. טאָמער איז עמעצנס ריינקייט די נאַצים נישט געפעלן געוואָרן, האָט מען גלייך דערפאַר באַשטראָפט מיט צווינגען מאַכן ספּעציעלע שווערע איבונגען, לויפן, פאַלן אד"גל. טאָמער איז דאָס אויך נישט געפעלן געוואָרן די נאַ־צים, האָט מען נאָך באַקומען אַ פּאָר גוטע קלעפּ דערצו. די פרויען פלעגט מען אַלס שטראָף הייסן אָפּשערן די האָר.

עס האָט געהייסן, אַז מען וויל פאַרהיטן דעם לאַגער פון עפּידעמיעס.

די ערשטע חדשים פון דעם לאַגער האָבן די נאַצים אויך געהאַט אַן אַנדערן „ספּאָרט".

עטלעכע מאָל אַ וואָך, בייטאָג און ביינאַכט, ווען די מענטשן, מידע פון דער פאַבריק־אַרבעט זענען געשלאָפן, האָט מען זיי אויפגעוועקט, גע־הייסן אַראָפּגיין פון זייערע הילצערנע בעטן און רעווידירט ביז צום הוילן קערפּער. מען האָט געזוכט קאָנטראַבאַנד. אָפטמאָל האָט מען זיך פשוט לוסטיק געמאַכט איבער די קרבנות.

דערביי זענען די פרויען אויך „רעווידירט געוואָרן" דורך נאַצישע מענער, ווייל קיין נאַצישע פרויען־וואַך איז אין קעלצער לאַגער נישט געווען.

וועגן אַ וועלכן עס איז פּראָטעסט, האָט — זעלבסטפאַרשטענדלעך — קיין רייד נישט געקענט זיין. ערשטנס איז נישט געווען צו וועמען צו פּראָטעסטירן, והשנית האָבן די יידן אין לאַגער, ווי שקלאַפן, געמוזט שווייגן און יעדן באַפעל פּינקטלעך אויספירן.

ווען נישט, האָט מען געדראָט מיט אַ האַרבער שטראָף, נישט אויס־שליסנדיק קיין טויט־שטראָף.

X

## דאָס שקלאַפן־לעבן

וויזט־אויס, אַז אַפילו צו אַ שקלאַפן־לעבן קענען זיך מענטשן צו־גערוווינען.

מען איז געווען צופרידן, אַז עס איז אַדורך רואיק, אָן שום ספּע־ציעלע אויפטרייסלונגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט.

אַט אַזוי האָבן געלעבט אין דעם קעלצער שקלאַפן־לאַגער 500 יונגע ייִדן זייערע טעג, וואָכן און חדשים.

עס איז געווען אַ לעבן אָן אַ ציל, אָן שום האָפענונגען, אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן.

פון דער גרויסער וועלט איז מען געווען אַבסאָלוט אָפּגעריסן. מען האָט גאָרנישט געוווסט, וואָס עס קומט־פאָר ערגעץ־ווו אַנדערש, ווי עס האַלט מיט דער מלחמה, וואָס עס קומט פאָר מיט אַנדערע ייִדן. מיט די פּוילישע אַרבעטער פון דער פאַבריק, וואָס האָבן זיך ווייטער פריי געקענט באַוועגן און וווינען אין דער שטאָט, האָט מען מורא־געהאַט צו רעדן וועגן פּאָליטיק. טאָמער האָט זיך אַפילו געפונען אַן אַרבעטער, וואָס האָט יאָ געבראַכט עפּעס אַ גוטע ידיעה, אַז די רויטע אַרמיי שלאָגט די דייטשן, האָט מען מורא־געהאַט עס צו גלויבן, טאָמער איז נישט מער ווי אַ שפּיצל, ווי אַ פּראָוואָקאַציע קעגן די ייִדישע אַרבעטער. מען האָט זיך געמוזט היטן מיט יעדן וואָרט, מיט יעדער באַוועגונג, אַנדערש איז מען נישט געווען זיכער מיטן לעבן.

דער רעזשים אין לאַגער איז געווען שטרענג נישט בלויז מצד די גאַצישע און אוקראַינישע אויפזעער, נאָר אַפילו מצד דער יידישער אָרדע-נונג-פּאָליציי, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום סימפּאַטיעס מצד די לאַ-גער-איינוווינער.

דער קאָמענדאַנט פון דער דאָזיקער יידישער אָרדענונג-פּאָליציי איז געווען אַ געוויסער פּיסאַזש פון וואַרשע און זיינע געהילפן זענען געווען די כמיעלניקער יונגעלייט פלוטשעניק און סעגראָניק.

געווען דאָרט אויך אַ יידישער לאַגער-אויפזעער ראָזענצווייג, וועל-כער איז געקומען אַהער נאָכן גירוש פון די יידן אין קעלץ. ער האָט זיך דווקא באַמיט אַרויסצווייזן מער מיטגעפיל זיינע פאַרשקלאַפטע ברידער, אָבער אַ סך אויפטון האָט ער נישט געקענט. די נאַצישע ווערק-שוצלער האָבן געפאָדערט אַ שטרענגן רעזשים און די מינדסטע ענדערונג אין דעם הינזיכט האָט געדראָט מיט אַ קויל אין קאָפּ.

ווען דער לאַגער איז געשאַפן געוואָרן, האָט מען אַלע יידן געהייסן אָנטון געלע אָרעם-בענדער. מיט דער צייט, ווען די בענדער זענען שוין געווען צעריסן אָדער מען האָט זיי ביי דער אַרבעט פאַרלוירן, האָט מען אין דעם לאַגער געבראַכט גרויסע פעסער מיט געלן פאַרב און מען האָט אַלע יידן אויסגעמאָלן אויף זייערע אַנצוגן, אויף דער הויך פון דעם האַלבן קערפּער ברייטע געלע פּאַסן.

דאָס איז געווען דער ערן-צייכן פון זייער שקלאַפעריי, אַז די דויטשע אָדער אוקראַינישע אויפזעער זאָלן פון דער ווייטנס, סיי בייטאָג סיי ביינאַכט קענען זיי לייכט דערקענען.

אין לאַגער איז אַפילו איינגעפירט געוואָרן אַ יידישע פריזירעריי, ווו די יידן האָבן זיך געמעגט ראַזירן און לאָזן שערן די האָר.

דאָס עסן איז כמעט די גאַנצע צייט נישט געענדערט געוואָרן. טאָ-מער איז אָבער אין דעם לאַגער אָדער ביי דער פאַבריק געפּגרט אַ פערד, האָבן די דייטשן דערלויבט צו צעשניידן דאָס געפּגרטע פערד און עס אָפּ-קאָכן מיט דער זופּ פאַר די יידישע שקלאַפן. די דייטשן האָבן געפילט, אַז זיי ווייזן אַרויס אַ גרויסמוטיקייט לגבי די יידן, אָבער די יידן האָבן דערפון נישט געגעסן. זעלטן ווער האָט זיך צוגערירט צום פלייש און צו דער זופּ,

הגם דער הונגער איז געווען גרויס און די מענטשן, בפרט די שוועראַר-בעטנדיקע מענער, זענען ממש געפאַלן פון די כוחות.

די יידן פון דעם קעלצער לאַגער האָט מען אויפן קערפּער נישט אויס-געברענט קיין נומערן, ווי מען האָט עס געטון אין אַנדערע לאַגערן. דאָס איז דערפאַר, וואָס די צאָל פון 500 מענטשן איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ קליינע און מען האָט די מענטשן לייכט געקענט קאָנטראָלירן, דערביי איז עס געווען אַ שטענדיקער אַרבעט-לאַגער און די אויפזעער האָבן אַלע-מען געקענט ביי זייערע נעמען.

איינמאָל האָט דער לאַגער איבערגעלעבט אַ שטאַרקע עמאָציע און גלייכצייטיק אַ גרויסן פּחד. צוויי מענטשן זענען אַנטלאָפן פון לאַגער: דאָס איז געווען לובע לידערמאַן, אַ כמיעלניקער יידיש מיידל, וואָס איז אין איר היים-שטעטל אָנגעגאַנגען פאַר אַ רייך מיידל און דער לאָדזשער יונגערמאַן ווענגער.

די דייטשע אויפזעער האָבן געוווסט וועגן געלט-יחוס פון דער לי-דערמאַן און זיי פלעגן זי אָפט נעמען אויף רעוויזיעס, זוכן ביי איר געלט. אין אָנהויב האָט מען טאַקע ביי איר געפונען אַ ביסל גאָלד, אָבער ווען די דייטשן האָבן זי שוין אינגאַנצן געהאַט באַרויבט, האָבן זיי דאָך נישט אויפגעהערט זיך טשעפּען צו איר פאָדערנדיק, אַז זי זאָל אויסזאָגן, ווו האָט זי באַהאַלטן נאָך געלט. היות לובע לידערמאַן איז געווען יונג און שיין, האָבן די דייטשן סתם געהאַט אַ סאַדיסטיש פאַרגעניגן זי צו באַ-אומרואיקן.

דאָס יונגע פּאָרל איז אַוועק פון לאַגער ביינאַכט און זיך דערשלאָגן צוריק קיין כמיעלניק, ווו מען האָט זיי אָבער באַלד ווידער אַרעסטירט און דאָס מאָל שוין אָפּגעשיקט קיין צוזמיר (סאַנדאָמיערזש), וועגן וועלכן עס זענען געווען קלאַנגען, אַז די דייטשן האָבן דאָרט איינגעאָרדנט אַ „יידישע רעפּובליק". שוין פריער זענען אין די קליינע פּוילישע שטעטלעך פאַרשפּרייט געוואָרן דייטשע מעלדונגען, אַז די יידן וואָס וועלן זיך גוט-וויליק מעלדן צו פאָרן אין דעם „יידנשטאַט" קיין סאַנדאָמיערזש, וועלן אויסמיידן רעפּרעסיעס און גירושים. אַ סך האָבן דערין געגלויבט און האָבן זיך געמאָלדן צו פאָרן אהין.

ווי גרויס איז געווען מלכהם שטוינונג און גלייכצייטיק פרייד, ווען

זי האָט עטלעכע וואָכן נאָך לובע לידערמאַנס פאַרלאָזן דעם לאַגער, באַקומען א פּאָסט-קאַרטל פון סאַנדאָמיערזש פון איר ברודער אברהם, וועלכער שרייבט זיין יינגערער שוועסטער פאָלגנדיקס:

„נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איז מיר דאָס לעבן נמאס געוואָרן און איך בין אַליין מיט דער מוטער געקומען קיין סאַנדאָמיערזש. געדענק מלכה, האַלט זיך גוט. אפשר וועלן מיר זיך נאָך וועז עס איז זען".

טאַקע פון לובע לידערמאַן איז אברהם אָוושיאַני געוויר געוואָרן, ווו זיין שוועסטער געפינט זיך. דאָס איז געווען דאָס איינציקע קאַרטל, וואָס מלכה האָט באַקומען דורך דער פּאָסט אין דעם לאַגער. דאָס איז אויך געווען די איינציקע און לעצטע ידיעה, וואָס זי האָט געהאַט וועגן איר מוטער און ברודער. שפּעטער האָט זי בלויז געהערט, אַז מען האָט ליקווידירט דעם צוזמירער „יידנשטאָט", אַז מען האָט אויך „ליקווידירט" אַלע יידן, וואָס זענען דאָרט געווען. בלויז יחידים איז געלונגען אויסצומיידן די ליקווידאַציע.

א צייט שפּעטער האָט מלכה באַקומען נאָך א בריוול, אָבער שוין דאָס מאָל נישט דורך קיין פּאָסט, נאָר דורך א קריסט פון קעלץ, וועלכער איז אויך געווען אַן אַרבעטער אין דער פאַבריק. דער בריוו איז געווען פון איר ראַקעווער יוגנט-חבר זעליג שיינער, וועלכער איז בעתן גירוש פון ראַקעוו אַנטלאָפן. ער איז פּשוט אַראָפּגעשפּרונגען פון באַן, אינמיטן פאָרן, בעת מען האָט זיי געפירט ערגעץ-ווו אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

שיינער האָט איר געשריבן, אַז 40 פּערזאָן געפינען זיי זיך אין די ראַקעווער וועלדער, ווו זיי באַהאַלטן זיך אויס פּאַר די דייטשן און פירן א פּאַרטיזאַנען-קאַמף. שיינער האָט איר אויך געשריבן, אַז ער האָט מיט זיי א סך גערעדט און ער וויל איר דאָס אַלץ איבערגעבן.

מלכה איז געוואָרן שרעקלעך אומרואיק. דער געדאַנק א סוף צו מאַכן מיטן שקלאַפן-לעבן אין לאַגער און זיך פאַראייניקן מיט אירע יוגנט-חברים האָט איר קיין רו מער נישט געגעבן. זי האָט דאָס בריוול געוויזן אירער א חברטאָרין פון לאַגער, דעם כמיעלניקער מיידל פּאָלאַ בלאַנק און זיי האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון לאַגער. זיי האָבן געוואָלט, אַז מיט זיי זאָל זיך פאַראייניקן נאָך א מיידל, אָבער יענע האָט מורא-געהאַט און דעריבער האָט מלכה מיט פּאָלאַ זיך אָפּגערעדט, אַז 3 פאַרטאָג, בעת פּוי-

זע ביי דער נאַכט-אַרבעט, זאָלן זיי זיך טרעפן אויפן פאַבריק-פּלאַץ און פון דאָרט, אויסנוצנדיק די נאַכט-פינצטערניש, אַריבערשפּרינגען דעם פּלויט און אַנטלויפן.

צו דער באַשטימטער צייט האָבן זיי זיך געטראָפן און דורך אַ זייטיקן וועג צוגעקומען צום הויכן פּלויט. פאַלאַ בלאַנק איז די ערשטע אַרויפגעקראָכן אויפן פּלויט. מלכה האָט איר געהאָלפן. פאַלאַ איז אַריבערגעשפּרונגען דעם שטעכעדיקן דראָט, וואָס האָט זיך געפונען איבערן פּלויט און האָט זיך גלייך געפונען פון דער צווייטער זייט פונעם לאַגער. איצט האָט מלכה געדאַרפט טון דאָס זעלבע. זי האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן פּלויט און שוין אָנגעכאַפּט דעם שטעכעדיקן דראָט, בכדי אַריבערצושפּרינגען, ווי פּלוצלינג האָט זי דערפילט ווי עמיצער כאַפּט זי אָן ביי די פיס און שלעפּט זי אַראָפּ מיט דער גאַנצער קראַפט. מיט צעקראַצטע הענט פון דעם שטעכעדיקן דראָט איז מלכה אַראָפּגעפאַלן אַ דערשראָקענע אויף דער ערד. פאַר איר איז געשטאַנען דער יידישער לאַגער-פירער ראָזענצווייג.

— פאַננאַ מאַניו — האָט ראָזענצווייג איר געזאָגט מיט אַ פאָטערלעכן טאָן, — אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט באַוויזן אָנצוקומען אַ פּאָר מינוט פריער און צו ראַטעווען אויך פאַלען. קומט צוריק שנעל צו דער אַרבעט...

באַגלייט פון ראָזענצווייגן איז מלכה שנעל צוריקגעלאָפן צו דער פאַבריק. ראָזענצווייג האָט איר געבראַכט אַביסל דעזינפעקציע-וואַסער אָפּצוּוואַשן די פאַרבלוטיקטע הענט און מלכה איז צוריק אַריין אין פאַבריק.

פאַרטאָג איז אין לאַגער דורכגעפירט געוואָרן אַן אַפּעל. דער ווערקשוץ-פירער, באַגלייט דורך זשאַנדאַרמען און יידישע אָרדענונג-היטער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אַ לאַנגער רייע יידן און מעלדנדיק מיט צופרידנקייט, אַז פאַלאַ בלאַנק איז דערשאָסן געוואָרן פאַר וועלן אַנטלויפן פון לאַגער, געפאָדערט, אַז מען זאָל אים זאָגן, ווער איז געווען דאָס אַנדערע מיידל, וואָס האָט געוואָלט אַנטלויפן.

אַלע האָבן געשוויגן. אויך ראָזענצווייג האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט.

מלכה האָט אויסגעמיטן אַ האַרבע שטראָף. שפּעטער, ווען קיינער

האָט נישט געהערט, האָט זי ראַזענצווייג געוואָרנט, אַז זי זאָל אַזוינס מער נישט טון, ווייל זי שטעלט-איין נישט בלויז דאָס אייגענע לעבן, נאָר אויך פון אירע לאַגער-חברים.

ווי אַזוי די גאַנצע זאַך איז אָנגעקומען צו ראָזענצווייגן ווייסט נישט מלכה. מעגלעך, אַז ער האָט אונטערגעהערט זייער געשפּרעך; מעגלעך, אַז דאָס האָט אים איבערגעגעבן די דריטע חברטע, וועלכער זיי האָבן פאַר-געלייגט אַנטלויפן צוזאַמען. מלכה איז עס קיינמאָל נישט געוווּר געוואָרן.

זי איז פאַרבליבן אין דעם לאַגער מיט אַ נייער ווונד אין האַרץ.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז אין דעם לאַגער אַנטשטאַנען אַ נייע מהומה.

די זשאַנדאַרמען האָבן בעתן מיטיק דורכגעפירט אַן אַפּעל און אויסגעקליבן 100 פּערזאָן, געהייסן פאַרפּאַקן זייערע זאַכן און זיי אַוועק-געפירט. דער דאָזיקער אַפּעל איז דורכגעפירט געוואָרן מיטיק-צייט. פון די לאַגער-איינוווינער האָבן געפעלט 12 פּערזאָן. נישט-וויסנדיק, וואָס עס וועט פאַרקומען אין לאַגער בעת דער מיטיק-פּויזע, האָבן די דערמאָנטע 12 מענטשן אָנשטאָט עסן דאָס ביסל געקעכץ, בעסער געוואָלט בלייבן אויפן פאַבריק-פּלאַץ און זיך אויסרוען אין שאָטן, ווייל עס איז געווען אַ הייסער טאָג.

די דייטשן האָבן זיי אָבער באַשולדיקט, אַז זיי האָבן זיך אויסבאַ-האַלטן, בכדי צוצוגרייטן אַ קאָמפּלאָט און אַלע 12 יידן דערשאָסן.

די לאַגער-איינוווינער האָבן די דאָזיקע מערדערלעכע עקזעקוציע און דאָס אַרויסשיקן פון לאַגער 100 מענטשן אויסגעטייטשט אַלס אַן אָנהויב פון דער ליקווידאַציע פון דעם לאַגער, דאָס הייסט, אַלס אָנהויב פון זייער סוף.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זייער שרעק איז געווען אַן אומזיסטיקע. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז די 100 אַרויס-געשיקטע מענטשן זענען נישט אומגעבראַכט געוואָרן, נאָר מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין דער פּולווער-פאַבריק קיין פּיאָנקי, וווּ מען האָט זיך גע-נויטיקט אין מער-קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

אין דעם קעלצער לאַגער זענען גלייך אָנגעקומען אַנדערע 100 יידן,

צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען 50 יונגע יידן פון דעם לאַדזשער געטאָ.

מען האָט אויך געבראַכט נייע מאַשינען און מען האָט נאָך פאַר-גרעסערט די פראָדוקציע אין דער פאַבריק. מער אַרבעט-שעהן און גרע-סערע אַרבעט-נאָרמען.

די נאַצישע אַרמיי האָט זיך געגוויטיקט אין מער אַמוניציע.

פון די ניי-אָנגעקומענע יידן האָבן זיך די אַלט-איינגעזעסענע איינ-וווינער פון קעלצער לאַגער דערוווסט, אַז אויפן סאָוועטישן פראָנט גייט די דייטשן מיט דער פוטער אַראָפּ, אַז די דייטשן לאָזן אויס זייער גאַנצן כעס צו די יידן, אַז מען ליקווידירט געטאָס, מען מאָרדעט יידן, אַז עס קומען פאָר פאַרטיזאַנען-קאַמפן קעגן די דייטשן, הגם קיין סך פּרטים האָבן די ניי-געבראַכטע שקלאַפן-טראַנספּאָרטן נישט געהאַט, ווייל אויך זיי זענען געווען גענוג אָפּגעזונדערט פון דער אויסערלעכער וועלט.

וואָס ערגער עס איז געגאַנגען די דייטשן אויפן פראָנט, אַלץ שווע-רער זענען געוואָרן די אַרבעט-באַדינגונגען אין דעם לאַגער. אָבער דווקא די דאָזיקע שוועריקייטן האָבן די געפייניקטע און אויסגעהונגערטע יידן אויפגענומען באהבה, פילנדיק אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון די נאַצישע מפּלות, כאָטש קיין גענויע ידיעות האָבן זיי אַלץ נישט געהאַט.

אין מערץ פון 1944סטן יאָר האָבן די יידן פון דעם קעלצער לאַגער ווידער איבערגעלעבט אַ טראַגישע עמאָציע.

פון דער באַן-סטאַנציע האָט מען אויף גרויסע פורן געבראַכט ריזיקע טראַנספּאָרטן פון מענטשלעכע קליידער. מען האָט די זאַכן אָפּגעלייגט אין דעם לאַגער, וווּ די יידן האָבן זיך געפונען, און אין די פרייע שעהן פון דער פאַבריק-אַרבעט ווי אויך אין די זונטיק-טעג, האָט מען געהייסן די יידן מאַכן אַן אָרדענונג אין די זאַכן.

די לאַגער-יידן האָבן זיך דערוווסט, אַז די דאָזיקע זאַכן האָט מען געבראַכט פון לובלין, וווּ מען זאָל האָבן דערשאָסן 20.000 יידן.

וועגן מיידאַנעק, טרעבלינקע, וועגן גאַז-קאַמערן און וועגן אַ סך מער יידן, וואָס די נאַצים האָבן דאָרט אויסגעמאָרדעט, זענען די איינוווינער פון דעם קעלצער אַרבעט-לאַגער געוווּיר געוואָרן ערשט אַ סך, אַ סך שפּעטער.

אין לאַגער גופא איז זיי אויסגעקומען, אַז דאָס, וואָס זיי לעבן אי-בער, איז שוין די העכסטע מדרגה פון נאַצישער באַרבאַריע.

מען האָט זיך גענומען צו מאַכן אָרדענונג אין די געבראַכטע זאַכן.

מען האָט זיי געדאַרפט אויסלייגן אין אָרדענונג לויט קאַטעגאָריעס, לויט זייער צושטאַנד. פריער האָט מען די זאַכן געדאַרפט גענוי דורכרע-ווידירן, דורכנישטערן די קעשענעס, זוכן צי אין דער פּאָדשעווקע, אין די אַרבל איז נישט פאַרנייט עפּעס אַן אוצר.

די נאַצישע אויפזעער זענען געשטאַנען איבער די קעפּ פון די יידן און זיי געקוקט אין די הענט, צי זיי גיבן אָפּ אַלע געפונענע זאַכן, ווייל מען האָט אין די קליידער טאַקע געפונען אַ סך זאַכן. געלט-באַנקנאָטן, גאָלדענע און זילבערנע מטבעות, רינגלעך, בריליאַנטענע בראָשן אד"גל.

די מטבעות און באַנקנאָטן זענען געווען פון פאַרשידענע לענדער, פון דער נאַצישער עמיסיע-באַנק אין אָקופּירטן פּוילן, דאָלאַרן, ענגלישע פונטן, פראַנקן, האָלענדישע גילדנס, טשעכיש געלט, בעלגיש — אַ סימן, אַז די קליידער האָבן געהערט צו יידן פון פאַרשידענע אייראָפּעאישע לענדער.

ווען די נאַצישע אויפזעער זענען שוין מיד געוואָרן פון אכטונג געבן, אָדער זענען סתם געווען באַשעפטיקט ביי אַן אַנדער גרופּע, האָט מלכה און אירע חברטעס מיט אַ ספּעציעלער סאַטיספאַקציע צעריסן די פּאַפּירענע געלט-באַנקנאָטן אָדער אַוועקגעוואָרפן אין אַ ווינקל מטבעות, אַבי וואָס ווייניקער זאָל אַריינפאַלן אין די נאַצישע הענט. עס איז געווען זייער איינציק פאַרגעניגן אין יענע שווערע צייטן, כאָטש אויף אַזאַ אופן ברענגען שאָדן די נאַצים.

די קליידער און וועש זענען געווען פון מענער, פרויען און קינדער. אויף פיל קליידער האָבן זיך געפונען געלע לאַטעס, מגן-דוד צייכנס, די פרויען-גאַרדעראָב האָט געהאַט די אותיות „פ. ק. ל." ס'הייסט פרויען-קאָנצענטראַציע-לאַגער און די מענער-קליידער בלויז „ק. ל." וואָס הייסט קאָנצענטראַציע-לאַגער. כמעט אַלע קליידער האָבן געהאַט שטעמפּל-נומערן און דאָס זייער הויכע נומערן, וואָס באַדייט די גרויסע צאָל אומגעבראַכטע יידן.

צווישן די קליידער און וועש זענען געווען גוטע, עלעגאַנטע זאַכן,

זיידענע אונטער־וועש פון פרויען, אנצוגן פון ענגלישע סחורה, א סימן, אז עס האָט געהערט צו פֿארמעגלעכע מענטשן. געווען אויך אַלטע צעריסענע, אָפּגעטראָגענע זאכן פון אָרעמע מענטשן.

די גוטע זאכן האָבן די נאַצים צוגענומען פאר זיך, און זיי ארויסגעפירט פון דעם לאַגער. זיי האָבן אויך צוגענומען אַלע געלטער און חפצים, וואָס מען האָט אין די קליידער געפונען.

די אַלטע, אָפּגעטראָגענע זאכן האָט מען פונאנדערגעטיילט צווישן די איינוווינער פון דעם ארבעט־לאַגער. צום ערשטן מאָל האָבן די 500 יידישע שקלאַפן געקענט דאן טוישן זייערע קליידער און וועש, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף זיך זינט דעם ערשטן טאָג, ווען זיי זענען איבערגעטראָטן די שוועל פון דעם שקלאַפן־לעבן.

אין איין פרויען־זשאַקעט האָט מלכה געפונען א בילד פון א יונגער פרוי מיט א יידישער אויפשריפט צום „אייביקן אָנדענק”. פאר וועמען דאָס בילד איז געווען, געדענקט מלכה נישט. זי געדענקט נאָר, אז די אונטערשריפט איז געווען „רעגינע” און דאָס אָרט, וווּ דאָס בילד איז געשאָנקען געוואָרן, איז געווען גריצע.

אזוי איז אדורך די צייט אין דעם לאַגער פון שקלאַפן־ארבעט ביז יוני 1944, ווען דער לאַגער איז ליקווידירט געוואָרן אונטערן דרוק פון דעם זיגרייכן מאַרש פון דער סאָוועטישער ארמיי אין פוילן.

XI

# דער אָנזאָג פון צוזאַמענבראָך

אין אַ שײנעם הײסן יוני-טאָג, ווען די אַרבעטער זענען געקומען אין דער פאַבריק פאַרנעמען זײערע ערטער בײ די מאַשינען, האָבן זײ זיך געטראָפן מיט אַ סורפּריז: אַנשטאָט צו מאַכן גילדזן, האָט מען זײ געהײסן אויפשרויפן די מאַשינען, רײניקן יעדע מאַשין-טײל און עס אָנהויבן פּאַקן. נישט בלויז די מאַשינען, נאָר אויך אַלע אײנריכטונגען פון די ביוראָס פון דער פאַבריק-אַדמיניסטראַציע האָט מען געהײסן שנעל פונאַנדערנעמען און אַרײנלײגן אין גרויסע קאַסטנס, וואָס זענען די לעצטע נאַכט געבראַכט געוואָרן אַהין.

די באַוועגונג אין דער פאַבריק איז געוואָרן אַ געוואַלדיקע. אָנגעקומען לאַסט-אויטאָס פון קעלץ, קראָקע און פון דײטשלאַנד, אויף וועלכע מ׳האָט אָנגעהויבן אויפלאָדן די פאַרפּאַקטע קאַסטנס און זײ אַוועקגעפירט.

וואָס ס׳איז געשען, פאַרוואָס עס ווערט ליקווידירט די פאַבריק און וואָס עס וועט זײן מיט זײ, די ײדישע שקלאַפן פון דער נאַצישער קריגס-אינדוסטריע — דאָס האָט קײנער נישט געוואַגט צו פרעגן.

פון דער אײלעניש, מיט וועלכער די דײטשן האָבן ליקווידירט די ריזיקע פאַבריק-אײנריכטונגען, האָבן אָבער די אַרבעטער פאַרשטאַנען, אַז די דײטשע לאַגע אויף די קריגס-פראָנטן איז אַ קריטישע און אַז מען מוז וואָס שנעלער עוואַקואירן די באַדראָטע געביטן פון אָקופּירטן פּוילן.

די פּוילישע אַרבעטער האָבן, איבעריקנס, געבראַכט שטילערהייט ידיעות, אַז די באָלשעוויקעס דערלאַנגען די נאַציס שווערע קלעפּ, אַז אַ גרויסע טייל פון פּוילן איז שוין פאַרנומען דורך דער רויטער אַרמיי, וועלכע דערנענטערט זיך שוין צו דער ליניע קראָקע-קעלץ.

פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע אַרבעטער האָט מען געגעבן די שווערסטע אַרבעט.

אין דער פאַבריק זענען אויך געווען ריזיקע מאַשינען, וועלכע מען האָט בכלל נישט געקענט פונאַנדערנעמען. די דאָזיקע מאַשינען זענען געווען פיר מעטער די הויך, זייער ברייט און מען האָט זיי געדאַרפט אַרויספירן אַזוי ווי זיי שטייען. מען האָט אונטער זיי אַרונטערגעלייגט הילצערנע קלעצער און אַזוי אַרום, שטופּנדיק זיי, אַרויסגעפירט אויפן פאַבריק-הויף און פון דאָרט, אויפן זעלבן אופן, געשטופּט צו דער באַן-ליניע, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון דער פאַבריק. דאָרטן האָט מען זיי געמוזט אַרויפשלעפּן אויף די אָפענע פראַכט-וואַגאָנען.

די דאָזיקע קאַטאָרזשנע האָרעוואַניע האָבן געמוזט אויספירן די יידישע אַרבעטער. ס׳רוב פון די יידן זענען געווען שאָטנס פון געוועזענע מענטשן. אויסגעדאַרט, אויסגעהונגערט און אויסגעפּייניקט פון זייער שקלאַפן-לעבן אין דעם לאַגער, האָבן זיי זיך קוים נאָך געקענט באַוועגן. אָבער די דייטשן האָבן זיך וויניק-וואָס דערמיט איבערגענומען.

דער ווילדער נאַצישער סאַדיסט יאַספּער האָט איבערגענומען די אָנפירונג איבער דער עוואַקואַציע פון די מאַשינען. מיט אַ לעדערנער בייטש אין דער האַנט און מיט שוים אויף די ליפּן האָט ער געשלאָגן און געיאָגט די יידן, אַז נישט שוויים, נאָר בלוט איז גערונען פון זייערע צעפּייניקטע קערפּערס. יאַספּער האָט אָבער קיין שום רחמנות נישט געהאַט. אפילו די יידן, וואָס זיינען אַוועקגעפאַלן חלשות, האָט מען געשלאָגן און געקאָפּעט אויף אַזאַ מערדערלעכן אופן, אַז נישט איינער איז שוין מער נישט אויפגעשטאַנען.

נאָכן אַרויסנעמען די מאַשינען פון די גרויסע אַרבעט-האַלעס, האָט מען פון אונטער די בעטאָנענע פּאָדלאָגעס אַרויסגעהאַקט די איינגעמויערטע מאַטאָרן און דראָטן, וואָס האָבן פאַראייניקט דעם עלעקטרישן שטראָם מיט די מאַשינען.

ביים שלעפּן די מאַשינען צום וואָקזאַל זענען עטלעכע יידן נעלם געוואָרן. צווישן די אַנטלאָפענע האָט זיך אויך געפונען דער יידישער „אָר-דענונג-היטער״ פּיסאַזש, ווען מען די דייטשן האָבן נאָכגעיאָגט און דער-שאָסן.

שפּעט ביינאַכט, ווען די אַרבעטער האָבן זיך שוין געפונען צוריק אין די באַראַקן, בכדי אָפּצורוען נאָך די ביטערע אַרבעטס-טאָג, איז אָנ-געקומען אַ נאַצישע זשאַנדאַרמעריע-אָפּטיילונג מיט מאַשין-געווער אין די הענט, געהייסן אַראָפּ פון די בעטן, אַרויס אויפן הויף, און אויסשטעלנ-דיק אין רייען אַלע יידן, אָנגעהויבן זיי צו ציילן. מען האָט זיך איבער-ציינגט, אַז איבער אַ צענדליק יידן פעלן. דער ווערקשוץ-פירער האָט אָנגע-הויבן שרייען און זידלען, געוואָרנט, אַז מען זאָל נישט מיינען, אַז דייטש-לאַנד האָט שוין פאַרשפּילט די מלחמה און דערקלערט, אַז דאָס מאָל איז ער אַלעמען מוחל, אָבער נאָכאַמאָל, אויב מען וועט אַנטלויפן, וועלן אַלס שטראָף פאַר יעדן אַנטלאָפענעם דערשאָסן ווערן 50 יידן.

האָבנדיק שוין איינגאַנצן אָפּגעלייִדיקט די פאַבריק, האָט מען זיך גענומען צו די הילצערנע באַראַקן. פריער האָט מען פונאַנדערגענומען די באַראַקן פון די פרויען און שפּעטער פון די מענער. די ברעטער האָט מען אויפגעלאָדן אויף לאַסט-וואַגאָנעס און זיי אָוועקגעפירט.

צוזאַמען מיט דער אַמוניציע-פאַבריק האָט אויך אויפגעהערט צו עקזיסטירן דער קעלצער אַרבעט-לאַגער. די יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז די אַלע קלאַנגען וועגן דעם זיגרייכן סאָוועטישן מאַרש אין פּוילן זענען ריכ-טיק. פון איין זייט האָט די מענטשן באַהערשט אַ פונק פון האָפענונג, אַז די סאָוועטישע אַרמיי וועט זיי באַפרייען פון דעם שרעקלעכן נאַצישן יאָך, און פון דער אַנדערער זייט ווידער די מורא, צי וועלן זיי די נאַצים נישט „ליקווידירן״ פריער, איידער די סאָוועטישע אַרמיי וועט באַוויזן אָנצו-קומען.

בפרט נאָך, אַז די נאַצישע זשאַנדאַרמען האָבן זיי געהייסן זיך אויסשטעלן צו דריי אין איין רייע און מאַרשירן פאָרויס. אונטער אַ שטאַר-קער באַוואַכונג האָבן די יידן פאַרלאָזט דאָס אָרט, וווּ זיי האָבן פאַר-בראַכט אַזוי פיל שווערע און ביטערע חדשים.

וואָס וועט איצט זיין זייער גורל? וווּהין וועט מען זיי איצט פירן?

נייע אומרואיקע געראַנקען האָבן באַהערשט די יידן.

אָבער די זשאַנדאַרמעריע-וואַך האָט זיי דערוויל מיט בייטשן און הינט געיאָגט, אַז זיי זאָלן זיך צואײַלן. עס איז געווען אַ שרעקלעכע היץ און זיי זענען אַזוי געגאַנגען גאַנצע צוויי שעה, ביז זיי האָבן פאַר זיך דערזען די באַן-רעלסן און אויף זיי אייניקע לאַסט-וואַגאָנען. דאָס מאָל זענען דאָס געווען נישט קיין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, נאָר האַלב-אָפענע, אָן אַ צודעק. ווען זיי זענען צוגעקומען צו די וואַגאָנען, האָט שוין אויף זיי געוואַרט אַ וואַגאָן מיט ברויט. מען האָט יעדן איינעם געגעבן אַ פּאָרציע ברויט אויפן וועג און געהייסן אַרויפקריכן אויף די וואַגאָנען. מען האָט פאַרשלאָסן די האַלבע טירן און מיט דער באַגלייטונג פון די גוט-באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען האָט דער טראַנספּאָרט געריררט פון אָרט. 2 טעג און 2 נעכט האָט געדויערט די רייזע. עס הייסט נישט, אַז דער צוג איז די גאַנצע צייט געפאָרן. מען איז מער געשטאַנען אין אָפענעם פעלד, ווי מען איז געפאָרן. „פאָרן" איז אויך נישט קיין ריכטיקער באַגריף פאַר יענער נסיעה. דער צוג האָט זיך געשלעפּט אַ פּאָר מינוט און דאַן שטיין געבליבן, דאַן ווידער אָפּגעשלעפּט זיך אַ פּאָר קילאָמעטער און ווידער גע-בליבן שטיין. דאָס איינציקע, וואָס מען האָט אויסגעמיטן, איז געווען, אַז מען זאָל זיך נישט אָפּשטעלן ביי קיין באַן-סטאַנציע, וואו ס'איז געווען אַ געוויסע באַוועגונג פון מענטשן. אויף די ערטער האָט דער לאָקאָמאָטיוו געגעבן אַ שטאַרקן שלעפּ דעם צוג, בכדי די פאָרנדיקע זאָלן קיינעם נישט זען און זיי זאָלן דורך קיינעם נישט געזען ווערן. קיין וואַסער צום טרינ-קען האָט מען די יידן דעם גאַנצן וועג נישט געגעבן. מען האָט זיי אויך נישט דערלויבט אַראָפּגיין דערליידיקן זייערע פיזישע באַדערפעניש אפילו אין די שעהן, ווען דער צוג איז געשטאַנען אין אָפענעם פעלד. אַלץ האָט געמוזט געמאַכט ווערן אין די פול-געפּאַקטע וואַגאָנען. בייטאָג האָט די זון שרעקלעך געברענט, בלויז אין די קילע נעכט האָט מען געקענט אַביסל פרייער אָפּאָטעמען, ווייל שלאָפן האָט מען סיי-ווי נישט געקענט. מען האָט קוים געקענט שטיין אין די וואַגאָנען, אַזוי צוזאַמענגעפּאַקט איז מען דאָרט געווען.

דער ערשטער שווערער רייזע-עטאַפּ האָט זיך געענדיקט אין טשענ-סטאָכאָוו. די יידן זענען ווייטער פאַרבליבן פאַרשלאָסן אין די האַלבע

פּראַכט-וואַגאָנעס, אָבער דער נאַצישער אָנפירער פון טראַנספּאָרט איז אַוועק אין שטאָט אַריין. נאָך עטלעכע שעה צייט איז ער צוריקגעקומען אַ בייזער. מען מוז ווייטער פאָרן. די יידן האָבן זיך דערוווּסט, אַז מען האָט זיי געפירט אויף אַרבעט אין דער טשענסטאָכאָווער אַמוניציע-פאַבריק, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך די דאָזיקע פאַבריק ווערט שוין ליקווידירט און מען דאַרף דעריבער נישט האָבן קיין נייע אַרבעטער.

מען האָט די וואַגאָנען מיט די אומגליקלעכע מענטשן צוגעטשעפּעט צו אַן אַנדער צוג, וואָס האָט אויך געפירט יידן, און מען איז געפאָרן קיין נאָווא-ראַדאָמסק, וואָס געפינט זיך ס"ה עטלעכע שעה באַן-רייזע פון טשענסטאָכאָוו.

איידער מען האָט זיך דערנענטערט צו דער באַן-סטאַנציע, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט, מען האָט אויפגעשלאָסן די וואַגאָן-טירן און אַלעמען געהייסן אַראָפּגיין. אַרומגערינגלט דורך יונגע אוקראַינישע און נאַציִשע זשאַנדאַרמען, דורך 17-18-יעריקע שקצים, וועלכע האָבן געהאַט אויסער געווער, אויך בייטשן, האָט מען דעם גאַנצן טראַנספּאָרט אָנגעהויבן טרייבן אויף אַן אָפענעם פעלד און דאָרטן אַלעמען זיך געהייסן זעצן אויף דער ערד. פאַר יעדער באַוועגונג, פאַר יעדן חשד, וואָס דער נאַצישער אויסוואָרף האָט געהאַט בנוגע עמעצן פון די אומגליקלעכע קרבנות, האָט מען געפערלעך אָנגעהויבן שלאָגן. דאָס איינציקע, וואָס די מענטשן האָבן יאָ אויסגעפועלט, איז געווען, אַז מען זאָל איינציקווייז מעגן ביין אין אַ ווינקל צוליב פיזישער נויטווענדיקייט און מען האָט אויך דערלויבט ברענגען אַביסל וואַסער צום טרינקען.

אָט אַזוי איז מען געזעסן נישט ווייסנדיק אויף וואָס מען וואַרט. דער איינציקער געדאַנק פאַר אַ סך פון די פאַרזאַמלטע איז געווען, אַז דאָ וועט שוין זיין זייער סוף, אַז מען וועט אַלעמען אויסשיסן.

די ברענענדיקע זון האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געפּייניקט. די אַרבעטער פון דעם קעלצער לאַגער האָבן אָנגעהויבן דערפילן שרעקלעכע וווּנדן אויפן גאַנצן קערפּער פון די אייל-פלעקן, וואָס זיי האָבן געהאַט פון דער אַרבעט ביי די מאַשינען. אונטער די שטראַלן פון דער ברענענדיקער זון האָבן די אייל-פלעקן אָנגעהויבן שנעל צו רעאַקציאָנירן און עס האָבן זיך געשאַפן בלאָזן איבערן גאַנצן קערפּער. די שמערצן זענען

געוועזן שרעקלעך. מען האָט קוים אויסגעהאַלטן. עס האָט געביסן און מען האָט זיך געמוזט קראַצן און דאָס האָט נאָך מער פאַרטיפט די ווונדן, פאַרגרעסערנדיק די שמערצן.

בפרט אַז דעם נאַציסט אָדער דעם אוקראַאינישן שומר איז עפּעס נישט געפעלן געוואָרן און ער האָט דערלאַנגט עטלעכע שטאַרקע שמיץ מיט דער בייטש.

אַ סך פון די אומגליקלעכע מענטשן האָבן אין די דאָזיקע מאָמענטן שוין געוואַרט אויפן טויט ווי אויף אַן אויסלייזונג פון די אוממענטשלעכע מאָראַלישע און פיזישע ליידן.

די אומזיכערקייט און אומרואיקייט איז נאָך מער געוואַקסן, ווען מען האָט געזען ווי דער נאַצישער אָנפירער פון דעם טראַנספּאָרט לויפט אַרום איבערן פעלד אַ נערוועאישער, ווערט נעלם און קומט ווידער צוריק, האַלט-אָפּ באַראַטונגען מיט זיינע נאַצישע געהילפן.

די מענטשן, וועלכע זענען געזעסן אויפן פעלד און געוואַרט, אַז זייער גורל זאָל ענדלעך אַנטשיידן ווערן, האָבן אָבסערווירט עפּעס אַ נישט-אַנטשלאָסנקייט און הילפלאָזיקייט ביי די נאַצים.

עפּעס קומט-פאָר, עפּעס גרייט זיך ווידער, אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס.

עס איז שוין נישט געווען די אַמאָליקע נאַצישע זיכערקייט, די קאַטעגאָרישקייט און שנעלקייט.

אפילו דאָ, אויפן אָפענעם פעלד, אונטער דער בייטש פון די נאַצישע און אוקראַאינישע שקצים, האָט מען געפילט דעם אָנזאָג פון דעם נאַצישן צוזאַמענברוך, כאָטש קיינער פון די יידן האָט נישט געגלויבט, אַז זיי וועלן דערלעבן אַליין צו זען דעם סוף פון נאַציזם.

זיי זענען געווען זיכער, אַז פריער וועלן זיי נאָך אומגעבראַכט ווערן.

בייטאָג איז דער אָנפירער פונעם טראַנספּאָרט אוועק אין שטעטל און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער האָט אינטערווענירט ביי דער זשאַנדאַרמעריע פון נאָווע-ראַדאָמסק, מען זאָל זיך פאַרשטענדיקן מיט דער העכערער מאַכט און באַשטימען, וואָס צו טון מיטן טראַנספּאָרט.

אין נאָווע-ראַדאָמסק גופא האָט די דייטשע זשאַנדאַרמעריע פשוט

נישט געוווסט, וואָס מען דאַרף טון מיט די פּאָר הונדערט יידן, וואָס גע-
פינען זיך קאָנצענטרירט אויפן פעלד.

ערשט פאַרנאַכט האָט מען דערהערט פון וויטנס אַן אויטאָ-גערויש
און אַ ווײַלע שפּעטער זענען אויפן פעלד דערשינען עטלעכע גרויסע מי-
ליטערישע לאַסט-אויטאָס, וועלכע מען האָט גלייך אָנגעפילט מיטן יידישן
מענטשן-טראַנספּאָרט.

די דאָזיקע מענטשן זענען אַזוי געווען זיכער, אַז מען פירט זיי שוין
אַוועק צו דער עקזעקוציע, אַז זיי האָבן אויפן פעלד איבערגעלאָזט אַלץ,
וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך: די רעקלעך, היטלען און רעשטלעך פון
ברויט.

עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דאָס איז שוין זייער לעצטער וועג.
זיי האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז צומאָרגנס וועלן זיי
גראָבן אָקאָפּעס פאַר דער דייטשער אַרמיי.

## XII

# ביים גראָבן דייטשע אָקאָפּעס

אַן ערך 3 שעה צייט זענען זיי געפאָרן איבער שאָסיי-וועגן, פול מיט לעכער און אויפגעריסענע באָמבעס, וועלכע זענען אין יענער געגנט גע-פאַלן. אין פיל ערטער זענען די לעכער געווען פאַרלייגט מיט שטיינער.

הינטער דעם שטעטל פשעדבאָזש זענען די אויטאָס געבליבן שטיין און די „פּאַסאַזשירן" האָט מען פאַרזאַמלט אויף אַ פעלד און זיי געהייסן זיך אַוועקזעצן. דאָס מאָל אָבער האָט מען דורכגעפירט אַ נייע פונאַנדער-טיילונג: מען האָט די מענער געהייסן זיך זעצן באַזונדער און די פרויען באַזונדער.

די אויסגעליידיקטע לאַסט-אויטאָס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן און עס האָט נישט געדויערט לאַנג ווי אויפן שאָסיי האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע פון דייטשער פעלד-זשאַנדאַרמעריע. פריער זענען די יידן געווען זיכער, אַז מען פירט זיי צום טויט, איצט אָבער האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז זיי געפינען זיך אין דער זאָנע פון די דייטש-סאָוועטישע קריגס-אָפּעראַציעס.

די אויפזעער איבער דעם געבראַכטן טראַנספּאָרט יידן האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיטן עלטסטן פון דער פעלד-זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָבן איבערגענומען אין זייער רשות די יידן. די פעלד-זשאַנדאַרמעריע האָט גע-הייסן די יידן זיך אויסשטעלן אין רייען און נאָכן איבערציילן זיי, באַ-פוילן גיין פאָרויס.

דערביי האָט דער עלטסטער פעלד-זשאַנדאַרם געמאָלדן קורץ און

שאַרף, אַז מען זאָל זיך נישט באַמיען צו אַנטלויפן, ווייל אויסער דעם, וואָס אין דער געגנט וועט זיין שווער זיך אויסצובאַהאַלטן און מען וועט באַקומען טויט-שטראָף, וועט מען פאַר יעדן אַנטלאָפענעם שיסן 50 יידן פון דער גרופע. מען האָט אַלזאָ גלייך געהאַט אַן אָנזאָג, אַז דער ברוטאַ־לער נאַצישער רעזשים ווערט גאָרנישט געמילדערט.

מען האָט די גאַנצע גרופע צוגעפירט צו עפעס אַ ריזיקן הויף, וווּ עס זענען געשטאַנען אַלטע פערד-שטאַלן און צעטיילנדיק די יידן אין גרופן, האָט מען זיך געהייסן לייגן שלאָפן אויפן דורכגעפוילטן און פייכטן שטרוי, וואָס האָט זיך געפונען אין די שמוציקע שטאַלן. קיין עסן האָט מען נישט געגעבן און אַפילו נישט דערלויבט צוגיין צום ברונעם טרינקען אַביסל וואַסער.

ווען אַלע גרופן האָבן, לויט די אָנווייזונגען, פאַרנומען די ערטער אין די שטאַלן, האָט מען פאַרריגלט די גרויסע טיר און מען האָט די גאַנ־צע נאַכט געהערט שמועסן פון די זשאַנדאַרמען. אַ סימן, אַז די שטאַלן זענען געווען גוט באַוואַכט.

פאַרטאָג האָט אַ טרומייטער-סיגנאַל אויפגעוועקט אַלע מענטשן. מען האָט אַלע געהייסן אַרויס אויף דעם הויף און זיך אויסשטעלן אין גרופן — ווידער די פרויען באַזונדער און די מענער באַזונדער. מען האָט זיי נישט געלאָזט זיך אָפוואַשן, גאָרנישט געגעבן צום עסן, נאָר געהייסן גיין אין צוויי באַזונדערע ריכטונגען.

די פרויען זענען אַוועק דורכן שטעטל פּושעדבאָרוש. דאָס שטעטל איז געווען כמעט אינגאַנצן אויסגעשטאָרבן. מען האָט דאָרט קוים געזען עטלעכע אַלטע גויעס און אַ פּאָר קינדער. דאָ און דאָרט איז פאַרבייגע־גאַנגען אַ דייטש אין אַ מיליטערישן פעלד-מונדיר. די הייזער אין שטעטל זענען געווען פאַרלאָזענע, אָן איינוווינער. פיל טירן און פענצטער זענען געווען אָפענע, אָפגעריסענע פון ווינט, און אַ טויטקייט האָט געשלאָגן פון די שטיבער. אויף אייניקע הייזער הענגען נאָך אַראָפּ שילדן מיט אויפ־שריפטן אין יידיש. אַ זכר פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבן, וואָס איז גע־ווען אין דעם דאָזיקן קליינעם שטעטל.

דורכמאַרשירט אַ הויפּט-גאַס פון פּושעדבאָרוש, האָט זיך די גאַנצע פרויען-גרופע ווידער געפונען אויף אַ פעלד, וווּ עס זענען שוין געווען

א טייל אויסגעגראָבענע גריבער. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן דאָס ערשטע געפיל פון די פארשקלאַפטע מיידלעך און פרויען, ווען זיי האָבן פאַר זיך דערזען די אָפענע גריבער. בפרט נאָך, וואָס דאָרט האָבן זיך גע-פונען עטלעכע באַוואָפנטע דייטשן, וועלכע האָבן אויף זיי געוואַרט. זיי האָבן דאָך גוט געוווּסט, ווי אַזוי מען פירט יידן צום טויט... צום גליק אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טעות. מען האָט זיי געבראַכט אַהער צו אַ נייער שקלאַפן-אַרבעט: גראָבן אָקאָפּעס פאַר דער דייטשער אַרמיי. מען האָט די פרויען צעטיילט אין גרופּן צו צוויי פּערזאָן און זיי געגעבן רידלען צו מאַכן אָקאָפּעס. יעדע גרופּע פון 2 פרויען האָט געמוזט אויסגראָבן טעגלעך אָקאָפּעס פון 3 מעטער די לענג און אַ מעטער מיט זעכציק די טיף.

נאָך אַ האַלבן טאָג אַרבעט האָט מען זיי צוריקגעפירט אין שטעטל, ווו עס האָבן זיך געפונען פיל קיכן. דאָרט האָבן זיי זיך אויך געטראָפן מיט די מענער, וועלכע מען האָט גענומען צו אַן אַנדער, פיל שווערערע אַרבעט: שלעפּן גרויסע שטיינער פאַר דער באַשיצונג פון די אָקאָפּעס.

ביי די פעלד-קיכן האָט מען זיך געמוזט אויסשטעלן אין רייען און יעדער ייד האָט באַקומען אַביסל געקעכטס און אַ האַלבע קילאָ ברויט טעג-לעך. דאָס פעלד, ווו מען האָט געגראָבן די אָקאָפּעס, איז געווען פאַרזייט מיט קאַרטאָפל, וועלכע מען האָט געמוזט אויסגראָבן. די דייטשן האָבן די קאַרטאָפל צוגענומען, אָבער מען האָט דערלויבט די יידן נעמען פאַר זיך עטלעכע קאַרטאָפל, וועלכע זיי האָבן געקאָנט בראָטן אויפן פייער און עסן. עס איז געווען ממש אַ לוקסוס-עסן: געקעכץ, ברויט און קאַרטאָפל.

ביינאַכט האָבן די יידן מאַרשירט צוריק צו די פערד-שטאַלן, ווו זיי האָבן גענעכטיקט.

די דייטשן האָבן צוגעגרייט אין פּשעדבאָרזש דעם פראָנט צו פאַר-טיידיקן לאָדזש קעגן דעם סאָוועטישן אָנגריף. צוליב דעם טאַקע האָט מען די גאַנצע געגנט אָפּגערייניקט פון די איינוווינער, פאַרטריבן די פּויערים פון די פאַרזייטע פעלדער און די פּאַליאַקן, וואָס האָבן נאָך געוווינט אין די אַרומיקע שטעטלעך.

גאַנץ פּשעדבאָרזש איז אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ קייט פון שוץ-גרובן, וואָס איז געווען די ערשטע פאַרטיידיקונג-ליניע און שפּעטער, נאָכן

פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט, זענען די יידן איבערגעפירט געוואָרן צו דער צווייטער פאַרטיידיקונג-ליניע, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַנצער-גרובנס. די דאָזיקע אָקאָפּעס זענען שוין געמאַכט געוואָרן אויף דריי מע-טער די טיף און זענען באַפעסטיקט געוואָרן דורך די שטיינער, וואָס די מענער האָבן געמוזט ברענגען.

די אַרבעט ביי די שוץ-גרובנס און בפרט נאָך שפּעטער, ביי די פּאַנ-צער-גרובנס, איז געווען אַ שווידערלעך-שווערע. די יולי-טעג זענען געווען שרעקלעך הייסע, די זון האָט געברענט אויף די אָפענע פעלדער, די הענט און דער גאַנצער קערפּער זענען געשוואָלן געוואָרן פון דער דאָזיקער שקלאַפעריי. דערביי נאָך האָבן די יידן באַקומען בלאָזן אויפן גאַנצן קער-פּער פון די אייל-פּלעקן, מיט וועלכע זיי זענען פאַרשפּריצט געוואָרן פון דער אַרבעט ביי די מאַשינען אין דער קעלצער פאַבריק פון דער נאַצישער קריגס-אינדוסטריע. אָבער די דייטשע אויפזעער האָבן זיך לחלוטין נישט איבערגענומען מיט די פּיזישע שמערצן פון די אַרבעטנדיקע יידן און קיי-נעם נישט געוואָלט באַפרייען פון אויספירן די אַרבעט-נאָרמע, וואָס איז פאַר זיי באַשטימט געוואָרן. דער סאָוועטישער פראָנט האָט זיך מיט גרויס אימפּעט דערנענטערט און די דייטשן זענען געווען שטאַרק אייליק צוצו-גרייטן די פאַרטיידיקונג-ליניעס.

דער אויפזעער, וואָס האָט געהיט די אַרבעט פון דער גרופּע, ווו מלכה האָט זיך געפונען, איז געווען אַן עלטער דייטש אין מונדיר פון דער ס. אַ., די אַלטע היטלעריסטישע שטורעם-גוואַרדיע.

הגם ער האָט נישט געאַרבעט, נאָר געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז די יידישע פרויען זאָלן גוט אויספירן זייער אַרבעט, האָט ער אָבער אויך געפילט די פאָלגן פון דער היץ. ער איז געזעסן מיט אַ בייטש אין האַנט, אָבער קיינמאָל קיינעם נישט געשלאָגן. עס האָט אים, ווייזט-אויס, גע-לאַנגווייליקט זיין אַרבעט און ער האָט אַפילו אַרויסגעוויזן אַ געוויסע מאָס פון מיטגעפיל פאַר די פאַרשקלאַפטע פרויען. אין מאָמענטן פון שטאַרקער לאַנגווייליקייט פלעגט ער ווערן סענטימענטאַל, האָט אָנגעהויבן פילן אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך זיין היים און זיין פאַמיליע, וועלכע ער האָט שוין לאַנג נישט געזען. דער אַלטער ס. אַ.-מאַן האָט נישט אויסבאַהאַלטן

זיין אומצופרידנקייט, וואָס די מלחמה ציט זיך אַזוי לאַנג. ער פלעגט מיט די יידישע מיידלעך רעדן וועגן זיין פרוי און זיינע קינדער און האָט אָפן מודה געווען, אַז די מלחמה איז אים שוין נמאס געוואָרן... דאָס ערשטע מאָל האָבן די פאַרשקלאַפטע יידישע פרויען געהערט אַזעלכע ווערטער פון אַ דייטש און דאָס האָט זיי צוגעגעבן אַביסל מוט אין זייער ביטערן גורל.

פון צייט צו צייט פלעגן פעלד-זשאַנדאַרמען קומען צו לויפן אויף פערד און אינספּעקציאָנירן דעם צושטאַנד פון דער אַרבעט.

נאָכן פאַרענדיקן דעם ערשטן עטאַפּ פון אויסגראָבן די שוץ-אָקאָ-פּעס, ווען מען האָט זיי איבערגעפירט צו גראָבן אַ צווייטע, פיל שווערערע פאַרטיידיקונג-ליניע, ביי די פאַנצער-אָקאָפּעס, איז די פרויען אויסגעקומען צו אַרבעטן נאָענט פון דעם טייך פּיליצע.

אַ פּרעכטיקע וואַסער-פּאַנאָראַמע האָט צערייצט די אַפּעטיטן פון די שווער-פאַרהאָרעוועטע יידישע פרויען. זיי האָבן זיך דעריבער געווענדעט צו די אָנפירער פון דעם אַרבעט-לאַגער, אַז ער זאָל זיי דערלויבן זיך צו באָדן אין טייך. גרויס איז געווען זייער פרייד, ווען זיי האָבן באַקומען די דאָזיקע דערלויבעניש. מען האָט זיי נאָר געוואָרנט, אַז זיי זאָלן נישט פּרוּוון אַנטלויפן, ווייל יעדער פּרווו אין דער הינזיכט וועט באַשטראָפט ווערן מיט טויט.

מען האָט באַשטימט עטלעכע פעלד-זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן גע-דאַרפט היטן די פרויען ביים באָדן זיך און אַלס עלטסטן האָט מען באַ-שטימט דעם זשאַנדאַר שמידט, וועלכן מען האָט אין דעם לאַגער גערופן „דער באַדע-מיניסטער". די זשאַנדאַרמען זענען געווען פאַרזאַמלט ביים ברעג פון טייך מיט מאַשין-געווער און כדי צו באַווייזן, אַז זייער וואָרע-נונג צו שיסן יעדע איינע, וואָס וועט פּרוּוון אַנטלויפן, איז נישט סתם אַזוי זיך אַ דראָאונג, האָבן די נאַציס אָנגעהויבן שיסן אין וואַסער אריין און אַזוי אַרום איבערגעשראָקן די זיך באָדנדיקע פרויען, אַז זיי זאָלן זיך נישט דערווייטערן פון ברעג. דאָס שיסן אין וואַסער אריין איז אויך גע-וואָרן אַ ספּאָרט-שפּיל ביי די דייטשן.

נאָכמער: טאָמער האָט זיך געפונען אַ פרוי, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט באָדן, האָט דער „באַדע-מיניסטער" שמידט

מיט כוח זי געהייסן אַריינשטופּן אין וואַסער אַריין. פאַר איר איז דאָס דערלויבן די פרויען זיך צו באָדן נישט געווען קיין רעכט, וואָס זיי האָבן אויסגעפּועלט, נאָר פּשוט אַ באַפעל, וואָס מוז „פּינקטלעך" אויסגעפירט ווערן. פּונקט ווי די פרויען האָבן געמוזט טעגלעך אויספירן זייער אַרבעט, אַזוי האָבן זיי אויך טעגלעך געמוזט זיך באָדן אין דעם טייך פּיליצע.

פינף וואָכן צייט האָט מלכה צוזאַמען מיט די אַנדערע יידן זיך גע־פייניקט ביים גראָבן די אָקאָפּעס פאַר דער דייטשער אַרמיי.

אין צווישן צייט זענען אין דעם לאַגער, ווו מלכה האָט זיך געפונען, צוגעקומען נייע טראַנספּאָרטן פון יידן, דערונטער אַ גרויסע צאָל פון סקאַ־זשיסקאָ, וועלכע מען האָט גלייך באַשעפטיקט ביים באַפעסטיקן די אָקאָפּעס.

אין אויגוסט פון 1944סטן יאָר איז אין דעם לאַגער פּלוצלינג דערשי־נען דער ווערק־שוץ־פירער דענער, פון דער קעלצער פאַבריק, און גע־מאָלדן, אַז פורמאַניאַק, דער מייסטער פון דער ליקווידירטער פאַבריק, פאָ־דערט צוריק זיינע מענטשן, וועלכע זענען נויטיק אין דער אַמוניציע־פאַב־ריק אין מאַיזלעוויץ, וואָס געפינט זיך אין דייטשלאַנד און ווו עס זענען אינסטאַלירט געוואָרן אַלע מאַשינען פון קעלץ.

דענער האָט מיט זיך געהאַט אַ ליסטע מיט 93 נעמען, וועלכע מען האָט אויסגערופן און געהייסן זיך גרייטן אין וועג אַריין.

אויף דער ליסטע האָבן פיגורירט 23 פרויען און 70 מענער, אַלע געוועזענע אַרבעטער אין דער קעלצער פאַבריק. מלכה מיט אירע נאָענטסטע חברטאָרינס פון דעם זעלבן לאַגער האָבן אויך פיגורירט צווישן די נעמען, וואָס פורמאַניאַק האָט געפאָדערט.

אין אַ שרעקלעך־הייסן מיטוואָכדיקן פרימאָרגן האָט מען די דאָזיקע 93 יידן אונטער אַ שטרענגער וואַך אוועקגעפירט אויף דער באַן־סטאַנציע אין פּיעטריקאָוו.

אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט פיל לאַסט־אויטאָס געפּאַקט מיט מע־נער, וועלכע מען האָט געפירט צום גראָבן די אָקאָפּעס אַרום פּזשעדבאָרזש. דאָס זענען אַלץ געווען אויסגעמאָגערטע און אויסגעפייניקטע יידן.

אָנקומענדיק אויף דער פּיעטריקאָווער באַן־סאַנציע, האָט מען יעדן

איינעם פון זיי געהייסן פאַרנעמען ערטער אין אַ פראַכט-וואַגאָן, וואָס האָט שוין אויף זיי געוואַרט אויף אַ זייטיקער באַן-ליניע.

די מענער און די פרויען האָט מען אַריינגעפּאַקט אין איין וואַגאָן. פריער האָט מען אָבער געהייסן אַריינשטייגן די 23 פרויען און ווען זיי זענען שוין געווען אין וואַגאָן, האָט מען מיט ברעטער און שטעכעדיקע דראָטן אָפּגעגרענעצט דאָס אָרט, וואָס זיי האָבן פאַרנומען, בכדי די פרויען זאָלן נישט האָבן קיין קאָנטאַקט מיט די מענער. ערשט שפּעטער האָט מען אַריינגעפּאַקט אין דעם זעלבן וואַגאָן די 70 מענער און פאַרשלאָסן די טיר פון וואַגאָן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי צום וואַגאָן איז צוגעטשעפּעט געוואָרן אַ לאָקאָמאָטיוו און דער טראַנספּאָרט האָט גערירט פון אָרט.

ווי דער שטייגער איז, האָט זיך דער צוג געשלעפּט זייער לאַנגזאַם, בלייבנדיק אָפט שטיין אין מיטן וועג.

די פאַרשפּאַרטע אין וואַגאָן האָבן אין דרויסן געהערט אַ באַוועגונג פון דייטשן, פראַגן, ענטפערס, באַפעלן, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקענט זען, ווייל צום קליינעם פענצטערל, וואָס האָט זיך געפונען אין דער אויבערשטער טייל פון וואַגאָן, האָבן זיי סיי-ווי נישט געקאָנט דערגרייכן.

אַזוי האָט זיך די רייזע געשלעפּט אַ גאַנצן טאָג. שפּעט ביינאַכט איז דער צוג געבליבן שטיין. מען איז געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט. די פּאַסאַזשירן פון דעם אָנגעפּאַקטן וואַגאָן האָבן קיין שום זאַך נישט חושד געווען, ווייל זיי זענען שוין צו אַזעלכע זאַכן געווען געוווינט...

זיי האָבן נישט געוווסט, צי דאָס איז בלויז נאָך אַן איבעררייס אין דער רייזע, אָדער זיי זענען שוין אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד, וווהין מען האָט זיי אַרויסגעפּאָדערט צו דער אַרבעט.

עס איז זיי אויסגעקומען אַביסל מאָדנע, וואָס זיי זענען אַזוי שנעל שוין דערפאָרן קיין דייטשלאַנד. סוף-כל-סוף זענען זיי דאָך מער געשטאַנען ווי געפאָרן.

זיי האָבן אָבער קיין שום גרונט נישט געהאַט חושד צו זיין עפּעס שרעקלעכעס. זיי האָבן דאָך געקענט דעם ווערק-שעף-פירער דענער, וועלכער איז ספּעציעל נאָך זיי געקומען. זיי האָבן אויך געקענט דעם סאַדיס-

טישן מייסטער פורמאַניאַק און מען האָט דאָך זיי אויסגעקליבן אין פּזשעד-באָרזש נישט על-פּי צופאַל, נאָר לויט אַ ליסטע, נאָמען נאָך נאָמען — אַלע די, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער קעלצער פאַבריק און זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס קוואַליפיצירטע אַרבעטער.

האָבן זיי אַלזאָ אַלע געוואַרט געדולדיק.

קיינעם פון זיי איז אין יענער אויגוסט-נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז זיי געפינען זיך פאַר די טויערן פון דעם שרעקלעכן טויטן-לאַגער — אין אָשוויענטשים.

XIII

# אָשוויענטשים

פאַרטאָגס האָט מען דעם פּראַכט-וואַגאָן געעפנט און געהייסן אַרויס-גיין די מענער און פאַרנעמען ערטער אין אַ צווייטן וואַגאָן, וואָס איז שוין געשטאַנען אויף דער זעלבער ליניע.

עס האָט זיך דערהערט אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו און די 70 מענער, וואָס האָבן זיך געפונען אין יענעם צוג זענען ווייטער געפאָרן.

די 23 פרויען און מיידלעך זענען ווייטער פאַרבליבן אויף דער אומ-באַקאַנטער באַן-סטאַנציע הינטער די פאַרקלאַפּטע ברעטער. אָבער מען האָט אין זיי, חלילה, נישט פאַרגעסן. אַן ערך אַ שעה שפּעטער, איז אָנגע-קומען אַ זשאַנדאַרם, אַראָפּגענומען די שטעכעדיקע דראָטן, געעפנט די ברעטער און געהייסן אויך די פרויען אַרויס פון וואַגאָן.

אויספירנדיק דעם באַפעל, האָבן די פרויען זיך געפונען אַ פּאָר מעטער פאַר אַ לאַנגער, הויכער און גרויער מויער. איבער דער מויער, וואָס איז געווען אַן ערך 5 מעטער די הויך, האָבן זיך געפונען עלעקטרי-זירטע דראָטן.

— וווּ געפינען מיר זיך? — האָט איינע פון די פרויען נישט דרייסט אַ פרעג-געטון.

— אין אושוויץ... — האָט דער זשאַנדאַרם גלייכגילטיק געענטפערט, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

אושוויץ איז דער דייטשער נאָמען פון דעם פּוילישן אָשוויענטשים, ווו די נאַצים האָבן פאַרברענט איבער אַ מיליאָן מענטשלעכע לעבנס.

אָבער מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט, ווי דער זשאַנדאַרם האָט אַרויסגעזאָגט דעם שרעקלעכן נאָמען „אושוויץ", אַזוי האָבן עס אויך די פרויען אויפגענומען. עס איז אפשר געווען זייער גליק, וואָס זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס הינטער די דאָזיקע הויכע מויערן געפינט זיך. דאָס אַלץ, וואָס אַ גאַנצע וועלט האָט שוין לאַנג געוווּסט, האָבן זיי קיין שום אָנונג וועגן דעם נישט געהאַט, זייענדיק די גאַנצע מלחמה-צייט אָפּגעריסן פון יעדן קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. איינציקע פון זיי האָבן בלויז געדענקט, אַז נאָך ביים אָנהויב פון דער מלחמה זענען אין זייערע שטעטלעך דערגאַנגען ידיעות, אַז די דייטשן האָבן איינגעאָרדנט אין אָשוויענטשים אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער פאַר פּאָליטישע „פאַרברעכער" און, אַז מען האָט דאָרט אוועקגעפירט אַ סך באַקאַנטע פּוילישע און יידישע פערזענלעכקייטן. דאָס איז אַלץ, וואָס זיי האָבן געוווּסט וועגן אָשוויענטשים. דאָס איבעריקע האָבן זיי אין עטלעכע שעה אַרום אָנגעהויבן געוויר צו ווערן.

דער זשאַנדאַרם האָט אָנגעקלונגען און דאָס מאַסיווע אייזערנע טויער פון דעם אָשוויענטשימער טויטן-לאַגער האָט זיך געעפנט. די 23 פרויען האָבן זיך געפונען פון יענער זייט טויער, וועלכער איז גלייך צוריק פאַרמאַכט געוואָרן.

פון ביידע זייטן טויער זענען געווען שטאַרקע וואַך-אָפּטיילונגען. דער זשאַנדאַרם, וואָס האָט באַגלייט די פרויען, האָט איבערגעגעבן דעם אָנפירער פון דער וואַך די ליסטע מיט נעמען פון די געבראַכטע. נישט קאָנטראָלירנדיק קיין נעמען, האָט מען בלויז קאָנטראָלירט זייער צאָל.

— דריי און צוואַנציק, אין אָרדענונג, — האָט איינער פון דער וואַך געמאָלדן נאָכן איבערציילן דעם „טראַנספּאָרט".

מען האָט די פרויען געהייסן איבערלאָזן ביי דער וואַך אַלע פּעקלעך, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך און מען האָט זיי געהייסן גיין פאָרויס.

אַ שעה צייט האָט געדויערט דער דאָזיקער ערשטער מאַרש איבער דער טעריטאָריע פון דעם אָשוויענטשימער טויטן-לאַגער.

די גאַנצע צייט האָבן זיי קיין איין לעבעדיקן מענטש אויפן וועג

נישט באַגעגנט. עפּעס אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום און אַרום. זיי זענען געגאַנגען צווישן לאַנגע רייען מיט הילצערנע באַראַקן, ענלעכע צו די באַראַקן, אין וועלכע זיי האָבן געוווינט אין דעם קעלצער אַרבעט-לאַגער, פון דער ווייטנס האָבן זיי געזען אַ הויכן פּלויט פון שטעכעדיקן דראָט, באַדעקט מיט זעק און איבערן העל-בלויען הימל האָט זיך געצויגן אַ שוואַרצע כמאַרע פון רויך.

פון וואַנען דער רויך שטאַמט האָבן זיי זיך אויך שנעל דערוווּסט.

גייענדיק אַזוי כסדר פּאָרוים, האָבן זיי ענדלעך אויף אַ ברייטן פּלאַץ דערזען פאַר זיך אַ גרופּע פרויען זיצן אויף דער ערד.

ווען די ניי-אָנגעקומענע האָבן זיך שוין דערנענטערט צו דער גרופּע, וואָס איז געזעסן, האָט דער זשאַנדאַרם, וואָס האָט זיי באַגלייט, אויך זיי זיך געהייסן זעצן און וואַרטן אויף אַ ווייטערדיקן באַפעל.

זיי האָבן זיך געזעצט און מיט נייגער האָבן זיך אָנגעקוקט קעגנזייטיק די, וואָס זענען שוין פריער געזעסן און די 23 ניי-אָנגעקומענע.

די גרופּע, וואָס איז שוין פריער געזעסן, איז באַשטאַנען פון עטלעכע הונדערט יונגע פרויען און מיידלעך. אַלע זענען זיי געגאַנגען אָנגעטון אין ווייסע פּויערישע לאַגער-קליידלעך אָן אַרבל, אַלע האָבן געהאַט קורץ געשוירענע האָר און אויף דער לינקער האַנט האָט יעדע געהאַט אויסגעברענט אַ לויף-נומער. די נומערן האָבן שוין געגרייכט אין די הונדערטער טויזנטער.

מען האָט זיך שנעל פונאַנדערגעשמועסט. אַלע, וואָס זענען דאָרט געזעסן, זענען געווען יידישע פרויען און מיידלעך. פון פּוילן, פון ליטע, פון אונגאַרן, טשעכיע און אַפילו פון פראַנקרייך און בעלגיע. אַלע האָבן געקענט רעדן דייטש, אָבער צווישן זיך האָבן די איינצלנע גרופּן גערעדט אין פאַרשידענע שפּראַכן פון זייערע היימען. די אונגאַרישע גרופּע איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק פרויען, וואָס זענען ערשט מיט איין חודש פריער געבראַכט געוואָרן אַהער פון בודאַפּעסט.

וואָס טוען זיי דאָ אויפן דאָזיקן פּלאַץ?

זיי זענען דורך אַ סעלעקציע. מען האָט זיי דעם זעלבן פרימאָרגן געבאָדן, זיי אָפּגעשוירן די האָר און געגעבן אַ ניי העמד מיט אַ ניי קלייד. איצט דאַרפן זיי וואַרטן. אויף וואָס, ווייסן זיי אַליין נישט. אָבער צו זיין

אויף דער זייט פון דעם לאַגער איז שוין גוט. מען געפינט זיך שוין אוי-סער יעדער געפאַר געשיקט צו ווערן אין די טויטן-קאַמערן.

— און איר זענט שוין דורך די סעלעקציע? — האָט עמעצער אַ פרעג געטון די ניי-אָנגעקומענע.

— וואָס איז עס פאַר אַ סעלעקציע? — האָט מען געפרעגט.

— אָ, פון דער סעלעקציע איז אָפּהענגיק דאָס לעבן און דער טויט פון יעדן מענטש, וואָס געפינט זיך אין דעם לאַגער. דאָ, מוזן אַלע דורכגיין די סעלעקציע. אַ סך פון אונדז זענען דורך עטלעכע סעלעקציעס, ביז מען האָט אונדז געבראַכט אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, כאָטש מיר ווייסן נישט, וווּ מען וועט אונדז איצט פירן.

די ידיעות וועגן דער סעלעקציע האָבן געוואָרפן אַ פּחד אויף די 23 ניי-אָנגעקומענע פרויען. זיי זענען אַלע געווען שמוציק און אויסגעמאַ-טערט פון דער אַרבעט ביי די אָקאָפּעס און פון דער רייזע קיין אָשוויענ-טשים. די קליידער אויף זיי זענען געווען צעריסן. אויפן קערפּער האָבן אַ סך נאָך געהאַט די בלאָזן פון דער זון... זיי האָבן דערפילט, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט און אַנשטאָט צו דער אַרבעט אין אַ פאַבריק, האָט מען זיי גאָר געבראַכט אַהער אויף אַ „סעלעקציע", בכדי זיי אומצוברענגען. זיי האָבן אַלע אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין און זיך שוין אָנ-געהויבן געזעגנען.

ווען פון דער ווייטנס האָט מען געזען גיין אַ נאַצישן אויפזעער, זענען די פרויען אויפגעציטערט געוואָרן. מען איז געווען זיכער, אַז דאָס קומט מען זיי נעמען צו דער „סעלעקציע".

יעדע מינדסטע באַוועגונג פון דער ווייטנס, יעדעס באַווייזן זיך פון עפּעס אַ דייטש — איז שוין געווען גענוג, בכדי צו מיינען, אַז זייער לעצטע שעה דערנענטערט זיך.

אָבער די דייטשן זענען צו זיי נישט צוגעקומען. די אויפזיכט אי-בער דער גרופּע האָבן אין אָשוויענטשים נישט געהאַט קיין מענער, נאָר פרויען. יונגע, בייזע דייטשקעס אין גרינע אוניפאָרמען, מיט גומענע פּאַל-קעס אין די הענט, פלעגן פון צייט צו צייט צוקומען צו דער גרויסער גרופּע, קאָנטראָלירן צי אַלץ איז אין אָרדענונג, אַמאָל זיך אַ בייזער געטון,

אַמאָל דערלאַנגען אַ קלאַפּ מיט דער פּאַלקע און פלעגן ווידער פאַרשווונדן ווערן.

אַזוי זענען דורך אַ שעה נאָך אַ שעה און אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

פאַרנאַכט פון ערשטן טאָג האָט זיך דערטראָגן פון דעם ווייטן פעלד הינטער די דראָטן מיט די באַדעקטע זעק עפּעס אַ מין מאָדנע געשריי, אַ געמיש פון געוויין מיט אַ טרויעריקן געזאַנג.

פאַר די נאָר-וואָס געקומענע פרויען איז עס געווען אַ נייעס, וואָס זיי האָבן צום ערשטן מאָל געהערט. זיי זענען געווען זיכער, אַז דאָס וויינען און שרייען די פרויען, וועלכע מען האָט שוין דאָרט „סעלעקציאָנירט" צום טויט.

אָבער די אַלטע איינוווינערינס פון אָשוויענטשים, וועלכע פלעגן אונטערכאַפּן די טענער, וואָס האָבן זיך געהערט פון דער ווייטנס, האָבן באַרואיקט זייערע נייע חברטעס. דאָס איז געזאַנג... די פרויען, וואָס קומען צוריק פון דער אַרבעט אין פעלד, הינטער די הויכע מויערן פון אָשוויענטשימער טויטן-לאַגער מוזן זינגען. מען פרעגט נישט, צי זיי ווילן זינגען ראָמאַנטישע, סענטימענטאַלע דייטשע ליבעס-לידער. די נאַצישע אויפזעערינס דערלאַנגען גוטע קלעפּ, אויב מען זינגט נישט. מען הייסט פרייען זיין אין דעם טויטן-לאַגער. מען צווינגט זיך פרייען מיט יעדער מינוט פון דעם געשענקטן לעבן. אפילו ווען מען פירט די מענטשן צו דער „סעלעקציע", הייסט מען זינגען. די נאַציס האָבן פיינט טרויער. זיי הייסן אפילו שטאַרבן זינגענדיק. דעריבער איז דאָס געזאַנג אַזוי טרויעריק, דעריבער האָט עס אויף מלכהן און אירע חברטאָרינס געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ביטער געוויין, פון אַ געשריי...

— עס איז געווען אַ שרעקלעכער איינדרוק, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט דאָס דאָזיקע געזאַנג אין אָשוויענטשים, — זאָגט מלכה, — אין קעלצער לאַגער און ביי די אָקאָפּעס האָט מען אַזוינס נישט פּראַקטיצירט. דאָרט האָט מען נישט דערלויבט אפילו הויך צו רעדן.

וואַרטנדיק אַזוי, אַז מען זאָל זיי נעמען צו דער „סעלעקציע", דאָס הייסט, צום אויסקלויבן ווער עס דאַרף בלייבן לעבן און ווער עס דאַרף שטאַרבן אין די גאַז-קאַמערן, האָט די ניי-אָנגעקומענע גרופּע זיך דערוווסט פּרטים וועגן אָשוויענטשים.

דער דאָזיקער לאַגער, וואָס האָט פאַרנומען אַ ריזיקן שטח הינטער דער שטאָט, איז פּאַקטיש אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַנצער שטאָט, דורך וועלכער עס זענען דורך העכער אַ מיליאָן קרבנות פון דעם נאַציזם.

פון דעם פּלאַץ, ווו די פּאָר הונדערט פרויען זענען געזעסן און פון וואַנען מען האָט זיך נישט געטאָרט רירן, האָט מען גאָרנישט געזען אויסער הויכע קוימענס פון רויטע ציגל. דאָס זענען געווען קוימענס פון די קרעמאַטאָריומס, ווו דאָס מענטשלעכע לעבן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קופּעס אַש.

טאָג און נאַכט האָבן די דאָזיקע „טויטן־פאַבריקן" געאַרבעט. ריזיקע רויך־וואָלקנס האָבן אַרויסגעשלאָגן פון די קוימענס, זיך צעשפּרייט איבער דער לופט, טראָגנדיק דעם ריח פון געבּרענטן פליש.

מלכה דערציילט, אַז מען האָט שטאַרק געפילט דעם גערוך פון דעם פאַרברענטן מענטשן־פליש.

אָפטמאָל האָט דער רויך פון די קוימענס אַרויסגעשלאָגן מיט פלאַמען, אָפטמאָל איז עס געווען אַ געדיכטע שוואַרצע כמאַרע.

אַמאָל, ווען עס האָט ביינאַכט אָנגעהויבן רעגענען, האָבן זיך די רויך־וואָלקנס פון די קוימענס אַראָפּגעלאָזט גאַר נידעריק און צעשפּרייט איבער דער ערד, טראָגנדיק נאָך שאַרפער דעם ריח פון פאַרברענטן מענטשלעכן פליש.

אויף די פרויען, וואָס זענען שוין דורך די סעלעקציע, האָט דאָס אַלץ קיין שום איינדרוק מער נישט געמאַכט. אַ טייל פון זיי האָבן לאַנגע יאָרן פאַרבראַכט אין אָשוויענטשים און זיי זענען שוין דערצו געווען צוגעוווינט. יעדע איינע פון זיי האָט דאָך נישט איינמאָל דערוואַרט זיך צו געפינען צווישן דער גרופּע, וואָס די נאַציס האָבן אויסגעקליבן פאַר די גאַז־קאַמערן.

זיי האָבן דעריבער מיט דער גאַנצער רואיקייט דערציילט עפּיזאָדן פון זייער לעבן אין אָשוויענטשים און וועגן דעם אופן, ווי אַזוי עס ווערט דורכגעפירט די סעלעקציע פאַר די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

פאַר זיי זענען די גאַז־קאַמערן, די הויכע, רויכערנדיקע קוימענס און דער גערוך פון דעם פאַרברענטן מענטשלעכן פליש, געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

בלויז די ניי-געקומענע אין לאַגער, פאַר וועמען דאָס אַלץ איז געווען עפּעס ניי און עפּעס אומגלויבלעכעס, האָבן זיך איבערגענומען מיט יעדן עפּיזאָד. עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז די אַלע ליידן, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט ביז איצט, דאָס שקלאַפן-לעבן אין קעלצער לאַגער און ביי די דייטשע אָקאָפּעס, איז געווען אַ גן-עדן אין פאַרגלייך מיט דעם גיהנום-לעבן, וואָס קומט פאַר אין אָשוויענטשים.

צו עסן האָט מען זיי כמעט גאָרנישט געגעבן. זיי האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט עטלעכע אויסגעטריקנטע שטיקלעך ברויט, וואָס זיי האָבן געהאַט פריער באַקומען.

וויפל טעג זיי זענען אַזוי געזעסן אויפן דאָזיקן טראַגישן פּלאַץ אין אָשוויענטשים, קען מלכה אָוושיאַני גענוי נישט זאָגן.

יעדע שעה האָט זיך זיי אויסגעוויזן אַן אייביקייט. אַזוי אומענדלעך לאַנג, אָן שום באַוועגונג-מעגלעכקייט, האָט זיך געצויגן די צייט אין אָש-וויענטשים.

די פרויען, וואָס זענען דורך די סעלעקציע, האָבן געזאָלט דעם זעלבן טאָג אוועקגעפירט ווערן אין אַן אַנדער אָרט. עס האָט זיך אָבער אַרויס-געוויזן, אַז עס האָבן געפעלט טראַנספּאָרט-מיטלען, אַז מען האָט נישט געשיקט קיין גענוגנדיקע צאָל וואַגאָנען, און דעריבער האָבן זיי דאָ גע-מוזט וואַרטן.

ערשט נאָך עטלעכע אומענדלעך לאַנגע און פּיינפולע טעג זענען אויפן פּלאַץ אָנגעקומען עטלעכע נאַצישע אויפזעערינס, באַגלייט מיט הינט אויף קייטן, און געגעבן אַ שאַרפן באַפעל:

— אויפשטיין און זיך אויסשטעלן אין רייען צו 5 פּערזאָן.

אַלע האָבן שנעל אויסגעפירט דעם באַפעל. פאַר דער מינדסטער נישט-פּינקטלעכקייט האָבן די דייטשקעס דערלאַנגט אַ שמיים מיט דער בייטש און שוין געווען גרייט אָנצורייצן די הינט.

ווען אַלע זענען שוין געווען אויסגעשטעלט, איז געפאַלן אַ צווייטער באַפעל:

— מאַרש פאָרויס!

מען האָט אָנגעהויבן מאַרשירן. מען איז געגאַנגען לענגאויס דעם זעלבן לאַנגן וועג צווישן די באַראַקן, דורך וועלכן מלכה מיט אירע חבר-

טאַרינס זענען אָנגעקומען אין דעם אָשוויענטשימער לאַגער. מען איז צו-געקומען צום זעלבן שטרענג-באַוואַכטן אייזערנעם טויער, דורך וועלכן זיי זענען דאָ אַריינגעקומען.

די אויפזעערינס האָבן געוויזן די געהעריקע דאָקומענטן און דאָס טויער איז געעפנט געוואָרן.

פון יענער זייט טויער זענען אויף די באַן-רעלסן שוין געשטאַנען גרייט דריי פראַכט-וואַגאָנען מיט אַ לאָקאָמאָטיוו.

מען האָט די פּאָר הונדערט פרויען אַריינגעפּאַקט אין די וואַגאָנען. דערביי האָבן די אויפזעערינס נישט אויפגעהערט צו זידלען און צו שלאָגן, וועלנדיק אַזוי אַרום צואײַלן דאָס אָנפּאַקן די וואַגאָנען.

ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט מען די וואַגאָנען פאַר-שלאָסן. עס האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל און דער צוג האָט גערירט אין וועג אַריין.

די ענגשאַפט אין די וואַגאָנען, ווו עס האָבן זיך געפונען איבער הונדערט פרויען אין יעדן איינעם, איז געווען אומבאַשרייבלעך. מען האָט ממש געחלשט פון הונגער, דורשט און ענגשאַפט.

וווהין פאָרט מען, האָט אויך דאָס מאָל קיינער נישט געוווּסט.

מען האָט פאַרשידן געקלערט. ס'רוב פרויען זענען געווען זיכער, אַז מען פירט זיי אין אַן אַנדער קרעמאַטאָריום, ווייל אין אָשוויענטשים איז דאָ געווען אַן „איבערפּראָדוקציע" און די קרעמאַטאָריומס האָבן נישט געקענט פאַרברענען אַזוי פיל קערפּערס טעגלעך.

עס זענען אויך געווען אַנדערע מיינונגען און השערות. אַ סך האָבן שוין בכלל גאָרנישט געוואָלט קלערן, זיי זענען שוין געווען מיד פון הונ-גער און דורשט און האָבן געוואָלט, אַז עס זאָל אַ סוף נעמען צו זייערע ליידן.

אַזוי האָט זיך געשלעפּט דער צוג אויף דער נייער רייזע עטלעכע מעת-לעת.

## XIV

# נומער 68.313

ווען מען האָט ווידער געעפנט די טיר פון וואַגאָן, האָט פאַר די אויגן פון די פּאַסאַזשירן זיך אַנטפּלעקט אַן אויסערגעוויינלעך בילד פון סאַמע חורבות:

דער וואָקזאַל אין חורבות און די הייזער, וואָס מען זעט פון דעם וואָקזאַל, אויך אין חורבות.

אויפן וואָקזאַל איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג פון נערוועאישע מענטשן, אַ סך מיליטער און אַ סך געשטאַפּאָ-לייט.

איינער פון די געשטאַפּאָ-לייט איז צוגעקומען צום וואַגאָן, ווו מלכה איז געפאָרן און באַפוילן:

— אַלע אין די לאַגער-קליידער הערונטער!

מען האָט דעם באַפעל גלייך אויסגעפירט.

אויך פון די אַנדערע צוויי וואַגאָנען האָט מען די פרויען געהייסן אויסשטייגן און זיך אויסשטעלן צו 5 אין אַ רייע.

אין דעם וואַגאָן זענען פאַרבליבן בלויז די 23 פרויען, וואָס האָבן צוזאַמען מיט מלכהן דורכגעמאַכט דעם וועג פון פּושעדבאָרזש קיין אַש-וויענטשים.

די ליידיקע וואַגאָנען האָט מען אָפּגעטשעפּעט און מען האָט צוגע-טשעפּעט אַנדערע וואַגאָנען, וואָס זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זענען אין יענע וואַגאָנען געפאָרן

קריסטלעכע פרויען, בעלגישע און האָלענדישע, וואָס די נאַציס האָבן גע-בראַכט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

אין דעם האַלב-ליידיקן וואַגאָן, וווּ די 23 יידישע פרויען זענען גע-פאָרן, איז אַריינגעקומען אַ יונגער געסטאַפּאָ-אַגענט, וועלכער האָט רעדנ-דיק אויף פּויליש, געהייסן זיך גרייטן אין וויטערדיקן וועג אַריין. עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און דער צוג האָט זייער לאַנגזאַם גערירט פון אָרט.

איינע פון די פרויען האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געבעטן דעם נאַצישן באַגלייטער, אַז ער זאָל נישט פאַרמאַכן די טיר, בכדי עס זאָל זיין מער לופט.

דער געסטאַפּאָ-אַגענט האָט נאָכגעגעבן:

— איר ווילט זען ווי מען האָט חרוב-געמאַכט בערלין, גוט, איר קענט עס זען...

ערשט דאַן זענען די פרויען געוואויר געוואָרן, אַז זיי געפינען זיך אין דער חרוב-געוואָרענער דייטשער הויפּטשטאָט.

— איר זענט אַ פּאָליאַק? — האָט איינע געפרעגט דעם נאַצישן באַגלייטער.

ער האָט זיך אָבער באַליידיקט:

— איך בין אַ דייטש און נישט קיין פּאָליאַק...

— ווייל איר רעדט פּויליש — האָט זיך די פרוי אַ דערשראָקענע געפּרווט פאַרענטפערן.

— איך בין געווען די גאַנצע מלחמה-צייט אין פּוילן און דאָרט האָב איך געהאַט אַ פּוילישע כלה, — האָט זי מיך אויסגעלערנט פּויליש.

— וואוהין פאָרן מיר? — האָט מען ווידער געפרעגט דעם דייטש.

— אין אַ פרויען-לאַגער — איז געווען דער ענטפער.

— פאַרוואָס האָט מען יענע פרויען אַראָפּגעלאָזט?

— זיי וועלן דאָ אַרבעטן אין אַ פאַבריק און איר מוזט פריער דורכגיין די קוואַראַנטאַנע...

דער צוג האָט זיך דערווייל געשלעפּט דורך די באַן-סטאַנציעס פון דעם חרוב-געוואָרענעם בערלין. דורך דער אָפענער טיר פון וואַגאָן האָבן די פרויען מיט גרויס אינטערעס אָבסערווירט די דאָזיקע חורבות.

דער יונגער דייטש האָט דאָס באַמערקט און ער האָט איראָניש גע-פרעגט:

— איר זענט צופרידן, וואָס מען האָט אַזוי חרוב-געמאַכט בערלין?

געוויס זענען זיי געווען דערפון צופרידן. זייערע הערצער זענען אין דעם דאָזיקן מאָמענט געווען פול מיט פרייד. אָבער דעם דייטש האָבן זיי קיין וואָרט נישט געענטפערט. זיי האָבן געשוויגן, פונקט ווי זיי וואָלטן זיין פראַגע נישט געהערט.

אָבער דער דייטש האָט נישט אָפגעלאָזט:

— זאָרגט אייך נישט, אויב דייטשלאַנד וועט דאַרפן פאַרשפּילן די מלחמה, וועלן מיר די גאַנצע וועלט פאַרוואַנדלען אין חורבות. מיר האָבן צוגעגרייט געגנוג סם-גאַז, בכדי אַלעמען אָנצולערנען... אָבער עס וועט דערצו נישט קומען. דייטשלאַנד וועט די מלחמה קיינמאָל נישט פאַר-שפּילן... אונדזער פירער ווייסט, וואָס ער טוט...

די פרויען האָבן ווייטער געשוויגן און בלויז זיך צוגעקוקט צו די חורבות. זייערע הערצער האָבן שטאַרקער אָנגעהויבן קלאַפּן, זיי האָבן פאַרגעסן אין זייער הונגער און זייער דורשט. דאָס בילד פון דעם גרויסן חורבן פון בערלין האָט זיי טיילווייז פאַרגיטיקט פאַר זייערע שווערע ליידן.

דער דייטש האָט דאָס ווייזט אוים דערפילט. ער האָט מער קיין גע-שפּרעך מיט זיי נישט געפירט. ער האָט זיך געזעצט אין דער אָפענער טיר און אויך אָבסערווירט די חורבות פון דער נאַצישער הויפּטשטאָט.

זונטיק פרי, דעם 16טן סעפּטעמבער 1944, זענען זיי אָנגעקומען אויף דער באַן-סטאַנציע אין ראַווענסבריק, וואָס געפינט זיך 120 קילאָ-מעטער אויפן צפון פון בערלין.

אָן שום צייט-פאַרלוסט האָט דער געסטאַפּאָ-מאַן זיי געהייסן אויס-שטייגן און גיין פאָרויס. זיי זענען דורך עטלעכע געסלעך פון דעם אַלטן דייטשן שטעטל. די באַוועגונג אויף די גאַסן איז געווען אַ גאַנץ נאָרמאַלע. ציווילע און מיליטערלייט האָבן שפּאַצירט, אויטאָס זענען געפאָרן. נאָכן בילד, וואָס זיי האָבן געזען פאַרבייפאָרנדיק בערלין, האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אין ראַווענסבריק האָט מען גאָרנישט געפילט קיין מלחמה. קיין איין באָמבאַרדירט הויז נישט, קיין שום ספּעציעלער צייכן פון אומרו צווישן דעם עולם אויף די גאַסן.

דער געסטאַפּאָ-מאַן האָט זיי אונטערגעיאָגט, אַז זיי זאָלן גיין שנעל און זיך ווייניקער אומקוקן אויף די גאַסן.

נאָך אַ שעה-צייט פון שנעל גיין, שוין אַ מהלך הינטערן שטעטל, האָבן זיי ווידער דערזען פאַר זיך הויכע מויערן מיט עלעקטרישע דראָטן פון אויבן — פונקט ווי דאָס איז געווען אין אָשוויענטשים.

מען איז צוגעקומען צום אייזערנעם טויער, וואָס איז געווען שטאַרק באַוואַכט און נאָכן אַריינקומען אינעווייניק אין דעם לאַגער, האָט דער נאַצי-באַגלייטער איבערגעגעבן די 23 פרויען צוזאַמען מיט אַ ליסטע צום עלטסטן פון דער וואַך. יענער האָט קאָנטראָלירט, צי די צאָל פרויען שטימט לויט דער רשימה און געהייסן גיין ווייטער, טיף אין לאַגער.

בעת מען האָט זיך דערנענטערט צום פּלאַץ, האָט מען אויך דאָ, פּונקט ווי אין אָשוויענטשים, דערזען זיצן אויף דער ערד אַ גרויסע מאַסע פרויען. דאָס מאָל זענען דאָס אָבער נישט געווען קיין יידישע פרויען, נאָר קריסטינס פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. זיי זענען געזעסן אין גרופּן לויט דער רייע פון זייער אָנקומען אין דעם לאַגער. דאָס זענען געווען פרויען-גרופּן, וואָס האָבן איצט געדאַרפט דורכגיין די קוואַראַנטאַננע און און איינגעשלאָסן ווערן אין דעם נייעם לאַגער-לעבן.

די נאָענטסטע גרופּע, נעבן וועלכער די נאָרוואָס געקומענע 23 יידישע פרויען האָבן זיך געזעצט, זענען געווען פּאָלקעס, וואָס מען האָט ערשט מיט עטלעכע שעה פריער געבראַכט אַהער דירעקט פון וואַרשע. זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן בעתן אויפשטאַנד פון גענעראַל באָר. טאַקע פון די פּוילישע פרויען, האָט זיך די יידישע גרופּע, ווו מלכה האָט זיך געפונען, דערוווסט, אַז אין וואַרשע איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד, אַז די פּוילישע הויפּטשטאָט איז אין גאַנצן חרוב, אַז מען דערוואַרט דאָרט אַ ליאַדע מינוט דאָס אָנקומען פון דעם סאָוועטישן מיליטער. אויך האָבן די פּאָלקעס דערציילט, אַז אין וואַרשע איז שוין קיין איין ייד נישטאָ, ווייל בעתן אויפשטאַנד אין געטאָ, האָבן די נאַצים אונטערגעצונדן די געטאָ און פאַרברענט אַלע יידן. אייניקע פון די פּאָלקעס זענען אַליין געווען עדות דערפון, ווי די נאַצים האָבן פאַרניכטעט די יידישע געגנט. זיי האָבן אויך דערציילט וועגן דעם אופן ווי אַזוי די נאַצים פאַרניכטן איצט די פּוילישע טייל פון וואַרשע, הרגענען אוים די גרעסטע טייל פון דער באַפעל-

קערונג און בלויז יונגע פרויען נעמען זיי געפאַנגען און שיקן זיי אַרויס קיין דייטשלאַנד. די דייטשן האָבן דערלויבט די פּוילישע פרויען מיטנע־מען זייערע בעסטע קליידער, פוטערם און צירונג — אויב זיי האָבן עס נאָר געהאַט, בכדי ערשט איצט דאָ, אין דעם לאַגער דאָס אַלץ צוצונעמען.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז הינטער די 23 יידישע פרויען דערשי־נען אויפן פּלאַץ אַ נייע גרופּע: 40 יונגע בעלגישע פרויען, וועלכע מען האָט נאָרוואָס געבראַכט פון דער בעלגישער גרענעץ, ווו די דייטשן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע פּאָזיציעס. צווישן דער בעלגישער פרויען־גרופּע האָבן זיך געפונען אייניקע אין אַנדערע אומשטענדן. ס'רוב זענען געווען עלעגאַנט געקליידעט און האָבן געהאַט מיט זיך גרויסע פּעקלעך מיט גוטע שפּייז: צוקער, שפּראָטן, סובאַרעס, געטרוקנטע פרוכטן אד"גל.

אַ נאַצישע אויפזעערין, וואָס איז דאָרט פאַרבייגעגאַנגען, דערוויסנ־דיק זיך, וואָס די בעלגישע פרויען האָבן אין די פּעקלעך, האָט זיי געהייסן דאָס אַלץ אויפעסן, ווייל סיי־ווי וועט מען ביי זיי אַלץ צונעמען, ווען זיי וועלן נאָר איבערטרעטן די שוועל פון דעם לאַגער. איצט האָבן זיי זיך נאָך געפונען אין דעם פּאָדערהויף, ווו זיי האָבן געדאַרפט דורכגיין אַ גאַנצע רייע פאָרמאַליטעטן.

די בעלגישע פרויען האָבן אויסגעפּאַקט זייערע שפּייז־רעזערוון און זיך צעטיילט מיטן עסן מיט זייערע נייע באַקאַנטע.

צום ערשטן מאָל זינט יאָרן האָבן די יידישע פרויען, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן פּלאַץ, געגעסן אַזעלכע זאַכן. זיי האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירן אויף דער וועלט צוקער, שפּראָטן אד"גל.

אין דער פראָנט־טייל פון דעם פּלאַץ האָבן זיך געפונען גרויסע באַ־ראַקן און דאָרט האָט מען פון צייט צו צייט באַמערקט אַ לעבהאַפטע באַ־וועגונג פון פרויען אין ווייסע פאַרטוכער. איינע פון די פּאַלקעס, וואָס איז געזעסן נאָענט צום באַראַק, האָט אַריינגעקוקט אַהין. אַ דערשראָקענע איז זי אָפּגעשפּרונגען פון דעם באַראַק און דערציילט די פאַרזאַמלטע פרויען, אַז די פרויען אין ווייסע פאַרטוכער שניידן טויטע קערפּערס און קאָכן דאָס פלייש. די פרויען טוען עס זינגענדיק, ווי זיי וואָלטן אויסגע־פירט אַן אָנגענעמע אַרבעט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַראַקן, וואָס געפינען זיך ביים

פּלאַץ, זענען שפּיטאָל-באַראַקן און דאָרט, ווו מען שניידט און מ'קאַכט דאָס מענטשלעכע פלייש, איז דאָס מתים-שטיבל, ווו עס ווערן געבראַכט אַלע טויטע קערפּערס פון דעם שפּיטאָל און בכלל פון דעם לאַגער. אין דעם מתים-שטיבל איז געווען אַ לאַבאָראַטאָריע, ווו פרויען-מעדיקער האָבן דורכגעפירט וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן איבער די פאַרשטאָרבענע פון דעם לאַגער.

בינו-לבינו האָט מען די פאַרזאַמלטע גערופן צום רעגיסטרירן זיך אין איינעם פון די באַראַקן.

מען האָט אויסגעפרעגט יעדע איינע דעם פאַרנאָמען און פאַמיליע-נאָמען, עלטער, באַשעפטיקונג, בילדונג, געבורט-אָרט, די נעמען און באַשעפטיקונג פון די עלטערן, רעליגיע אא"וו.

נאָכן רעגיסטרירן די אַלע ענטפערס האָט יעדע פרוי באַקומען אַ נומער, וואָס זי האָט געמוזט שטענדיק האָבן ביי זיך, ווייל לויט די נומערן האָט מען זיי אויסגערופן און קאָנטראָלירט.

מלכה אָוושיאַני האָט באַקומען דעם לויף-נומער 68.313.

ווען די נאַצי-אויפזעערין האָט איר אַרויסגעגעבן דעם דאָזיקן נומער, האָט זי מיט אַ רחמנות-געפיל אָנגעקוקט מלכהן און געזאָגט:

— אַך, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן נומער איר האָט באַקומען. אַלע, וואָס האָבן מיט 13 שטאַרבן גלייך...

דאָס איז געווען דער ברוך-הבא, מיט וועלכן מלכה האָט זיך איינגעגלידערט אין דעם לעבן פון ראַווענסבריקער לאַגער.

מיט די נומערן אין האַנט האָט מען זיך געמוזט צוריקקערן אויפן פּלאַץ און וואַרטן אויף דער רייע זיך צו באָדן און דורכצוגיין אַ מעדיצינישע קאָנטראָל.

די דאָזיקע פּראָצעדור איז צוגעגאַנגען גאַנץ לאַנגזאַם און דערצו איז די צאָל פרויען אויפן פּלאַץ געווען אַזוי גרויס, אַז ערשט צומאָרגנס פאַרנאַכט איז געקומען די רייע אויסצובאָדן זיך פאַר דער גרופּע פרויען, צו וועלכער מלכה האָט געהערט.

די פּראָצעדור האָבן דורכגעפירט גלייכצייטיק 10 פרויען. אין ערשטן צימער האָט מען זיך געהייסן אויסטון אינגאַנצן נאַקעט און פרויען-אויפזעערינס האָבן קודם-כל קאָנטראָלירט, צי מען האָט נישט ביי זיך קיין

שום חפצים. די, וואָס האָבן געהאַט גוטע שיך, האָט מען עס ביי זיי צו־גענומען און די, וואָס האָבן געהאַט אַלטע צעריסענע שיך, האָבן געמעגט בלייבן מיט זיי. די קליידער האָבן אַלע געמוזט אָפּגעבן. שפּעטער האָבן די אויפזעערינס אין אַ צווייטן צימער אָפּגעשוירן אַלעמען די האָר, וועל־כע מען האָט באַהאַלטן אין ספּעציעלע קאַסטנס און דאַן, נאָכן קאָנטראָ־לירן די קערפּערס, צי מען איז געזונט, האָט מען אַריינגעלאָזט אין באָד־צימער, ווו מען האָט זיך געדאַרפט אויסבאָדן אונטער דושן.

פאַרענדיקט די דאָזיקע פּראָצעדור, איז מען אַריין אין אַ ווייטער־דיקן האָל פון דעם באַראַק, ווו יעדע פרוי האָט באַקומען אַ העמד און אַ קלייד. מען האָט געגעבן אָן שום מאָס, נאָר אַזוי ווי עס איז געגאַנגען לויטן סדר. האָבן די פרויען אָפּטמאָל געמוזט טוישן צווישן זיך די וועש און קליידער, ווייל די מאָס איז געווען פאַרשידנאַרטיק. אַלע קליידער האָבן געהאַט אויף זיך, סיי פון פאָרנט סיי פון הינטן, פאַסן גענייט אויף אַ קרייץ, מיט קאָלירן, וואָס זאָלן זיין אַ קאָנטראַסט צום קאָליר פון קלייד. מען איז דערמיט אויסן געווען צו קענען פון ווייטנס דערקענען, אַז דאָס זענען פרויען פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. די קליידער האָבן מיט זייערע פאַרשי־דענע קאָנטראַסט־פאַרבן אויסגעזען ווי קאַרנאַוואַל־קליידער.

ווען די פרויען זענען שוין דורך די גאַנצע טרויעריקע צערעמאָניע, אָפּגעשוירן און איבערגעטון אין די משונהדיקע קליידער, האָט מען זיי שוין אַריינגעלאָזט אין די אינערלעכע גרענעצן פון דעם לאַגער.

אַרויסקומענדיק אין דרויסן, האָבן די פרויען איינע די אַנדערע נישט דערקענט. אַזוי שרעקלעך זענען זיי געענדערט געוואָרן נאָכן אָפּשערן די האָר און אין די „נייע" קליידער. זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט איינע די אַנדערע ווי זיי הייסן. זיי האָבן זיך אַלע שרעקלעך צעוויינט, זעענדיק ווי קאָמיש זיי זעען אויס.

דאָס געוויין איז שנעל פאַרביטן געוואָרן אויף אַ געלעכטער. אַ ברירה האָבן זיי דען געהאַט?

XV

# די רעפובליק פון געפאַנגענע פרויען

דער קאָנצענטראַציע-לאַגער אין ראַווענסבריק איז געווען באַשטימט אויסשליסלעך פאַר פרויען. מלכה שאַצט-אָפּ די צאָל פרויען, וואָס זענען געווען אין דעם דאָזיקן לאַגער, אויף הונדערט טויזנט נפשות. איר נומער, אַלס געפאַנגענע פון דעם לאַגער, איז דערגאַנגען צו די זיבעציק טויזנטער און עס זענען נאָך שפּעטער אָנגעקומען אַהין פיל, פיל טויזנטער פרויען. מען האָט דעם לאַגער כסדר געמוזט פונאַנדערבויען און אויסברייטערן, כדי אויפצונעמען די נייע קרבנות, וואָס זענען אַהין פאַרשיקט געוואָרן. דער לאַגער איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער. מען האָט דאָרט קאָנצענטרירט פרויען פון פאַרשידענע פעלקער, לענדער און ראַסן. אַמווייניקסטן זענען דאָרט געווען יידישע פרויען, ווייל די נאַציס האָבן, ווייזט אויס, באַטראַכט, אַז פאַר יידן איז דער לאַגער צו-גוט און מען דאַרף די יידישע פרויען נישט אויסמישן מיט קיין אַרישע פרויען.

דער לאַגער איז געווען אַ מין פרויען-רעפובליק, וווּ מען האָט אַ מאַן כמעט נישט אָנגעזען אַפילו אויף קיין רפואה. דער גאַנצער לאַגער-פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון פרויען. די אָרטיקע פּאָליציי, אַרבעט-אויפזעער, מעדיקער — אַלץ פרויען. און נישט דווקא דייטשע פרויען, נאָר אויך פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, פון די געפאַנגענע פרויען, פלעגט מען אַ סך באַנוצן אין די אַדמיניסטראַציע-אַרבעטן און אויפזיכט-אַמטן אין דעם לאַגער.

דער לאַגער, וואָס האָט פאַרנומען אַ ריזיקן שטח באָדן, האָט זיך געפונען צווישן וועלדער, זאַמד-בערג און אָזערעס, וואָס איז די כאַראַקטעריסטיק פון יענעם טייל צפון-דייטשלאַנד.

דער לאַגער איז געווען געטיילט אין בלאָקן, און יעדער בלאָק איז געווען איינגאַנצן סעפּאַרירט פון דעם אַנדערן, אַז די ריזיקע מאַסע פון געפאַנגענע פרויען זאָל נישט האָבן קיין קאָנטאַקט צווישן זיך. יעדער בלאָק איז באַשטאַנען פון גרויסע באַראַקן מיט טויזנטער איינוווינער, וואָס האָבן דאָרט געוווינט אין אַ שרעקלעכער ענגשאַפט און אין שוידערלעכע סאַניטאַר-היגיענישע באַדינגונגען.

דער ערשטער עטאַפּ פון די ניי-אָנגעקומענע פרויען אין ראַווענסבריק איז געווען די קוואַראַנטאַנע, וואָס זיי האָבן געמוזט דורכגיין.

מען האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ ריזיקן באַראַק, וווּ עס האָבן „גע-וווינט" אַזש צוויי טויזנט פרויען.

דער באַראַק, געטיילט אין צוויי גרופּן, איז באַשטאַנען פון פיר רייען הילצערנע בעטן איינע איבער דער אַנדערער. די בעטן זענען געווען אויסגעבעטעט מיט זעק פון צעריבענעם שטרוי. אויך די קישנס זענען באַשטאַנען פון זעקלעך מיט שטרוי. מען האָט די פרויען געהייסן פאַרנעמען ערטער צו 3 און 4, טיילווייז אפילו צו 5 אין איין בעט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ יאָגעניש נאָך די ערטער אין די בעטן, וווּ עס איז פאַר 3 מענטשן שוין אויך געווען צו ענג. אָבער עס איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה. די בלאָק-אויפזעערין איז געשטאַנען איבער די קעפּ און באַפוילן פאַרנעמען די ערטער. די הילצערנע „בעטן", וואָס זענען אונטער די שטרוי-זעק גע-ווען אויסגעלייגט מיט דינע און שמאָלע ברעטלעך, האָבן נישט אויסגע-האַלטן די וואָג פון עטלעכע פרויען, האָבן זיך גלייך אין ערשטן מאָמענט איינגעבראָכן, און די „איינוווינערינס" פון די העכערע רייען זענען מיט געוואַלד אַראָפּגעפאַלן אויף די פרויען, וואָס זענען געלעגן אויף די ני-דעריקערע רייען בעטלעך. עס איז געקומען צו סקאַנדאַלן און אינצידענטן. אַזוי אַרום האָבן די פרויען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אָרט, וווּ צו שלאָפן, זיך געמוזט אויסלייגן אויף דער ערד, אין די דורכגענג פון דעם ריזיקן באַראַק.

3 אַזייגער פאַרטאָג איז פאָרגעקומען דער אַפּעל. אַלע פרויען פון

באַראַק האָבן זיך געמוזט אויסשטעלן אין רייען צו פינף פערזאָן און מען האָט זיי געציילט, צי קיינער פעלט נישט. דאָס ציילן האָט געדויערט צו 3 אָדער 4 שעה. האָט די צאָל געשטימט, האָט מען די פרויען דערלויבט זיך לייגן צוריק. טאָמער נישט, טאָמער האָבן די אויפזעערינס געהאַט אַ טעות ביים ציילן, האָט מען זיי ווייטער פאַרהאַלטן און געציילט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז די צאָל מענטשן האָט געשטימט.

הונגעריקע פון נישט עסן, מידע פון נישט שלאָפן און דורכגעפרוי-רענע פון דער קעלט, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן שטאַרק פילן, זענען פיל פרויען אַוועקגעפאַלן חלשות. אייניקע זענען מער קיינמאָל נישט אויפ-געשטאַנען... עס האָט נישט זעלטן געטראָפן, אַז דער טעגלעכער צייל-אַפּעל זאָל פאַרענדיקט ווערן מיטן אַרויסטראָגן פון דעם באַראַק טויטע קערפּערס פון פרויען, וואָס זענען אַזוי געשטאָרבן.

נאָכן צייל-אַפּעל האָבן אַלע געמוזט זיך לייגן צוריק אויף זייערע ערטער. נאָכן צייל-אַפּעל האָט מען זיי געבראַכט אַ טעפּל כמו-קאַווע מיט אַ שטיקל ברויט. 10 אַזייגער אין דער פרי האָט מען געבראַכט אַ האַלבן ליטער זופּ מיט אַ געקאָכטער קאַרטאָפל און 4 אַזייגער נאָך מיטיק ווידער אַביסל שיטערע זופּ מיט אַ פּאָרציע ברויט.

דאָס עסן האָט מען דערלאַנגט יעדער איינער אויף איר געלעגער.

אויסער צום צייל-אַפּעל האָט מען די גאַנצע צייט פון דער קוואַ-ראַנטאַננע נישט געטאָרט אַראָפּגיין פון די בעטן.

די צייט פון קוואַראַנטאַננע איז געווען באַשטימט אויף דריי וואָכן, נאָר היות עס זענען כסדר אָנגעקומען נייע טראַנספּאָרטן פרויען און מען האָט באַדאַרפט נעמען די פריערדיקע פרויען-טראַנספּאָרטן צו דער אַר-בעט, האָט מען די דאָזיקע צייט פאַרקירצט אויף צוויי וואָכן.

דאָס ליגן גאַנצע טעג אויף די בעטן אין די פינצטערע און דושנע באַראַקן, אָן שום באַוועגונג-מעגלעכקייט, אָן שום אַרבעט, האָט אַ סך פרויען ממש דערפירט צו משוגעת. מען האָט צוליב דער לאַנגווייליקייט נאָך מער געליטן פון הונגער און די קעלט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ווייל נישט אַלע האָבן באַקומען אַפילו די דינע קאָלדרעס אויף צודעקן זיך.

דאָס איז אויך געווען די סיבה, וואָס די שוואַכערע פרויען זענען אויסגעגאַנגען פון זייערע כוחות...

נאָך צוויי לאַנגע וואָכן פון גאָרנישט טון האָט מען די פרויען ענד־לעך גענומען צו דער אַרבעט. דורך אַ גרויסן וואַלד האָט מען זיי אַרויס־געפירט אויף אַ פעלד פון זאַמדיקע בערג, וועלכע מען האָט געדאַרפט ניוועלירן, אויסגלייכן די ערד אַזוי, אַז מען זאָל דאָרט קענען בויען באַ־ראַקן פאַר די נייע פרויען־טראַנספּאָרטן.

מען האָט אָבער פריער געמוזט דורכגיין דורך אייניקע קאָנטראָלן. דער ערשטער קאָנטראָל איז געווען אין דעם פּאָליטישן ביוראָ פון דעם לאַגער. פּאָליטישע נאַצי־אַגענטקעס האָבן אויסגעפרעגט, פאַרוואָס מען האָט יעדע איינע גענומען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווי לאַנג מען זיצט שוין אין דעם לאַגער, אין וועלכע לאַגערן מען האָט זיך פריער גע־פונען, צו וועלכער פּאַרטיי מען האָט געהערט, ווער זענען די עלטערן, וווּ זיי געפינען זיך, וועלכע פּאָליטישע אָנשויאונגען די עלטערן, די ברי־דער און שוועסטער האָבן געהאַט, וואָס פאַר אַ בילדונג מען האָט דורכ־געמאַכט און פיל ענלעכע פראַגן. אַמווייניקסטן האָט מען זיך דאָ אינטע־רעסירט מיט דער יידישקייט פון די פרויען. אין קעגנטייל, אַז אַ פרוי האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ יידישע, האָט מען זי ווייניקער געפּייניקט מיט פראַגן, ווייל מען האָט שוין געוווּסט, פאַרוואָס זי געפינט זיך אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער...

דאַן איז מען אַריבער צו אַ נייער מעדיצינישער קאָמיסיע. מען האָט ווידער קאָנטראָלירט, צי מען האָט נישט קיין קרעץ, צי מען איז נישט שוואַנגער, אָדער אָנגעשטעקט מיט ווענערישע קראַנקהייטן. דעם דאָזיקן קאָנטראָל האָבן נישט אויסגעמיטן אפילו מינדעריעריקע מיידלעך.

ערשט שפּעטער האָט מען יעדער איינער אַרויסגעגעבן אַ באַנד מיט דעם לויפנומער פון אַ לאַגער־געפאַנגענער. דער ערשטער נומער, וואָס די פרויען האָבן באַקומען ביים אָנקומען אין לאַגער, איז געווען אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. איצט איז עס שוין געווען אויף לייוונט און מען האָט עס געמוזט טראָגן אויפן לינקן אָרעם. אין די פריערדיקע לאַגערן האָבן יידן געמוזט טראָגן זייערע אָפּצייכענונגען אויפן רעכטן אָרעם און די אַרישע געפאַנגענע אויפן לינקן אָרעם. אפילו אין אָשוויענטשים האָט מען די יידן

אויסגעברענט די נומערן אויף דער רעכטער האַנט. דאָ, אין ראַוועסבריק, זענען די יידן געווען „גלייכבארעכטיקט" מיט די אַרישע פרויען. עס איז נאָר געווען אַן אונטערשיד אין די קאָלירן פון די בענדער, וואָס זענען געווען דרייעקיקע און אויף וועלכע דער לויפנומער איז געווען געדרוקט.

אַזוי, למשל, האָבן פרויען, וואָס זענען גענומען געוואָרן אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער פאַר פּאָליטישע „פאַרברעכנס", געהאַט רויטע בענ־דער; קרימינעלע פאַרברעכערינס האָבן געהאַט גרינע בענדער; באַשולדיקטע אין ראַסן־שאַנדע, ציגיינערינס און פּראָסטיטוטקעס (וואָס האָבן זיך דאָרט אויך געפונען אין אַ היפּשער צאָל), האָבן געהאַט שוואַרצע בענדער.

די יידישע פרויען, פּונקט ווי ניט־אַרישע קריסטינס, האָבן געהאַט רויטע בענדער מיט דריי געלע עקן אַזוי, אַז עס זאָל אויסזען ווי אַ מגן־דוד.

אויסער דעם נומער איז אויף יעדן באַנד אויך געווען אַ בוכשטאַב, וואָס האָט באַצייכנט די נאַציאָנאַליטעט פון יעדער פרוי.

די 23 יידישע פרויען, וואָס זענען אַהערגעקומען, האָבן אַלזאָ באַ־קומען אַלס צולאָג צו זייער נומער אויך די בוכשטאַב „פּ", ד"ה פּוילישע נאַציאָנאַליטעט.

בעת מען האָט די פרויען איבערגעפירט אין דעם צוויטן באַראַק, נענטער צו זייער אַרבעט, האָט מען אַלע פונאַנדערגעטיילט לויט די מלו־כהשע גרופּן. די יידישע פרויען האָבן דעריבער געדאַרפט זיין צוזאַמען מיט די פּוילישע פרויען. אָבער דאָ איז ווידער אַרויסגעשוווּמען דער פּוי־לישער אַנטיסעמיטיזם. די פּאָלקעס האָבן אָנגעהויבן שיקאַנירן די יידישע פרויען, זיי געדראָט, אַז מען וועט זיי סיי־ווי נעמען אין אַשוויענטשים, נישט געלאָזט פאַרנעמען קיין באַקוועמערע בעטן אד"גל.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין דער אַנטיסעמיטישער העצע אין לאַגער האָבן די פּוילישע פרויען געהאַט אַלס מיטהעלפערינס די דייטש־קעס מיט די שוואַרצע בענדער...

נאָך עטלעכע אַזעלכע סקאַנדאַלן, ביי וועלכע די יידישע פרויען האָבן אויך נישט געשוויגן, האָבן זיי זיך איבערגעטראָגן אין דער גרופּע פון די דייטשקעס מיט רויטע און געלע (נישט־אַרישע) בענדער.

גראָד יענע טעג איז אין דעם לאַגער אָנגעקומען אויך אַ גרעסערע

גרופּע סאָוועטישע פרויען, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פראַנצויזישע פרויען. מען האָט זיי געבראַכט אַהער פון מערב-דייטשלאַנד, ווו זיי האָבן געאַר-בעט אין אַ פאַבריק, וועלכע איז באָמבאַרדירט און חרוב געוואָרן דורך די אַליאירטע.

די סאָוועטישע פרויען, וועלכע האָבן אויך באַקומען רויטע בענדער, האָבן זיך שנעל באַפריינדעט מיט די יידישע פרויען, כאָטש זיי האָבן זיך מיט שוועריקייט געקענט פאַרשטענדיקן אויף רוסיש. קיין אַנדערע שפּראַך האָבן די סאָוועטישע פרויען נישט געקענט.

די סאָוועטישע פרויען האָבן מיט אַ שמייכל געזאָגט צו די יידישע פרויען:

— ווי יעווריייקאַ, אַ נאַם ווסיאָ ראַוונאָ! (איר זענט אַ יידישקע, ביי אונדז איז אַלץ איינס).

מען האָט שפּעטער געבראַכט אין לאַגער אַ גרויסע צאָל יונגע סאָ-וועטישע פרויען פון אָשוויענטשים מיט אויסגעברענטע נומערן אויף דער לינקער האַנט. מען האָט זיי געפירט קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט אין די קריגס-פאַבריקן, אָבער די דאָזיקע פאַבריקן זענען אין דער צווישנצייט באָמבאַרדירט געוואָרן און דעריבער האָט מען זיי געשיקט קיין ראַווענס-בריק.

נייענדיק יעדן טאָג 7 אַזייגער אין דער פרי פון דעם באַראַק צו דער אַרבעט, האָט מען געמוזט מאַרשירן לויט אַ מיליטערישן טאַקט, פוס לויט פוס, לויט דער קאָמאַנדע פון די אויפזעערינס, און מען האָט געמוזט זינ-גען. טאָמער האָט עמיצער פאַרטוישט דעם פוס, אָנשטאָט „לינקס", גע-נאַנגען מיטן רעכטן פוס, אָדער זיך נישט געהאַלטן גלייך אין דער רייע, האָט מען גלייך באַקומען אַ פּאָר קלעפּ פון די אויפזעערינס.

די אַרבעט האָט געדויערט ביז 7 אין אָוונט, מיט אַ מיטיק-הפסקה פון איין שעה צייט. היות דאָס עסן איז געגעבן געוואָרן נאָענט פון דעם אַרבעט-פּלאַץ און מען האָט נישט געדאַרפט מאַרשירן דעם ווייטן מהלך פון ווין-באַראַק, האָט מען די קורצע צייט אויסגענוצט אויף אָפּצורוען זיך און שפּאַצירן אין דער נאָענטער געגנט.

פון צייט צו צייט האָט מען געענדערט די אַרבעט פון ניוועלירן די ערד אויף גראָבן קאַרטאָפל און אויפלאָדן זיי אויף וואָגנס.

דערביי האָט אויך די אַרבעט געהאַט די מעלה, וואָס מען איז נישט געווען זייער ריגאָריסטיש מיט באַשטימטע נאָרמען און מען האָט אויך אַמאָל דערלויבט צו האָבן פריי אַ זונטיק, וואָס אין דעם קעלצער אַרבעט-לאַגער אָדער ביי די אַקאָפּעס אין פּושעדבאָרזש האָט מען וועגן אַזעלכן נישט געקענט חלומען.

פיזיש איז די אַרבעט נישט געווען אַזוי שווער ווי אין אַנדערע לאַ-גערן. עס האָט אַפילו גאָרנישט געקלעקט קיין אַרבעט פאַר אַזאַ ריזיקער צאָל פרויען און מען האָט אין אַ סך גרופּן פשוט געהייסן אויסגראָבן גרי-בער און שפּעטער זיי צוריק פאַרשיטן. עס איז געווען נישט מער ווי אַ פליכט צו אַרבעטן.

אַזוי ביז 7 פאַרנאַכט, ווען מען האָט מיט געזאַנג אין אַ מיליטערי-שער אָרדענונג געמוזט צוריקמאַרשירן צו די שלאָף-באַראַקן, בכדי 3 פאַר-טאָג געוועקט צו ווערן צום צייל-אַפּעל און 7 אין דער פרי ווידער גיין צו דער אַרבעט.

דאָס אומגליק פון דער גאַנצער אַרבעט איז באַשטאַנען אין עפּעס אַנדערש. עס זענען אָנגעקומען די פרעסט. די פרויען זענען געווען גע-קליידט אין אַ העמד מיט אַ דין קליידל, מיט הילצערנע סאַנדאַלן אויף די פיס, אָן אונטערוועש און אָן זאָקן.

מען האָט אַלזאָ מיט דער אַרבעט זיך באַמיט צו דערוואַרעמען דעם פאַרפרוירענעם און אויסגעמאַטערטן קערפּער, אָבער נישט שטענדיק איז עס געלונגען.

אין לאַגער זענען פון הונגער און קעלט אויסגעבראָכן עפּידעמיעס. אַ גרויסע צאָל פרויען זענען געשטאָרבן פון טיפוס. עס זענען אָנגעקומען דאָקטוירים און אָנגעהויבן צו מאַכן אַלע פרויען אַנטיטיפוס-איינשפּריצונ-גען. אַ מורא האָט באַהערשט די געפאַנגענע פון דעם ריזיקן לאַגער.

בינו-לבינו האָט מען זיך דערוווסט, אַז אין ראַווענסבריק זענען אין איין גרופּע פון די ניי-אויסגעבויטע באַראַקן אינסטאַלירט געוואָרן אייניקע אָפּטיילונגען פון דער סימענס-פאַבריק, וואָס איז אין בערלין חרוב געוואָרן פון די אַליאירטע באָמבען-אָנגריפן.

די מאַשינען, וואָס מען האָט באַוויזן צו ראַטעווען פון אונטער די חורבות פון דער בערלינער סימענס-פאַבריק, האָט מען אויף שנעל איינ-

געשטעלט אין ראַוועֶנסבריק און מען האָט אָנגעהויבן זוכן פרויען, וואָס זאָלן זיין פעאיק צו דער אַרבעט אין דער דאָזיקער פאַבריק.

ווען די 23 יידישע פרויען, צווישן וועלכע מלכה האָט זיך געפונען, האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָבן זיי זיך גלייך געמאָלדן צום אַרבעט-ביוראָ פון דעם לאַגער.

זיי האָבן דאָך געהאַט הינטער זיך די פּראַקטיק פון דער קעלצער אַמוניציע-פאַבריק, ווו מען האָט זיי געהאַט באַטראַכט אַלס קוואַליפיצירטע אַרבעטערינס. האָבן זיי טאַקע באַשלאָסן זוכן איצט „גליק" אין דער נייער פאַבריק פון דער אונטערגייענדיקער נאַצישער מלוכה.

XVI

## אין די גסיסה־טעג פון נאַציזם

די פרויען, וואָס האָבן זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט אין דער ניי־אויפגעשטעלטער סימענס-פאַבריק, האָט מען גענומען אויף אַ שטרענגן עקזאַמען.

מען האָט זיי קודם-כל געהייסן העלפן ביים מאָנטירן די מאַשינען, וועלכע מען האָט געבראַכט פון בערלין און מען האָט געהייסן אויספירן פאַרשידענע פיגורן פון דראָט און פאַפיר, כדי זיך צו אָריענטירן אין דער אַרבעט-פעאיקייט פון די קאַנדידאַטינס. מען האָט געמאַכט פאַרשידענע צייכענונגען און געהייסן זיי קאָפּירן, מען האָט אויך אונטערזוכט, צי מען האָט טרוקענע הענט, צי די הענט שוויצן נישט ביי דער אַרבעט אד"גל.

נאָר אַ קליינעם טייל פון די קאַנדידאַטינס, וואָס האָבן זיך געמאָלדן צו דער פאַבריק-אַרבעט, האָט מען באַשטעטיקט.

פון די 23 יידישע פרויען האָט מען אויסגעקליבן בלויז 12. די אַנדערע האָט מען געהייסן צוריקגיין צו דער אַרבעט אין אָפענעם פעלד. מלכה האָט זיך געפונען צווישן די 12 אויסדערוויילטע, וואָס זענען, אגב, געווען די איינציקע יידישע אַרבעטאָרינס אין דעם גאַנצן פאַבריקן-בלאָק.

מלכה איז מיט דער צייט באַשטימט געוואָרן אַלס פאָר-אַרבעטערין, ד"ה אַ מין עלטערע אין דער פאַבריק-האַלע, וואָס האָט שוין געמעגט אַרבעטן זעלבסטשטענדיק, אָן שום שטרענגער קאָנטראָל פון די אויפזעער און האָט געהאַט פרייע באַוועגונג ביי די מאַשינען. פאַרן גוטן אויספירן די אַרבעט, לויט דער נאָרמע און צו דער באַשטימער צייט, האָט מען

אַפילו געטיילט פּרעמיעס, אַזאַ מין לאַגער-געלט, פאַר וועלכן מען האָט זיך געמעגט קויפן אין דער לאַגער-קאַנטינע געמיינעם פּודער און נאָך ערגערע פּאַרב צו די ליפּן. ענלעכע פּרעמיעס פלעגן אויך באַקומען די פּעאיקערע אַרבעטאָרינס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אָבער נישט די יידישע, נישט די פּוילישע און נישט די סאָוועטישע אַרבעטאָרינס, האָבן אָנגענומען די דאָזיקע „פּרעמיעס". זיי האָבן נישט געוואָלט האָבן קיין שום פּריווילעגיעס לגבי זייערע חברטעס. זעלטן וועלכע אַרבעטערין, אויסער די דייטשקעס מיט די שוואַרצע בענדער, האָט אָנגענומען די פּרעמיעס.

אין דער פאַבריק האָט מען אויסגעאַרבעט אַלומיניום-טיילן צו באָמבעס, ראַדיאָ-אַפּאַראַטן און פעלד-טעלעפאָנען. די פּאַרטיקע טיילן האָט מען אָפּגעשיקט אין אַנדערע פאַבריקן אַריינצופּאַסן זיי אין די געהעריקע אַפּאַראַטן, פאַר וועלכע זיי זענען געווען באַשטימט.

די אַרבעט אין דער פאַבריק האָט אויך געדויערט 12 שעה, מיט איין שעה מיטיק-פּויזע, און דאָס עסן איז נישט געווען בעסער ווי ביי דער פעלד-אַרבעט. אָבער אין דער פאַבריק-האַלע איז געווען וואַרעם און אויך די שלאָף-באַראַקן פון דעם סימענס-אַרבעט-לאַגער, ווו די אַרבעטער האָבן געוואוינט, זענען געווען נישט צום פאַרגלייכן מיט די פריערדיקע פוילגעפּאַקטע באַראַקן. דאָ איז מען געשלאָפן צו 2 פרויען אין אַ בעט און מען האָט זיך יעדן טאָג געקענט וואַשן אין די ספּעציעלע וואַש-קאַמערן.

מען האָט אין דער פרייער צייט געהאַט מער באַוועגונג-מעגלעכקייט און מען האָט געקענט פרייער פירן שמועסן צווישן זיך.

די גרופּע 12 יידישע פרויען, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ געמיינזאַמען שווערן און פּיינפולן לעבנס-וועג, האָבן זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן צוזאַמען ווי איין פאַמיליע און האָבן אויך נישט פאַרגעסן אין זייערע 11 חברטעס, וואָס זענען פאַרבליבן אין די פריערדיקע באַראַקן.

איין מאָל אַ חודש האָט יעדע איינע געקענט באַקומען אַ דערלויבעניש גיין צום דאָקטאָר אין דעם שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען ביים איינגאַנג אין לאַגער.

יעדע איינע האָט שוין געפונען אַן אויסרייד וועגן דער נויטווענדיקייט צו גיין צו אַ דאָקטאָר. מלכה האָט אָנגעוויזן, אַז עס טוען איר וויי די

ציין און האָט אפילו געמוזט לאָזן ארויסרייסן א געזונטן צאָן, אבי צו קענען אויפן וועג באזוכן און פארבערענגען א קורצע ווײַלע אין די באַראַקן, ווו עס האָבן זיך אין פיל ערגערע באדינגונגען געפונען די 11 חברטעס.

בעת די דאַזיקע שפּאַצירן צום לאַגער־שפּיטאָל און באזוכן אין די אַלטע באַראַקן, האָט מען זיך דערוווּסט וויכטיקע נײַעס:

אין לאַגער פון ראַווענסבריק קומען־אָן כסדר נײַע טראַנספּאָרטן פרויען פון פאַרשידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין פּוילן און פון דײַטשלאַנד גופא. די סאָוועטישע ארמיי געפינט זיך שוין אויף דער דײַטשער טעריטאָריע און פון דער אַנדערער זײַט געפינען זיך שוין טיף אין דײַטשלאַנד די ענגלישע און נאָרד־אַמעריקאַנער אַרמייען. די נײַ־אָנגעקומענע פרויען דערציילן, אז מען ליקווידירט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו זיי זענען געווען, אז פון אַשוויענטשים פירט מען שוין אַרויס די לעצטע מענטשן, וועלכע מען האָט נישט באוויזן צו פאַרברענען, אז די דײַטשע אַרמיי ציט זיך צוריק אין גרויס פּאַניק פון אַלע פראָנטן, און אז מען גרייט זיך צום דעצידירנדיקן קאַמף וועגן בערלין, וואָס געפינט זיך דאָך ס״ה 120 קילאָמעטער פון ראַווענסבריק.

א סימן דערפון זענען אויך געווען די אָפטע לופט־אַלאַרמען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער. די סירענעס אין דעם לאַגער, וואָס פלעגן ביז איצט געבן קורצע, אָפּגעריסענע פײַף־סיגנאַלן בײַ די אַפּעלן, ביים אָנהויב און סוף פון דער ארבעט, האָבן זיך פון איצט־אָן אָנגעהויבן פונאַנדערפײַפן מיטן גאַנצן כוח. טאָמער איז דער אַלאַרם געווען בײַטאָג, האָט מען ווײַטער געהייסן אַרבעטן. בלויז די נאַצישע פאַבריק־אויפזעער זענען אַרויס פון די ארבעט־האַלעס, בכדי זיך צו באַהאַלטן אין די ספּעציעלע שוץ־ערטער. פיל בעסער איז שוין געווען, ווען דער לופט־אָנגריף איז פאָרגעקומען בײַנאַכט. אויך דעמאָלט זײַנען די נאַצישע פאַבריק־אויפזעער אַוועק זיך באַהאַלטן אין די שוץ־ערטער, פאַרשליסנדיק די טיר פון די אַרבעט־האַלעס, ווו עס זענען ווײַטער פאַרבליבן אַלע ארבעטאָרינס. אָבער בעת די נאַכט־אַלאַרמען האָט מען געמוזט פאַרלעשן די ליכט אין די אַרבעט־האַלעס און במילא געמוזט אָפּשטעלן

די אַרבעט. אַזוי-אַרום האָט מען געקענט זיך גוט אויסשלאָפֿן אָנלענענ-דיק דעם קאָפּ אויף די אַרבעט-טישן.

די לופֿט-אַלאַרמען זענען באַגלייט געווען מיטן אָפּקלאַנג פֿון שטאַר-קע אויפֿרייסן, וועלכע האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און אָפֿטער געלאָזט הערן. מען האָט דייטלעך געהערט, אַז די באָמבעס פֿאַלן נאָענט פֿון דעם לאַגער, הגם אין דעם לאַגער גופֿא זענען קיין באָמבעס נישט גע-פֿאַלן. מען האָט בלויז פֿון צייט צו צייט געהערט דעם גערויש פֿון דורכ-פֿליענדיקע אַוויאָנען. אין די לעצטע וואָכן פֿון דעם לעבן אין לאַגער זענען די לופֿט-אַלאַרמען געווען אַזוי אָפֿט, אַז די 12-שעהדיקע אַרבעט-צייט בײַ-נאַכט איז פֿאַקטיש רעדוצירט געוואָרן ביז 2 שעה אַרבעט און 10 שעה זיצן אין דער פֿינצטערער אַרבעט-האַלע און זיך אויסרוען.

קיין שום געפֿיל פֿון מורא, אַז אויך דער לאַגער קען באָמבאַרדירט ווערן, האָט מען נישט געהאַט. דאָס לעבן איז סײַ-ווי געווען גלײַכגילטיק. מען האָט זיך נאָר געפֿרייט, ווען די אַרבעט-אויפֿזעער האָבן צערודערטע נאָכן ערשטן סירענע-אַלאַרם אויסגערופֿן:

— אויסשאַלטען! פֿלוג-אַלאַרעם!

עס האָט געהייסן אויסלעשן די מאָטאָרן און פֿאַרלעשן די ליכט. די נאַציס האָבן דאָס צערודערטערהייט באַפֿוילן, אָבער די אַרבעטאָרינס האָבן עס מיט פֿרייד אויסגעפֿירט.

דערבײַ דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אין דעם לאַגער האָט אָנגעהויבן הערשן אַבסאָלוטער הונגער. אויב מען האָט פֿריער געגעבן אַ פֿערטל קילאָ ברויט פֿאַר אַ פּערזאָן טעגלעך, האָט מען די דאָזיקע פּאָרציעס שפּעטער כסדר פֿאַרקלענערט און פֿאַרקלענערט. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען האָט אַ קילאָ ברויט געגעבן פֿאַר זעקס, זיבן און אַפֿילו אַכט פּערזאָן. קוים אַ פּיצל ברויט פֿאַר יעדער איינער. אויך די בלומרשטע זופּ, וואָס מען האָט סײַ-ווי נישט געקענט נעמען אין מויל אַריין, האָט מען פֿאַרקלענערט די פּאָרציעס. די מענטשן זענען פּשוט געווען אויסגעשטעלט אויף הונ-גער-טויט.

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער מאָמענט פֿאַר יענער צײַט:

ביזן סוף פֿון 1944סטן יאָר פֿלעגן אין דעם לאַגער אָנקומען בריוו און שפּייז-פּעקלעך פֿאַר די געפֿאַנגענע פֿרויען פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַ-

ליטעטן, אויסער פאַר די יידישע און סאָוועטישע. אַלע, אויסער די לעצטע צוויי גרופּן, האָבן געקענט באַקומען און שרייבן בריוו צו זייערע קרובים אין די געביטן, וואָס די דייטשן האָבן געהאַט אָקופּירט און אין דייטש-לאַנד גופא.

פון יאַנואַר 1945 איז דאָס אָפּגעשטעלט געוואָרן.

די לאַגע איז געוואָרן אַלץ שרעקלעכער, עס האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַ שטאַרקער כאַאָס אין לאַגער און די נאַצישע ליטונג האָט זיך באַ-מיט מיט בלוטיקן טעראָר איינצוהאַלטן די אָרדענונג און נישט דערלאָזן, אַז די געפּייניקטע פרויען זאָלן אויסנוצן די צעפאַלונג פון דער נאַצישער מאַכט.

איינע פון זיי, די אויבער-אויפזעערין בינס, אַ 24-יעריקע נאַצישע מויד, אַ שוידערלעכע סאַדיסטין, פלעגט פאַר יעדער מינדסטער קלייניקייט שטראָפן מיט קלעפּ און שמיץ, אָדער גאָר אָפּשיקן אין די שטראָף-באַראַקן פון וואַנען זעלטן ווער עס איז אַרויס לעבעדיק.

וויפל אָבער די דאָזיקע בינס און אירע אַדיוטאַנטינס זאָלן נישט האָבן געשלאָגן און געפּייניקט, האָבן זיי אָבער דער ווירקלעכקייט זיך נישט געקענט קעגנשטעלן.

פון איין זייט די כסדרדיקע לופט-אַלאַרמען, פון דער אַנדערער זייט די געוואַלדיקע באַוועגונג אין דעם לאַגער גופא.

אָט האָט מען זיך דערוווּסט פון אַ גרופּע יידישע פרויען, וואָס זע-נען אָנגעקומען פון טשענסטאָכאָוו, אַז די סאָוועטישע אַרמיי איז אַזוי שנעל אַהין אָנגעקומען, אַז מען האָט נישט באַוויזן צו שיקן אַהין קיין באַן-וואַגאָנען, אַז מען זאָל זיי עוואַקואירן, האָט מען די פרויען עטלעכע טעג געטריבן צופוס ווי שעפסן. אַ סך זענען געפאַלן טויט אויפן וועג, ביז מ'האָט ערגעץ אויף אַ באַן-סטאַנציע אָנגעטראָפן אויף פראַכט-וואַגאָנען, מיט וועלכע מען האָט די אומגליקלעכע פרויען געבראַכט אַהער.

פון אַן אַנדער גרופּע פרויען האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען די לעצטע, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט פון אָשוויענטשים און, אַז די נאַצים האָבן פאַרן אַנטלויפן אויפגעריסן מיט דינאַמיט די קרעמאַטאָריעס, כדי נישט צו לאָזן קיין סימנים פון זייער פאַרברעכן.

פיל פון די נייַ-אָנגעקומענע פרויען זענען שוין געווען קאַליקעס. אין

די הילצערנע באַראַקן פון דעם לאַגער-שפּיטאָל איז קיין אָרט נישט געווען אויפצונעמען מער קראַנקע, וועלכע זענען געלעגן אויף די הוילע פּאָדלאָגעס אין די דורכגענג. קיין מעדיקאַמענטן פאַר די קראַנקע איז אויך נישט געווען און די קליינע צאָל מעדיקער איז געווען אַבסאָלוט הילפלאָז.

פון דעם שפּיטאָל-בנין זענען דערגאַנגען געשרייען, געוויינען, קרעכצענישן און געוואַלדן אין אַלע שפּראַכן, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן. מיט אַ סך קראַנקע האָבן זיך די דאָקטוירים-פרויען, וואָס האָבן באַדינט דעם שפּיטאָל, נאַרנישט געקענט פאַרשטענדיקן. די שטערבלעכקייט האָט דערגרייכט געוואַלדיק-גרויסע ציפערן און די אומגליקלעכע קרבנות זענען געשטאָרבן אין די שרעקלעכסטע ליידן.

די ניי-אָנגעקומענע פרויען פון די פאַרשיידענע לענדער און נאַציאָנאַליטעטן האָבן נישט געהאַט ווו צו שלאָפן. מען האָט זיך טאָג און נאַכט אַרומגעדרייט איבער דעם לאַגער מיד און הונגעריק און נישט איינע איז משוגע געוואָרן.

די אויפזעערינס פון דעם לאַגער האָבן זיך אַרומגעזען, אַז אַזאַ צושטאַנד קען דערפירן צו אַ קאַטאַסטראָפע אויך פאַר זיי גופא, און מען האָט דעריבער אָנהויב יאַנואַר אָנגעהויבן באַפרייען פון דעם לאַגער יענע אַלע דייטשקעס, וועלכע האָבן אויף זיך נישט געהאַט קיין שום פּאָליטישע חטאים. עס האָט געהייסן, אַז מען שיקט זיי אויף פריוואַטע אַרבעט... געווען זענען דאָס ס׳רוב די דייטשקעס מיט שוואַרצע בענדער...

שפּעטער האָט מען אויך אָנגעהויבן באַפרייען די נישט-אַרישע, אָבער קריסטלעכע דייטשקעס און געוואָלט אַזוי אַרום שאַפן מער אָרט אין דעם לאַגער פאַר די כסדר-אָנקומענדיקע נייע פרויען-טראַנספּאָרטן.

אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג און נעכט. אַלאַרמען קעגן די לופטאָנגריפן, הונגער, קעלט, טעראָר מצד די צעטומלטע נאַצישע אויפזעער.

דער איינציקער חלום פון די געפאַנגענע פרויען איז געווען, אַז אויב מען וועט דאָס אַלץ איבערלעבן און מען וועט זוכה זיין זיך צו געפינען ווידער אויף דער פריי, זאָל מען אָפּקאָכן אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל און זיך אָנעסן צו דער זעט מיט ברויט — דערציילט מלכה אָוושיאַני, מיט אַ טרויעריקן שמייכל.

מלכה אָושיאַני דערציילט...

דאָס איז געווען זייער אײנציקער חלום, א פאַנטאַזיע, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן נישט צו קענען דערגרייכט ווערן.

ווייל זעלטן-ווער פון די דאָזיקע פרויען האָט געקענט גלויבן, אַז זיי וועלן נאָך דערלעבן צו זיין פרייע מענטשן.

אפילו אין יענע גסיסה-טעג פון דער נאַצישער הערשאַפט האָבן פיל טויזנטער נישט זוכה געווען דאָס צו דערלעבן.

# XVII

## דער סוף פון שקלאַפעריי

סוף מערץ, פונקט ערב פסח, איז בעתן טעגלעכן אַפּעל די בייזע נאַציִשע אויבער-אויפזעערין בינס געקומען אין דעם סימענס-לאַגער און געמאָלדן, אַז אַלע געבוירענע פראַנצויזקעס זאָלן אַרויסטרעטן פון דער רייע און זיך מעלדן אין אַרבעט-ביוראָ צו דער רעגיסטראַציע.

— אָבער נאָר די פראַנצויזישע אַריערינס. די פראַנצויזישע יידישקעס נישט! — האָט זי ווילד אַ קוויטש-געטון.

מען האָט די אַריש-פראַנצויזישע פרויען גענומען אויף אַ פאַרהער, פאַרשרייבנדיק זייער נאָמען, פאַמיליע-נאָמען, נומער אד"גל און דערביי האָט מען זיי געמאָלדן, אַז זיי זאָלן זיין גרייט צו פאַרלאָזן דעם לאַגער. וועגן דאָס וועט געשען און ווו מען וועט זיי פירן, האָט מען זיי נישט געזאָגט. מען האָט זיי בלויז געהייסן אָראָפּנעמען די בענדער מיט די לאַגער-נומערן.

צומאָרגנס פרי זענען אין לאַגער אָנגעקומען גרויסע ווייסע פולמאַן-אויטאָס, מיט פעטע רויטע קרייצן פון אַלע זייטן און מען האָט אויסגערופן די פאַררעגיסטרירטע פראַנצויזקעס, אַז זיי זאָלן פאַרנעמען ערטער אין די אויטאָס.

נישט אַלע פראַנצויזקעס האָט מען אַרויסגעפירט מיטאַמאָל פון דעם לאַגער. זייער צאָל האָט באַטראָפן פיל טויזנטער און זענען געווען פונאַנדערגעטיילט אין די פאַרשיידענע טיילן פון דעם לאַגער. דעריבער האָט

דאָס באַפרייען די פראַנצויזקעס געדויערט העכער 2 וואָכן צייט. אין משך פון דער צייט האָט מען פון דעם לאַגער אַרויסגעפירט אויך די לעצטע דייטשקעס און „מישלינגע".

בינו-לבינו איז אין דעם סימענס-לאַגער דערגאַנגען אַ ידיעה פון דעם אַלטן לאַגער, אַז מען האָט דאָרט געבראַכט פּאַקעטן פון דעם רויטן קרייץ אין קאַנאַדע, ספּעציעל פאַר יידישע פרויען.

אָבער צוגלייך דערמיט איז אויך דערגאַנגען נאָך אַ ידיעה, אַז אַלע קראַנקע פון דעם לאַגער-שפּיטאָל פירט מען אַוועק. צווישן די דאָזיקע אַרויסגעפירטע פון דעם לאַגער-שפּיטאָל האָבן זיך אויך געפונען 2 פרויען פון מלכהס גרופּע: זאָשאַ וואַכטעל פון ניי-קאַרטשין און צעשע לוצקי פון לאָדזש, וואָס האָט זיך לעצטנס געפונען אין כמיעלניק, פון וואַנען מען האָט זי גענומען צו דער שקלאַפן-אַרבעט. ווען די מלחמה איז שוין געווען געענדיקט, האָט מלכה, זייענדיק אין שוועדן, באַקומען אַ טעלעגראַפישע אָנפראַגע פון צעשע לוצקים מאַן, וועלכער איז געבליבן לעבן אין לאָדזש. ער פרעגט זיך, ווו זיין פרוי איז. ליידער האָט מלכה נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן...

די לופט-אַלאַרמען האָבן זיך כסדר איבערגעחזרט און די אָפּקלאַנגען פון באָמבען-אויפרייסן האָבן זיך געהערט אַלץ נענטער און שטאַרקער.

איינמאָל אין אָוונט, ווען מען האָט זיך צוריקגעקערט פון דער אַר-בעט און געוואָלט גיין צו די שלאָף-באַראַקן, איז פּלוצלינג דורכגעפירט געוואָרן אַ נייער אַפּעל און די נאַצישע אויפזעערינס האָבן אַלע אַרבעט-פרויען פון דער סימענס-פאַבריק אַוועקגעפירט צוריק אין די אַלטע באַ-ראַקן, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט די קוואַראַנטאַננע-צייט.

די ענגשאַפט און דער געדרודער איז געווען אַזוי געוואַלדיק גרויס, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו געפינען דאָרט אַ שטיקל פּלאַץ צום שלאָפן.

איבעריקנס, עס איז געווען נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס עס איז אומ-מעגלעך געווען צו שלאָפן אין די באַראַקן: שמוץ, לייז, פליי. עס האָט זיך פשוט געקלעפּט צום מענטשן און היות די פרעסט האָבן שוין אָפּגעלאָזט און דער ערב-פרילינג האָט זיך דערנענטערט, איז ליבערשט געווען צו

שלאָפן אין דרויסן, אויף די שטיינער, איידער אינעווייניק אין די שמוציקע, עיפּושדיקע באַראַקן.

דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ צרה: יעדן פֿאַרטאָג האָט מען געמוזט צוריקגיין דעם ווייטן מהלך אין די סימענס־פֿאַבריקן צו דער אַרבעט. קיין עסן האָט מען ווייטער נישט געגעבן. פֿון די אָנגעקומענע פּעקלעך פֿון קאַנאַדע, וואָס די יידישע פֿרויען פֿון די אַלטע באַראַקן האָבן באַקומען, איז שוין כמעט קיין זכר נישט געווען.

בכדי נישט צו פֿאַרלירן די דיסציפּלין איבער די לאַגער־קרבנות, האָבן די נאַצישע אויפֿזעערינס דורכגעפֿירט יעדע פֿאַר שעה צייל־אַפּעלן.

וואָס איז געשען מיט די באַקוועמע באַראַקן אין דעם סימענס־לאַגער גופֿא?

די נאַצישע אויפֿזעערינס האָבן זיך באמת, אַז די אַרבעטאָרינס זאָלן זיך אַהין נישט דערנענטערן. אָבער דאָס איז די נאַצים נישט געלונגען. מען האָט געוואָלט וויסן, ווער האָט פֿאַרנומען דאָרט זייערע ערטער און מען האָט זיך דערוווסט. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז קיין שום גוטס נישט.

דערוווסט האָט מען זיך אויף אַזאַ אופֿן:

די פּראָדוקציע אין דער פֿאַבריק האָט מען אין די ערשטע טעג פֿון חודש אַפּריל פֿאַרקלענערט, אָבער די אַרבעט גופֿא האָט מען נאָך מער פֿאַרגרעסערט. מען האָט, נעמלעך, אָנגעהויבן פֿונאַנדערנעמען די מאַשינען, זיי פּאַקן אין קאַסטנס און די דאָזיקע פֿאַרפּאַקטע קאַסטנס האָבן די פֿרויען אַליין געמוזט אוועקפֿירן אין אַ צווייטער האַלע, פֿון וואַנען מען האָט די קאַסטנס געדאַרפֿט אַרויספֿירן פֿון דעם לאַגער.

אַט ביים דורכפֿירן די דאָזיקע אַרבעט האָבן די פֿרויען געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו דערנענטערן צו זייערע אַמאָליקע וווין־באַראַקן. דאָ האָט זיך פֿאַר זייערע אויגן אַנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד.

אין די באַראַקן האָבן זיך געפֿונען הונדערטער מענער. שאָטנס פֿון מענטשלעכע געשטאַלטן. אין צעריסענע שמאַטעס פֿון אַרעסטאַנטן־קליידער, וואָס מער קערפּער איז געווען נאַקעט ווי צוגעדעקט, פֿאַרוואַקסן, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. די קערפּערס, וואָס זענען באַשטאַנען פֿון הויט מיט ביינער, זענען געווען אין גאַנצן שוואַרץ. די מענער. וואָס מען האָט אַהער

צונויפגעטריבן צופוס פון פאַרשיידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, זענען גע־וועןן די רעשטלעך געפייניקטע פון פאַרשיידענע פעלקער און לענדער. רעדן האָט מען מיט זיי נישט געקענט צוליב דעם פשוטן טעם, ווייל די דאָזיקע שאָטנס פון מענטשן האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו רעדן. זיי האָבן זיך קוים געקענט א באַוועג־טון. נישט געוועןן קיין טאָג, אַז עטלעכע פון זיי זאָלן נישט אַוועקפאַלן טויט פון הונגער און כוחות־אויסשעפּונג.

מען האָט זיי געבראַכט אין דעם פאַבריק־לאַגער וואַרשיינלעך צוליב דעם, וואָס דער דאָזיקער אינערלעכער לאַגער איז געווען אונטער א ספּע־ציעלער באַוואַכונג און איז געווען אַרומגעצוימט מיט עלעקטרישע דראָטן.

די פרויען האָבן ווייטער געפּאַקט די מאַשין־טיילן און ווען צו מלכהן, וועלכע איז דאַך שוין געווען געניט אין דער דאָזיקער אַרבעט נאָך פון דער קעלצער פאַבריק, זענען אַריינגעפאַלן אין האַנט־אַריין די פּרעציזע טיילן, וואָס טאָרן נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט קיין וואַסער, האָט זי דווקא עס פאַרנעצט מיט וואַסער, אַז עס זאָל אין די קאַסטנס פאַרזשאַווערט ווערן.

די איינציקע נקמה אירע אין יענע טעג...

די פאַבריק־מייסטערס האָבן אויך אָנגעהויבן אַרויסווייזן א רעזיג־נאַציע. ביי לופט־אַלאַרמען און באָמבען־אויפרייסן פלעגן זיי א מאַך טון מיט דער האַנט:

— ע, איצט איז שוין אַלץ צו ענדע, די מלחמה איז פאַרשפּילט... — האָבן זיי שוין אָפן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג צו די, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין שקלאַפערייִ.

אַרום דעם 15־טן אַפּריל האָט די יידישע פרויען פון לאַגער געטראָפן א נייער סורפּריז:

די קראַנקן־שוועסטער פון לאַגער־שפּיטאָל האָבן אויסגערופן אַלע יידישע פרויען און זיי געמאַכט וויטאַמין־איינשפּריצונגען אויף צו שטאַרקן דעם קערפּער. אין ערשטן מאָמענט האָבן די יידישע פרויען חושד־געווען, אַז די איינשפּריצונגען זענען בכדי צוצואיילן זייער טויט, ווייל די רעאַק־ציע דערפון איז אין אָנהויב געווען פאַרבונדן מיט שרעקלעכע ווייטיקן. דער חשד האָט נאָך געהאַט א באַגרינדונג דערמיט, וואָס מען האָט די איינשפּריצונגען געמאַכט בלויז יידישע פרויען. עס האָט זיך אָבער שפּע-

מער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ דאַנק די ספּעציעלע באַמיאונגען פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד.

עטלעכע טעג שפּעטער, דעם 18טן אַפּריל, זענען אין לאַגער ווידער אָנגעקומען טראַנספּאָרטן מיט שפּייז-פּעקלעך פון דעם רויטן קרייץ אין קאַנאַדע, ספּעציעל באַשטימט פאַר די יידישע פרויען.

יעדעס פּעקל איז באַשטאַנען פון בלעכענע פּושקעס מיט פלייש, מילך-מעל, פיש-קאָנסערוון, קאַפע, 2 בלאָקן טשאָקאָלאַד, אַ פּעקל צוקער, פּאַשטעט, מאַרגאַרין, געטרוקנטע פלוימען, אַ פּעקל זייף און 2 פּעקלעך ציגאַרעטן.

די דייטשע אויפזעערינס האָבן אַלע פּעקלעך געעפנט, אַרויסגענומען פון דאָרט די ציגאַרעטן און דאָס איבעריקע צעטיילט צווישן די יידישע פרויען אַזוי ווי עס איז אָנגעקומען.

דערמאָנענדיק די דאָזיקע הילף, זאָגט מלכה, אַז ווען עס דויערט נאָך אַ פּאָר טעג אָן דער הילף, וואָלטן זיי זיכער מער נישט אויסגעהאַלטן, ווייל אין לאַגער האָט מען אין גאַנצן אָפּגעשטעלט דאָס געבן עסן.

איז עס, הייסט עס דאָך, געווען אַ גליק פאַר זיי. אָבער דאָס דאָזיקע גליק האָט זיך אין יענע טעג אַרויסגעוויזן זייער רעלאַטיוו.

קיין ברויט איז אין די פּעקלעך נישט געווען. הונגעריק איז מען געווען שרעקלעך. האָט מען געעפנט די פּושקעס און אָנגעהויבן עסן. די פּעקלעך זענען געווען מיט ענגלישע אויפשריפטן און מען האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי מען דאַרף עס צוגרייטן. אַ סך זאַכן האָט מען דאָ דערזען צום ערשטן מאָל זינט דעם מלחמה-אויסברוך און אַ סך זאַכן אפשר בכלל צום ערשטן מאָל אין לעבן.

אַזוי, למשל, האָט מען דאָס מילך-מעל געדאַרפט צעקאָכן אין הייס וואַסער. אַזוינס איז אָבער אין דעם לאַגער נישט געווען. האָט מען אין דער בלעכענער פּושקע אָנגעגאָסן אַביסל קאַלט וואַסער, מען האָט עס אויסגעמישט און געטרונקען. אָנשטאָט אָבער צעקאָכטע מילך, זענען אַרויסגעקומען קאַלטע מילך-קניידלעך...

בכלל איז דער אָרגאַניזם פון די פרויען שוין נישט געווען געוווינט צו אַזאַ מין עסן, נאָך אַזוי פיל צייט פון הונגער. האָט מען טאַקע גלייך דערפילט די פאָלגן דערפון. בייטאָג און ביינאַכט האָט מען געבראָכן און

מען האָט באַקומען שרעקלעכע בויך-וויטיקן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה פון ליידן, אָבער דאָס מאָל שוין פון ווילטאָג, פון איבערעסן זיך.

דערביי האָט מען צו די צייל-אַפּעלן און צו דער אַרבעט זיך גע-מוזט מעלדן פּונקט ווי פריער.

די שפּייז-פּעקלעך האָט מען געטראָגן מיט זיך, אַז מען זאָל עס נישט צוגנבענען. מיטן עסן איז געווען שלעכט, אָבער אָן דעם עסן וואָלט געווען נאָך ערגער.

מאָנטיק, דעם 23סטן אַפּריל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַלע פּויליש-יידישע פרויען און אויך די לוקסענבורגער בירגערינס וועלן רע-גיסטרירט.

נאָך וואָס די רעגיסטראַציע ווערט דורכגעפירט האָט מען נישט גע-ווּסט.

צומאָרגנס, דינסטיק פרי נאָכן געוויינלעכן צייל-אַפּיל, האָט די אויפזעערין געהייסן אַלע פּויליש-יידישע פרויען אַרויסטרעטן פון די רייען און זיך מעלדן אין אַרבעט-ביוראָ.

מען האָט ווידער נישט געוווּסט, צי עס איז עפּעס גוטס, אָדער עס איז אַ נייער נאַצישער שפּיצל.

ווען מען איז געקומען צו דער רעגיסטראַציע, האָט מען שוין דאָרט געטראָפן פאַרזאַמלט 800 פּויליש-יידישע פרויען, וואָס האָבן זיך געפונען אין די אַנדערע לאַגער-אָפּטיילונגען פון ראַווענסבריק. שפּעטער זענען אויך אָנגעקומען 400 אַרישע פּאָלקעס.

נאָכן דורכפירן דעם רעגיסטער פון אַלע פאַרזאַמלטע פרויען, האָט מען די פרויען אַוועקגעפירט אין דעם שטראָף-בלאָק פון דעם קאָנצענט-ראַציע-לאַגער.

דאָס איז געווען אַ קליינער שטח מיט עטלעכע שרעקלעך-אַלטע און שרעקלעך-שמוציקע קליינע באַראַקן, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן הילצער-נעם פּלויט.

צווישן די פרויען איז אַנטשטאַנען אַ געוואַלדיקע מהומה: מען האָט אָנגעהויבן שרייען און וויינען, ווייל מען האָט גוט געוווּסט, אַז ווער עס

קומט-אַריין אין דעם שטראָף-בלאָק, גייט שוין פון דאָרט נישט אַרויס קיין לעבעדיקע.

בפרט נאָך, אַז מען האָט דעם קליינעם בלאָק אָנגעפּאַקט מיט 1.200 פרויען. מען האָט אין די באַראַקן אַפילו שטיין נישט געקענט. אויך אויפן הויף פון דעם שטראָף-בלאָק איז נישט געווען איבעריק גרוים. דערביי האָבן נאָך די יידישע פרויען געפילט די רעזולטאַטן פון זייער עס-קוראַ-ציע. מען האָט ווייטער געבראָכן און מען איז געלאָפן... דערצו איז קיין קאַנאַליזאַציע נישט געווען און אין דעם שטראָף-בלאָק איז בכלל שווער געווען צו באַקומען אַביסל וואַסער.

אַזוי איז מען דאָרט אין ענגשאַפט און אין אַ פּאַרפּעסטעטער לופט אָפּגעווען אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. וועגן שלאָפן איז קיין רייד נישט געווען.

— עס איז געווען ערגער, ווי אין יענע נעכט אין ראַקעווער וועלדל — באַמערקט מלכה, ווען זי שילדערט די דאָזיקע עפּיזאָדן.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז שוין דער סוף פון זייער לעבן. זיי האָבן זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס זאָל זיין דער שלום-אַקאָרד פון זייער שקלאַפעריי.

אינדערפרי 9 דעם זייגער פון מיטוואָך דעם 25סטן אַפּריל 1945, האָט זיך געעפנט דער טויער פון דעם שטראָף-בלאָק און פאַר דער צונויפ-געפּרעסטער און פאַרצווייפלטער פרויען-מאַסע איז דערשינען אין באַגלייטונג פון עטלעכע נאַצישע אויפזעערינס די ווילד-בייזע בינס.

אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ ליסטע, פון וועלכער זי האָט אָנגעהויבן אויסלייענען די נעמען און זיך געהייסן אויסשטעלן אין רייען. ווען דאָס איז שוין געווען פאַרטיק, האָט בינס באַפוילן, אַז אַלע זאָלן אַראָפּרייסן די אָרעם-בענדער מיט די נומערן, וואָס זיי האָבן געהאַט צוגענייט צום לינקן אַרבל. אייניקע פרויען האָבן דעם באַפעל נישט אויסגעפירט. בינס האָט אָבער דערקלערט, אַז די אָפּצייכענונגען מיט די נומערן זענען זיי שוין מער נישט נויטיק, ווייל זיי גייען סיי-ווי אַרויס אויף דער פריי. ביי די יעניקע פרויען, וואָס האָבן די אָפּצייכענונגען נישט געוואָלט אַראָפּנעמען, האָט עס געטון די בינס צוזאַמען מיט אירע געהילפערינס.

אויסגעשטעלט אין רייען צו 5 און אין גרופּן צו 100 פרויען, האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע און מען האָט אָנגעהויבן מאַרשירן.

ביי איינעם פון די לאַגער-בנינים האָט מען זיך פאַרהאַלטן און יעדע פרוי האָט באַקומען אַ ניי פּעקל פון דעם קאַנאַדער רויטן-קרייץ.

איבער אַ שעה צייט האָט מען מאַרשירט דורך דעם זעלבן לאַנגן וועג, דורך וועלכן מען איז אָנגעקומען אין דעם לאַגער. מען האָט גע-וואָרפן דעם לעצטן בליק אויף די באַראַקן, אין וועלכע מען האָט פאַר-בראַכט אַזוי פיל ביטערע טעג און נעכט, מען איז אַרויס אויפן זעלבן פּלאַץ, וווּ מען איז געזעסן די ערשטע טעג ביים אָנקומען אין לאַגער; מען איז פאַרביי דעם הילצערנעם שפּיטאָל און דעם באַראַק פאַר די מתים, וווּ מען פלעגט דורכפירן די מעדיצינישע עקספּערימענטן אויף די טויטע קערפּערס פון די פאַרפּייניקטע קרבנות. פאַרן באַראַק איז געשטאַנען אַ גרויסער וואָגן אָנגעפּולט מיט טויטע פרויען-קערפּערס.

דאָס איז געווען אַ סימבאָלישע געזעגענונג מיטן קאָנצענטראַציע-לאַגער אין ראַווענסבריק.

מיט ציטערדיקע הערצער, מיט כסדרדיקן אומצוטרוי האָט מען זיך ענדלעך דערנענטערט צו דעם הויכן אייזערנעם טויער פון דעם קאָנצענט-ראַציע-לאַגער.

די וואַך האָט נאָכקאָנטראָלירט די דאָקומענטן, וואָס די נאַצישע אויפזעערינס האָבן געוויזן, מען האָט איבערגעציילט די צאָל פרויען און געעפנט דעם מאַסיוון טויער.

1.200 פאַרשקלאַפּטע פרויען האָבן זיך געפונען אויף דער פריי.

ווען זיי זענען דורך אויף דער אַנדערער זייט פון טויער, האָט זיך פון זייערע הערצער אַרויסגעריסן אַן אויסרוף:

— די מלאכים זענען דאָ!

און פון גרויסער עמאָציע און פרייד איז מען אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין.

„די מלאכים" דאָס זענען געווען די ווייסע פּולמאַן-אויטאָס פון דעם שוועדישן רויטן קרייץ.

24 אַזעלכע „מלאכים" זענען שוין געווען גרייט אויפצונעמען די באַפרייטע פרויען.

XVIII

# דער וועג צו פרייהייט

די נאַצישע אויפזעערין, וואָס האָט באַגלייט די גרופּע פון 100 פרויען, ווו מלכה האָט זיך געפונען, איז געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט פאַרוואָס די פרויען וויינען. אפשר איז איר אויפרעגונג אויך געווען דער־פאַר, וואָס האַלטנדיק אין האַנט די בייטש, האָט זי דאָ מורא געהאַט צו שלאָגן די וויינענדיקע פון פרייד פרויען, אַ זאַך, וואָס זי איז אָן שום שטערונג געוויינט געווען צו טון אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער גופא.

זי האָט דעריבער האַלב־ברוגז אַ געשריי־געטון צו די פרויען:

— וואָס האָט איר זיך צעוויינט אַזוי?! איר זענט דאָך שוין אויף דער פריי... וואָס ווילט איר נאָך... איר מיינט, אַז מיר איז בעסער פון אייך אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער? איך האָב דאָ אויך שווער געאַרבעט, פונקט אַזוי ווי איר, און אויסער דעם קלייד האָב איך מער גאָרנישט...

אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך צו דער אויפזעערין דערנענטערט אַ הויכער עלעגאַנט־געקליידעטער הער, וואָס האָט אָבסערווירט די גאַנצע סצענע און מיט אַ באַפעלערישן טאָן געזאָגט צו דער דייטשער אויפזעערין:

— איר קענט זיך גיין פון דאַנען, דאָ האָט איר שוין מער גאָרנישט וואָס צו טון... זיי זיינען איצט אונטער מיין אויפזיכט...

אַ בייזע און פאַרשעמטע האָט די נאַצישע אויפזעערין שנעל פאַר־לאָזט דעם פּלאַץ און איז אַוועק צוריק אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

דער הויכער, עלעגאַנטער הער האָט מיט אַ ליב שמייכל באַרואיקט די פרויען:

— באַרואיקט אייך, באַרואיקט אייך... איר וועט גלייך פאָרן קיין שוועדן, ווו איר וועט זיך אויסרוען און באַקומען נייע, ריינע קליידער און גענוג צום עסן... ביי אונדז איז דאָ אַ סך גוטע זאַכן צו עסן...

דערביי האָט ער פון טאַש ארויסגענומען אַ גאָלדענעם פאָרט-סיגאַר און געפרעגט די פרויען, צי זיי ווילן רויכערן אָדער זיי ווילן עפּעס עסן, וועט מען זיי גלייך דערלאַנגען.

איינע פון די מיידלעך, די יונגע רוזשע לאַקס, האָט ער פריינדלעך אַ גלעט-געטון איבער די האָר און געזאָגט:

— מיין אָרעם קינד, זיי רואיק, איצט דראָט דיר שוין קיין שום גע-פאַר נישט...

אויך די שאָפערן פון די אויטאָס, אַלע שוועדן, וואָס האָבן גערעדט דייטש, האָבן ארויסגעוויזן אַ הארציקע באַציאונג און פריינדלעכקייט צו די באַפרייטע פרויען. מען האָט געפרעגט, צי מען וויל עפּעס און געהאָלפן זיי איינשטייגן אין די אויטאָס.

עס זענען אויך דערשינען אייניקע קראַנקן-שוועסטער פון שוועדישן רויטן קרייץ און מיט גרויס פריינדלעכקייט באַדינט די באַפרייטע פרויען.

נאָך אַזוי פיל יאָרן פון שווערע ליידן און שקלאַפעריי אונטערן נאַ-ציישן יאָך האָבן זיך די פרויען געהאַט אָפּגעוווינט שוין פון הערן אַזעלכע הארציקע ווערטער און פילן אַזאַ מענטשלעכע באַהאַנדלונג.

זיי האָבן כסדר געוויינט, אָבער דאָס איז געווען אַ געוויין פון פרייד, אַז ענדלעך איז אויך פאַר זיי געקומען דער טאָג פון פרייהייט, אַז מען רעדט שוין צו זיי ווידער ווי צו פרייע מענטשן.

צו 50 פּערזאָן אין יעדן פולמאַן-קאָטש, אויף באַקוועמע אויסגע-בעטע בענקלעך, האָבן די פרויען פאַרנומען זייערע ערטער און ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, איז מען 2 אַזייגער ביי טאָג אָפּגעפאָרן פון ראַ-ווענסבריק.

לענגאויס דעם שאָסיי, דורך שטעט און דערפער, פעלדער און וועל-דער, איז מען אַזוי געפאָרן דעם גאַנצן טאָג. פון צייט צו צייט פלעגן זיך די אויטאָס אָפּשטעלן און די קראַנקן-שוועסטער זענען אריין אין די אוי-

טאָס פרעגן ווי מען פילט זיך, צי מען וויל עפּעס. מען האָט געגעבן די פרויען צו טרינקען, די, וואָס האָבן נאָך געבראָכן פון איבערעסן זיך מיט די שפּייזן פון די קאַנאַדער פּעקלעך, האָט מען געגעבן באַרואיקונג-פּילן, ווען עס האָט ווי געטון דער קאָפּ אָדער דער בויך, האָט מען געגעבן ספּעציעלע מיטלען. די קראַנקן-שוועסטער זענען געווען מילד, העפלעך און האָבן זיך געפילט גליקלעך, וואָס זיי קענען העלפן די באַפרייטע פרויען.

פאָרן אַריינפאָרן אין עפּעס אַ שטאָט אָדער דאָרף, האָבן זיך די ערשטע אויטאָס, וואָס זענען שנעלער געפאָרן פאָרויס, אָפּגעשטעלט און געוואַרט, ביז עס וועלן אָנקומען די ווייטערדיקע אויטאָס, בכדי צו פאָרן צוזאַמען.

דעם ערשטן טאָג האָט מלכה כמעט גאָרנישט געזען נישט פון די שטעט און דערפער, נישט פון דער לאַנדשאַפט, וואָס מען איז פאַרביי־געפאָרן. זי, פּונקט ווי דאָס רוב אַנדערע פּאַסאַזשירן, האָבן זיך אַזוי שלעכט געפילט און זענען געווען אַזוי פאַרטויבט פון די געשעענישן פון דעם טאָג, פון דעם אומגלויבלעכן געפיל, אַז מען געפינט זיך שוין אויף דער פריי, אַז זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט זיי. מען האָט זיך אַזוי איינגערעדט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ חלום, אַז מען האָט צוגעמאַכט די אויגן, געוואָלט איינשלאָפן, בכדי דער שיינער חלום זאָל ווייטער אָנהאַלטן. פון צייט־צו־צייט, ביי אַ וואַלד האָט מען געקענט אַראָפּגיין פון אויטאָ, אַריין אין וואַלד, אויסרוען זיך פון דער רייזע און דערליידיקן די פיזישע געברויכן. קיינער איז זיי נישט נאָכגע־נאַנגען, קיינער האָט זיי נישט קאָנטראָלירט, נישט געיאָגט מער, נישט געשלאָגן, נישט מורא געהאַט, אַז אימיצער פון זיי זאָל פרווון אַנטלויפן... טאַקע עפּעס אַלץ אויסגעקומען צו זיין אַ חלום, אַ נס...

אָבער אויך דער וועג צו פרייהייט, די לעצטע רייזע דורך דער פאַר־שאָלטענער דייטשער ערד, איז געווען באַגלייט מיט בלוט און טויט.

ווען עס איז שוין געוואָרן טונקל און די גאַנצע קאַראַוואַנע אויטאָס האָט זיך דערנענטערט צו אַ געדיכטן וואַלד, האָבן די העפלעכע שוועדישע שאָפערן געמאָלדן, אַז ביינאַכט איז געפערלעך צו פאָרן און מען וועט דע־ריבער איבערנעכטיקן אין וואַלד. מען האָט די פרויען געגעבן אַ פרייען אויסוואַל: ווער עס וויל, קען בלייבן שלאָפן אין די אויטאָס און ווער עס

ווייל, קען אָראַפּגיין אין וואַלד אריין. כמעט אַלע האָבן אויסגעקליבן דאָס לעצטע. מען איז גרופּנווייז אריין אין וואַלד און דאָרט זיך אויסגעזעצט און אויסגעלייגט אויף דער פרישער לופט. פריער האָט מען געשמועסט און אַנאַליזירט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר און שפּעטער איז מען איינגע־שלאָפן מיט אַ רואיקן שלאָף פון דער ערשטער נאַכט אַלס פרייע מענטשן.

אינמיטן נאַכט, ווען דער גאַנצער עולם איז געווען איינגעהילט אין אַ טיפן שלאָף, האָט זיך אין וואַלד דערהערט אַ געוואַלדיקע שיסעריי. דער גאַנצער עולם איז אַ דערשראָקענער אויפגעשפּרונגען, אָבער מען האָט נישט געוווּסט. וואָס צו טון. עס האָט געהערשט אַ שטאַרקע פינצטערניש און פון דער ווייטנס, פון איינער פון די פרויען-גרופּן, וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַלד, האָבן זיך דערהערט שרעקלעכע געשרייען.

דער ערשטער געדאַנק פון די איבערגעשראָקענע פרויען איז געווען, אַז די גאַנצע געשיכטע מיט דער באַפרייאונג און מיטן אַרויספירן זיי פון קאָנצענטראַציע-לאַגער מיט אויטאָס פון שוועדישן רויטן קרייץ איז געווען אַ פּשוט נאַציש שפּיצל, בכדי זיי אין וואַלד אויסצושיסן. די שיסעריי האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און מען האָט אין דער לופטן געהערט אויך אַ זשומען פון עראָפּלאַנען.

ווען שלאָפן איז שוין מער קיין רייד נישט געווען. מען איז געזעסן צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער און געוואַרט, וואָס עס וועט ווייטער געשען, ווען די רייע וועט קומען אויף זייערע גרופּן.

עס האָט קוים אָנגעהויבן טאָגן און אין וואַלד האָבן זיך באַוויזן די שאָפערן פון די אויטאָס. זיי האָבן דערציילט, אַז אינמיטן דער נאַכט איז די גאַנצע קאַראַוואַנע באַשאָסן געוואָרן דורך אומבאַקאַנטע אַוויאָנען, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נידעריק. עס האָט אַפילו נישט גע־האָלפן די ווייסע פאָן מיטן רויטן קרייץ, מיט וועלכער איינער פון די שאָ־פערן האָט געפאָכעט אין דער לופטן, בכדי אָפּצושטעלן דעם לופט-אָנגריף. דעם שאָפער האָט געטראָפן אַ קויל און ער איז געבליבן טויט. איין אויטאָ האָט זיך אָנגעצונדן און איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן. פיל פרויען זענען דערהרגעט געוואָרן און נאָך מער זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. אַ טייל געפינען זיך אין אַ לעבנס-געפערלעכן צושטאַנד, די שאָפערן און די קראַנקן־שוועסטער האָבן זיי געגעבן די ערשטע הילף, גענומען צוריק אויף די אוי־

טאָם און מיט אַ זייער שווער געמיט איז די קאַראַוואַנע געפאָרן ווייטער דורך שטעטלעך און דערפער, אַנטרעפנדיק אומעטום גוטע סימנים פון דער מלחמה. הייזער אין חורבות, מענטשן לויפנדיקע פון איין אָרט צום אַנדערן, פרויען מיט קינדער, מלחמה-אינוואַלידן — אָבער דאָס מאָל זענען דאָס שוין געווען דייטשן.

איבער די וועגן האָבן זיך געשלעפּט לאַנגע קאַראַוואַנעס פון דייטשן, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע חרוב-געוואָרענע הייזער און זענען אַנטלאָפן פאַר דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט זיך דערנענטערט אין יענער געגנט. מיט קינדער און פעק אויף די פּלייצעס, אויף וואָגנס און צופוס, האָט מען זיי אָנגעטראָפן אין די טויזנטער. פאַר די פאַרבייפאָרנדיקע פרויען האָט זיך אויפגעפרישט דאָס בילד פון יאָר 1939, ווען היטלער איז איבערגעפאַלן פּוילן. דאַן זענען זיי אַזוי אַנטלאָפן פון זייערע היימען, ווי די דייטשן אַנטלויפן איצט.

נאָך די שווערע איבערלעבונגען פון דער לעצטער נאַכט און נאָך אַזוי פיל שווערע טעג און נעכט איז עס ווידער געווען אַ שטיקל טרייסט פאַר זיי.

— דאָס איז גאָטס שטראָף פאַר אייערע לײדן — האָט זיך דער שוועדישער שאָפער אָפּגערופן צו זיינע יידישע פּאַסאַזשירן.

טאָמער האָט אויפן וועג אימיצער פון די אַנטלויפנדיקע דייטשן געבעטן, אַז מען זאָל זיי אויפנעמען אויפן אויטאָ, האָט דער שאָפער אפילו דערויף נישט געוואָלט ענטפערן.

ווי דער שטייגער איז, האָט מען זיך ביי יעדן וואַלד אָפּגעשטעלט און געלאָזט די פרויען אַראָפּגיין. און אָט אין איינעם פון די וועלדער האָבן זיי אָנגעטראָפן אַרומבלאָנדזשען צוויי יונגע נאַצים, אפשר 16-13 יאָר יעדער איינער. אין ערשטן מאָמענט האָט מען זיך פאַר זיי דערשראָקן. שוין געווען אַ געוווינהייט אַזאַ זיך צו שרעקן פאַר אַ נאַצי, אפילו ווען ער איז נישט מער ווי 16 יאָר אַלט. אויך אַזעלכע און נאָך יינגערע נאַצים האָבן געוווּסט צו פּייניקן יידן. אָבער אָנקוקנדיק די אויסגעמאַטערטע פּנימער פון די צוויי נאַצים, האָבן זיך די פרויען שנעל באַרואיקט.

די צוויי נאַצים זענען צוגעגאַנגען צו דער גרופּע פרויען און קוים

געקענט אַרויסשטאַמלען, אַז זיי זענען הונגעריק, מען זאָל זיי געבן עפּעס צו עסן.

די פֿרויען האָבן אַפּילו זיי נישט געוואָלט ענטפֿערן. וויפֿל מאָל האָבן זיי געהונגערט, און קיין שום דייטש האָט אויף זיי קיין ביסל רחמנות נישט געהאַט.

דאָך אָבער האָט זיך צווישן מלכהס גרופּע געפֿונען איין פֿרוי, וואָס האָט זיך געוואָלט אַ שפּיל־טון מיטן נאַצי:

— כ׳וועל דיר געבן אַ שטיקל טשאָקאָלאַד, אָבער גיב מיר אַוועק דיין באַגנעט...

דער דייטש האָט שנעל אַראָפּגעכאַפּט דעם לעדערנעם גאַרטל מיטן באַגנעט און עס דערלאַנגט דער פֿרוי פֿאַרן שטיקל טשאָקאָלאַד, וואָס זי האָט אים געגעבן. ביידע נאַציס האָבן שנעל אַראָפּגעשלונגען דאָס שטיקל טשאָקאָלאַד און זענען נעלם געוואָרן. די פֿרוי האָט דעם גאַרטל מיטן נאַ־צישן באַגנעט געשענקט צום אָנדענק דעם שאָפֿער פֿון זייער אויטאָ.

— ווער ווייסט, וויפֿל מענטשלעכע לעבנס דער יונגער נאַצי האָט אומגעבראַכט פֿון דער וועלט מיטן דאָזיקן באַגנעט — האָט דער שאָפֿער באַמערקט, דאַנקענדיק פֿאַר דער מתנה.

דורכפֿאָרנדיק איינע פֿון די שטעט, האָבן זיי באַגעגנט ביים אויפֿ־רוימען די שטיינער פֿון די חורבות אַ גרויסע צאָל געפֿאַנגענע סאָוועטישע מיליטערלייט. די פֿרויען האָבן דורך די אָפֿענע פֿענצטער זיי אַרויסגעוואָרפֿן די רעשט פֿון שפּייז־פּאַקעטן, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט מיט זיך. די סאָ־וועטישע זעלנער, אויסגעהונגערטע און אָפּגעריסענע, האָבן זיך געוואָרפֿן כאַפּן די פּעקלעך דאַנקענדיק אויף רוסיש.

אויך די נאַצישע אויפֿזעער האָבן זיך אַ וואָרף־געטון צו די אויטאָס בעטנדיק פּעקלעך.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז זיי האָבן נישט געקראָגן. מעגלעך, אַז זיי האָבן עס שפּעטער צוגערויבט ביי די הונגעריקע סאָוועטישע זעלנער.

די נעמען פֿון די שטעטלעך און דערפֿער, וואָס זיי זענען דורכגעפֿאָרן אויפֿן וועג פֿון ראַווענסבריק ביז דער דענישער גרענעץ, געדענקט נישט מלכה.

אָבער דעם נאָמען פֿון איין שטאָט געדענקט זי גוט. דאָס איז די

היסטאָרישע דייטשע שטאָט קיעל, ווו קייזער ווילהעלם דער צווייטער האָט ערב דער ערשטער וועלט-מלחמה מיט גרויס פּאָמפּע געעפנט דעם באַרימטן קיעלער קאַנאַל, וואָס האָט געדאַרפט באַפעסטיקן די פּרייסישע הערשאַפט ביים צפון-ים.

אָט די דאָזיקע שטאָט האָט זיך גוט איינגעקריצט אין מלכהם זכרון, ווייל עס האָט לאַנג געדויערט ביז די אויטאָס-קאַראַוואַנע האָט געקענט זיך דורכשלאָגן אַ וועג דורך די חורבות, וואָס האָבן באַדעקט די גאַסן פון דער שטאָט. קיין איין גאַנץ הויז נישט, נאָר שטיין אויף שטיין. די גאַנצע שטאָט איין ריזיקע חורבה.

אַזוי האָט זיך די רייזע געצויגן ביזן אָוונט, ווען די קאַראַוואַנע פון אויטאָס איז אָנגעקומען צו דער דענישער גרענעץ.

הגם ביי דער דייטש-דענישער גרענעץ זענען געווען פיל נאַציס און דאָס פּרעכטיקע דענישע מלכות האָט זיך געפונען אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָבן אָבער די באַפרייטע פרויען פון דעם מאָמענט, וואָס זיי זענען אָנגעקומען צו דער גרענעץ, שוין מער קיין מגע-משא מיט די נאַציס נישט געהאַט.

אין די אויטאָס זענען אַרויפגעקומען דענישע באַאַמטע און אויף דייטש געפרעגט, צו וועלכער מלוכה די פרויען געהערן, וויפל פּערזאָן עס געפינען זיך אין יעדן אויטאָ און נאָכן פאַרנאָטירן די דאָזיקע דאַטן, געהייסן אַלעמען אויסשטייגן פון די אויטאָס.

אויף דער דענישער טעריטאָריע זענען די אָנגעקומענע פרויען אָפּגעוואַרט געוואָרן דורך אַ גרויסן עולם נייגעריקע מענטשן, אַ גרויסע צאָל צייטונג-פאָטאָגראַפן, וואָס האָבן געמאַכט צענדליקער אויפנאַמעס. מען האָט געקוקט אויף די פרויען ווי אויף אַ בייז וווּנדער.

מען האָט די פרויען געוויזן דעם וועג צו גרויסע באַראַקן מיט ווייסע דעכער, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעמאָלן פעטע רויטע קרייצן. די פרויען, לויט זייער עלטער געוווינהייט, האָבן זיך געוואָלט אויסשטעלן אין רייען מאַרשירן צו די באַראַקן. אָבער די דענישע באַגלייטער האָבן מיט אַ שמייכל דערקלערט, אַז זיי קענען גיין פריי אַזוי, ווי עס איז זיי באַקוועם.

פון די לעצטע אויטאָס האָט מען דערווייל אָנגעהויבן אַרויסטראָגן

די פאַרוווּנדעטע און אויף האַנט-בעטלעך זיי גלייך אַוועקגעפירט אין שפּי-טאַל אַריין.

אין די באַראַקן האָבן די פרויען געטראָפן געדעקטע טישן מיט זייער לייכטע עסנס. די דאַמען פון דענישן רויטן קרייץ, וואָס האָבן זיי באַדינט, האָבן געבעטן, מען זאָל ווייניק עסן, ווייל זיי מוזן דורכגיין אַ סיסטעמאַ-טישע עס-קוראַציע נאָך אַזוי פיל הונגער-צייט. מען האָט טאַקע געגעבן ווייניק, אָבער דערפאַר זייער אַ געשמאַק עסן. דאָס עסן איז דערלאַנגט געוואָרן אויף פּאַפּירענע טעלערס, וועלכע מען האָט נאָכן אָפּעסן גלייך אַוועקגעוואָרפן. אַלע באַדינער ביים עסן האָבן זיך אָפּט געוואַשן די הענט און געמאַכט ספּעציעלע איינשפּריצונגען קעגן אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. מען האָט נישט געלאָזט די באַפרייטע פרויען רעדן און דערציילן וועגן זייערע איבערלעבונגען:

— איר מוזט וועגן אַלעס, וואָס עס איז געווען, פאַרגעסן. איצט וועט איר שוין ווידער קענען אָנהויבן גוט לעבן, ווי פרייע מענטשן...

נאָכן עסן האָט מען זיי געלייגט שלאָפן אין ריינע, ווייכע און באַק-וועמע בעטן. ביינאַכט זענען איבער די שלאָף-האַלעס אַרומגעגאַנגען פרוי-ען-וואַכן, וועלכע האָבן געזאָרגט, צי די געסט זענען גוט צוגעדעקט, צי מען וויל נישט עפּעס. די, וואָס האָבן זיך שלעכט געפילט, האָט מען געגעבן טראָפּנס מיט וואַסער צו באַרויקן די נערוון.

די פרויען האָבן אָבער נישט געקענט שלאָפן.

עס איז געווען צו ווייך די בעטן און צו ריין דאָס בעטגעוואַנט.

זינט זיי האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען, האָבן זיי אַזוינס נישט געהאַט.

# XIX

## נייע מענטשן...

צומאָרגנס פרי, נאָכן אויפשטיין און וואַשן זיך, האָט מען יעדן איינעם דערלאַנגט פרישטיק, וואָס איז באַשטאַנען פון מילך מיט ברויט און פוטער. היות אַ סך פרויען האָבן זיך געשמאַק צוגעכאַפּט צום עסן, האָבן די דענישע פרויען מיט אַ מוטערלעכער זאָרג געבעטן, אַז מען זאָל נישט עסן צופיל, ווייל דאָס קען פאַרשאַטן.

— מיר זשאַלעווען אייך, חלילה, נישט קיין עסן, אָבער עס איז בעסער, אַז איר זאָלט צוביסלעך צוגעוווינען אייערע מאָגנס צו פאַרדייען דאָס, וואָס איר עסט...

אין די זעלבע אַלטע, צעריסענע קליידער, אין וועלכע מען איז באַפרייט געוואָרן פון ראַווענסבריק, האָבן זיי פאַרלאָזן די באַראַקן און אַוועק צו דער באַן-סטאַנציע, ווו עס האָבן אויף זיי שוין געוואַרט ספּעציעלע וואַגאָנען פון ערשטן קלאַס, מיט באַקוועמע, אויסגעבעטע פּלושענע בענק. אויך דאָ האָבן די דענישע דאַמען געזאָרגט, אַז די פרויען זאָלן זיך אויסזעצן גרוים און געזעגנענדיק זיך האַרציק, איז דער צוג אָפּגעפאָרן ווייטער דורך דער טעריטאָריע פון דעם אָקופּירטן דענישן מלכות.

מיטיק-צייט האָט מען אויף איין באַן-סטאַנציע אַרויפגעבראַכט עסן, וואָס די פרויען פון לאָקאַלן דענישן קאָמיטעט האָבן צוגעגרייט. אויף יעדער באַן-סטאַנציע, ווו דער צוג איז נאָר פאַרבייגעפאָרן, האָבן אָפּגעוואַרט אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן, פאָכנדיק מיט די ווייסע טיכלעך

און מיט אפּלאָדיסמענטן, באַגריסט די באַפרייטע נאַצי-קרבנות. קינדער האָבן אַריינגעוואָרפן דורך די וואַגאָנען-פענצטער בלומען און געמאַכט פאַרשידענע באַגריסונג-אויסרופן אויף דעניש.

אויף אַלע וואָקזאַלן האָבן זיך געפונען באַוואָפנטע זעלנער פון דער דייטשער אָקופּאַציע-מאַכט, וועלכע האָבן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צו די דאָזיקע סצענעס.

אין די שפּעטע פאַרנאַכט-שעהן, ווען אין דרויסן איז שוין געווען גוט טונקל, איז דער צוג אָנגעקומען אין אַ גרויסער העל-באַלויכטענער באַן-סטאַנציע, אַרומגערינגלט פון גאַסן מיט העל-באַלויכטענע הייזער. אויך דאָס זענען די פרויען שוין נישט געווען געוווינט צו זען זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה.

מען האָט זיך געפונען אין קאָפּענהאַגען, די מאַלערישע הויפּט-שטאָט פון דער פּרעכטיקער דענישער מלוכה.

דאָ זענען זיי ווידער באַגריסט געוואָרן דורך אַ גרויסן עולם. דאַמען און הערן האָבן געבראַכט עסן און שפּעטער האָט מען די געקומענע גע-הייסן זיך איבערזעצן אין אַ צווייטן צוג, אויך מיט וואַגאָנען פון ערשטער קלאַס, ווו מען האָט געדאַרפט איבערנעכטיקן.

מעלדנדיק זיי, אַז זיי וועלן שלאָפן אין די וואַגאָנען און נישט אין קיין באַקוועם-געבעטע בעטן, האָבן זיי די דענישע פרויען געטרייסט, אַז שוין מאָרגן וועלן זיי קענען בעסער שלאָפן.

צומאָרגנס אינדערפרי זענען שוין די דענישע דאַמען געווען ביי די וואַגאָנען מיט פרישטיק און נאָך דעם האַרציקן געזעגענען זיך מיט די גאַסטפריינטלעכע מענטשן, איז דער צוג אָפּגעפאָרן צום פּאָרט.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען אין דער פּאָרט-סטאַנציע, האָט די אָנגעקומענע פרויען דערוואַרט אַ ריירנדיקער סורפּריז:

לענגאויס דעם גאַנצן וועג פון דער באַן-סטאַנציע ביז צום פּאָרט, זענען פון ביידע זייטן געשטאַנען ריזיקע מענטשן-מאַסן, מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן די אָנגעקומענע באַגעגנט מיט שטורמישע אַפּלויזן, פאָכען מיט טיכלעך, מיט בלומען און דענישע הורא-אויסרופן.

עס איז געווען אַזאַ האַרציקער אויסדרוק פון מענטשלעכער סימפּאַ-טיע, אַז די אָנגעקומענע פרויען זענען געווען גערירט ביז טרערן. זיי זע-

נען נאָך אַלץ געווען געקליידט אין זייערע ראַווענסבריקער לאַגער-קליידער, אַלטע שיך, ס׳רוב הילצערנע, און האָבן זיך זשעגירט פאַרן עולם, וואָס האָט זיי אַרויסגעוויזן אַזוי פיל סימפּאַטיע.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז די מענטשן-מאַסע אויף די טראָטואַרן פריים זיך אַ סך מער מיט זייער באַפרייאונג, ווי זיי אַליין.

אויף דער שיף, וואָס האָט שוין געוואַרט אויף זיי אין דעם פּאָרט, האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט בעלגישע, פראַנצויזישע און האָלענדישע פרוי-ען, וואָס זענען אויך באַפרייט געוואָרן פון די קאָנצענטראַציע-לאַגערן. אַ טייל פון זיי זענען געווען באַקאַנטע פון ראַווענסבריקער לאַגער, פון וואַנען מען האָט זיי געהאַט באַפרייט עטלעכע טעג פריער, איידער מען האָט באַפרייט די פּויליש-יידישע און פּוילישע פרויען-גרופּן.

געווען צווישן די באַפרייטע פרויען פינף האָלענדערינס, וועלכע האָבן געהאַט מיט זיך זייערע נאָרוואַס געבוירענע קינדער. די דאָזיקע פרוי-ען האָבן די נאַצים געבראַכט מיט עטלעכע וואָכן פריער פון האָלאַנד און זיך גאַרנישט גערעכנט דערמיט, וואָס די קרבנות זענען געווען אין די הויכע חדשים.

ביי עלעגאַנט-געדעקטע טישלעך זענען די פרויען אויפן סאַמע העפ-לעכסטן אופן באַדינט געוואָרן דורך קעלנער, וועלכע האָבן זיך ממש גע-בעטן, מען זאָל זאָגן, וואָס מען וויל עסן און מען זאָל עסן וויפל מען וויל.

עטלעכע שעה האָט געדויערט די שיינע און באַקוועמע שיף-רייזע פון דעם קאָפּענהאַגער פּאָרט ביז צום שוועדישן פּאָרט מאַלמאָ.

ביים דערנענטערן זיך צו די ברעגעס פון שוועדן האָט זיך נידעריק איבער דער שיף באַוויזן אַן אַוויאָן, פון וועלכן די אָנקומענדיקע פרויען זענען באַגריסט געוואָרן מיט אַ פאַכעריי פון פענדלעך און טיכלעך.

ביים ברעג גופא זענען געווען פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן, מיט פיל צייטונג-פאָטאָגראַפן, וועלכע האָבן פאָטאָגראַפירט זייער אָנקומען. די מענטשן ביים ברעג האָבן אַפּלאָדירט און געזונגען פרייהייט-לידער.

דאָס איז געווען שבת, דעם 28סטן אַפּריל.

נאָכן אַראָפּגיין פון דער שיף האָט מען אַלע פּוילישע בירגערינס פאַרזאַמלט אויף אַ פּלאַץ און אַ פאָרשטייער פון דער פּוילישער רעגירונג, קאַרניאָל, האָט זיי באַגריסט מיט אַ קורצער און שיינער רעדע, דערקלערנ-

דיק, אַז זיי געפינען זיך אין דעם פרייען און דעמאָקראַטישן שוועדן, אַז זיי מוזן פאַרגעסן וועגן אַלעם, וואָס זיי האָבן ביז-איצט דורכגעלעבט און אָן שום מורא זיך צוגרייטן צו אַ ניי און פריי לעבן.

שפּעטער האָט אַ שוועדישער מיליטערמאַן זיי באַגריסט אויף שוועדיש אין נאָמען פון דער שוועדישער קעניגלעכער רעגירונג און זיי פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן אין שוועדן באַקומען די נויטיקע שוץ און הילף.

די זעלבע באַגריסונג-צערעמאָניעס זענען אויך פאָרגעקומען פאַר די פרויען פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע זיינען באַגריסט געוואָרן דורך די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון זייערע לענדער.

די יידישע פרויען האָט אָבער געטראָפן נאָך אַ סורפּריז, וואָס האָט זיי געוואַלדיק גערירט:

ווען זיי האָבן שוין געוואָלט אָנהויבן מאַרשירן צום גרויסן טעניס-סטאַדיום, ווו עס זענען פאַר זיי צוגעגרייט געוואָרן באַראַקן, האָט זיך צו זיי דערנענטערט אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן און מיט אַ ליבן שמייכל זיי באַגריסט אויף פּראָסט-יידיש:

— אַ גוט-שבת אייך, יידישע קינדער!

די פרויען זענען געווען איבערראַשט פון דער גוט-שבת-באַגריסונג, אַז זיי האָבן געענטפערט מיט טרערן אין די אויגן.

זיי האָבן צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע און שווערע יאָרן דערזען פאַר זיך אַ פרייען ייד, וואָס האָט זיי מקבל-פּנים געווען מיט אַזאַ יידיש-פאָלקסטימלעכן ברוך-הבא.

דאָס איז געווען הרב בערלינגער, דער ראש פון דער קליינער יידישער קהילה אין מאַלמאָ. נאָך אַ קורצן שמועס מיט אים, האָבן די פרויען אין אָמניבוסן געמאַכט אַ שפּאַציר דורך דער שיינער שטאָט און אין באַגלייטונג פון שוועדישע קראַנקן-שוועסטער אָנגעקומען אין באָד אריין. אין גרופּן צו 10 פּערזאָן זענען זיי קודם-כל אונטערזוכט געוואָרן דורך אַ מעדיצינישער קאָמיסיע און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אַ סך פון די באַפרייטע פרויען שפּייען מיט בלוט און זענען קראַנק אויף די לונגען. די דאָזיקע פרויען האָט מען גלייך אָפּגעטיילט פון די געזונטע און זיי אוועקגעפירט אין ספּעציעלע באַראַקן, פון וואַנען מען האָט זיי געשיקט אויף קוראַציע. ליידער איז זייער צאָל געווען גאַר גרויס. אַן ערך 20 פּראָצענט

פון זיי מוזן קורירט ווערן. זיי געפינען זיך נאָך עד-היום אין די קור-אַנ־שטאַלטן פאַר לונגען-קראַנקע.

די געזונטע האָט מען קודם-כל אויסגעבאָדן, אין אמתע וואַנעס מיט הייס וואַסער און זייף. די שוועדישע אויפזעערינס האָבן געוואַשן די פרויען, באַשמירט זייערע קערפּערס מיט אַ ספּעציעלן דעזינפעקציע-וואַסער און דאַן געגעבן יעדער איינער אַ גרויס ווייס לײַלעך, אַ זאַך וועגן וועלכן די פרויען האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז אַזוינס עקזיסטירט אויף דער וועלט.

איבעריקנס יעדע זאַך, יעדע קלייניקייט פון זייער נייעם טאָג-טעג־לעכן לעבן האָט זיך זיי אויסגעוויזן צו זיין ווי אַ בייז וווּנדער, ווייל זיי האָבן עס נישט געזען זינט דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען.

נאָכן אויסבאָדן האָט מען זיי אַריינגעפירט אין אַ האַל פול מיט זאַכן. מען האָט זיי געגעבן וועש, קליידער, זאָקן, שיך און מאַנטלען. אַלץ נייע און גוטע זאַכן. אפילו עלעגאַנט זענען די זאַכן געווען. און נישט סתם וואָס מען האָט געגעבן, נאָר דערלויבט אויסקלויבן זיך, וואָס וועמען בעסער געפעלט און לויט דער מאָס. נעמענדיק דאָ די זאַכן, האָבן זיך די פרויען דערמאָנט ווי אַזוי מען האָט זיי צוגעוואָרפן די אַלטע זאַכן, ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער אין ראַווענסבריק.

די שוועדישע פרויען האָבן געהאָלפן ביים אויסקלויבן און מעסטן די זאַכן.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז נישט פאַר אַלע פרויען האָט מען געקענט צוקלויבן קליידלעך און שיך. מילא, בנוגע די קליידלעך האָט מען דעם ענין געמוזט דערווייל אָפּלייגן ביז עס וועט אָנקומען אַ נייער טראַנספּאָרט און זיך באַנוגענען מיט די מאַנטלען, וועלכע מען האָט באַ־קומען. דאַקעגן די, וואָס האָבן נישט באַקומען קיין שיך, האָבן געמוזט פאַרבלייבן אין די אַלטע שיך און הילצערנע לאַטשן, וואָס זיי האָבן גע־טראָגן אין ראַווענסבריק. עס איז געווען דער לעצטער אָנדענק פון דעם שקלאַפן-לעבן.

מלכה האָט געהאַט אַ פּאָר שווערע מיליטערישע שיך מיט דיקע זוילן און טשוועקעס אויף די פּאָדעשוועס, וואָס זי האָט געהאַט „געקויפט" פאַר

אַ שטיקל ברויט ביי אַ סאָוועטישער געפאַנגענער אין ראַווענסבריק. די שיך האָבן געוווינן אפשר צען קילאָ אוןביידע זענען געווען פון לינקן פוס.

ווען אַ קראַנקן-שוועסטער פון שוועדישן רויטן קרייץ האָט גענומען די שווערע שיך אין האַנט אַריין, האָט זי זיך צעוויינט:

— ווי אַזוי האָט אַ מיידל געקענט טראָגן אַזעלכע שיך... — האָט זי זיך געוווּנדערט.

אָבער מען האָט עס געטראָגן. אין ראַווענסבריק זענען אַזעלכע שיך אויך געווען אַ גליק, אַבי נישט צו טראָגן די אומבאַקוועמע הילצערנע לאַטשן אָדער גאָר גיין באָרוועס.

אַלע פרויען, אויך די געזונטע, האָבן געהאַט געהעכערטע טעמפּע-ראַטור און זענען געווען שרעקלעך אויסגעדאַרט. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז מלכה, וועמענס נאָרמאַלע וואָג איז פון 55 ביז 58 קילאָ, האָט נאָכן אָפּוועגן זיך אין מאַלמאָ געוווינן קוים 41 קילאָ. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרלוירן נאָך מער וואָג.

מען האָט יעדע פרוי ווידער פאַררעגיסטרירט, געגעבן אַ לויף-נומער און אַריינגעפירט אין די באַראַקן, וווּ זיי האָבן געדאַרפט פאַרברענגען די פאָר טעג זייער וויטערדיקער רייזע.

אין די באַראַקן האָט מען שוין פאַר זיי געהאַט צוגעגרייט טישן מיט עסנוואַרג און בעטן צום שלאָפן.

ווי נייע, אָפּגעפרישטע מענטשן זענען זיי אַהער אַריינגעקומען, ווערנ-דיק באַוואַכט און באַדינט מיט אַ סך ליבע און פריינדשאַפט דורך די פאָרשטייער פון שוועדישן רויטן קרייץ.

אין ערך דריי טעג שפּעטער, מלכהן דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען דינסטיק, דעם 1טן מאַי, אין דעם טאָג פון ל״ג בעומר, איז אינדערפרי אָנגעקומען אין די באַראַקן הרב בערלינגער מיט אַ מנין יידן, געהייסן פאַרזאַמלען אַלע יידישע פרויען אין אַ גרויסן האָל, אָנגעצונדן צוויי ליכט, אָנגעטון טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאַווענען.

אַ ציטער איז דורך דורכן פול-געפּאַקטן באַראַק. ווי לאַנג האָבן שוין די פרויען נישט געהערט קיין דאַווענען, ווי לאַנג איז עס שוין ווי זייערע טאַטעס, זייערע ברידער און זייערע מענער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די שולן פון זייערע היים-שטעטלעך אין טלית און תפילין.

פאַר מלכהס אויגן איז דערשינען דאָס בילד פון יענעם לעצטן אָוונט פאַרן גירוש פון ראַקעוו, ווען צוזאַמענגנס נאָך שמחת-תורה האָבן זיך יידן פאַרזאַמלט אין דער אַלטער שול און געזאָגט כל-נדרי... פאַר די אויגן פון אַלע פרויען זענען אויפגעשווומען די בילדער פון זייערע היים-שטעטלעך און די געדאַנקען וועגן זייערע נאָענטסטע.

ווען הרב בערלינגער און די יידן האָבן אָנגעהויבן דאַווענען, ווען עס האָבן זיך געהערט די ערשטע קלאַנגען פון דער תפילה, האָבן די פרויען אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

אָבער ווען די יידן האָבן שפּעטער געזאָגט קדיש, איז דאָס פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעקלעכן אויסברוך פון ספּאַזמאַטישן יאָמער. אַ סך פרויען האָבן אָנגעהויבן חלשן און מען האָט געמוזט אַרויסרופן דאָקטוירים צו מונטערן זיי. אפילו די שוועדישע קראַנקן-שוועסטער און באַדינערינס פון דעם באַראַק, וואָס האָבן בייגעוווינט די יום-כיפּור-סצענע, זענען מיטגעריסן געוואָרן אין דעם אויסברוך פון טרערן.

שפּעטער איז נאָך געקומען דער אל מלא רחמים און דאַן אַ טיף-רירנדיקע און האַרציקע דרשה פון הרב בערלינגער, וועלכער האָט דער-מאָנט די פרויען זייער ליידן, דערמאָנט די אַלע נאָענטע, וואָס זענען אומ-געקומען, זיך באַמיט צו טרייסטן די געראַטעוועטע און זיי געמונטערט צום נייעם לעבן אַלס פרייע מענטשן.

די יום-כיפּור-שטימונג פון דעם פרימאָרגן האָט שוין געהערשט צווישן די פרויען דעם גאַנצן טאָג. אויך אין די דאָזיקע שווערע מאָמענטן פון זכרונות און איבערלעבונגען האָבן די שוועדישע פרויען אַרויסגע-וויזן זיי אַ סך מיטגעפיל און פריינטשאַפט.

צוזאַמענגנס פרי האָט מען די פרויען גרופּנווייז אָוועקגעפירט אין דעם גרעסטן געשעפט אין מאַלמאָ און זיי געהייסן אויסקלייבן פון אַלעם, וואָס זיי האָבן נויטיק געהאַט פאַר זייער פּערזענלעכן געברויך. נאָך אַ קאָמפּלעט אונטערוועש, זאָקן, בענדלעך, בערשטלעך צו די ציין און פּאַסטע, זייף און בכלל אַלץ, אין וואָס אַ פרוי נויטיקט זיך. אפילו פּודער מיט ליפּן-שטיפטן. דאָס אַלץ איז געגאַנגען אויפן חשבון פון דעם שוועדישן רויטן קרייץ.

אין דעם ערשטן טאָג פון זייער אָנקומען קיין מאַלמאָ, האָט מען

יעדער פרוי אויסגעצאָלט 7 שוועדישע קראָן אויף קליינע הוצאות. איצט האָט מען זיי געגעבן נאָך צו 10 קראָן אויף אַ פּערזאָן און צוזאמען מיט די פּעקלעך, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעקליבן אין דעם גרויסן געשעפט, האָט מען זיי אַוועקגעפירט צו דער באַן-סטאַנציע, פון וואַנען זיי זענען מיט אַ ספּעציעלן צוג און אין וואַגאָנען פון ערשטן קלאַס אָפּגעפאָרן קיין דאָווערסטאָפּ, ווו זיי האָבן געמוזט דורכמאַכן אַ ניי לאַגער-לעבן פון אַן אָפּיציעל באַשטימטער קוואַראַנטאַנע.

## XX

# באַפרייטע און — דאָך נישט פריי

דאכט זיך, אַז מלכה אָוושיאַנים שילדערונג וואָלט שוין געדאַרפט פאַרענדיקט ווערן.

נישט נאָר זיי, די געפייניקטע אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן, זענען דאָך באַפרייט געוואָרן און האָבן זיך געפונען אין דעם דעמאָקראַטישן און אַזוי גאַסטפריינטלעכן שוועדן, נאָר גאַנץ אייראָפּע איז דאָך אין די דאָזיקע טעג שוין באַפרייט געוואָרן פון דער נאַצישער מגפה, היטלער איז שוין געווען טויט, אַנדערע נאַצי-פירער זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אָדער זענען אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש פון די אַליאירטע און די דייטשע אַרמיי האָט זיך שוין געהאַט אונטערגעגעבן אומקאָנדיציאָנעל.

לײַדער איז די ווירקלעכקייט געווען גאָר אַן אַנדערע. דאָס קאַפּיטל פון איבערלעבונגען איז נאָך נישט געענדיקט אַפילו איצט, ווען מלכה געפינט זיך שוין אין אַרגענטינע ביי אירע נאָענטסטע און בפרט האָט זיך דאָס דאָזיקע קאַפּיטל נישט געענדיקט פאַר אירע חברטעס פון געמיינזאַמע לײַדן, וועלכע געפינען זיך נאָך עד-היום אין שוועדן און מיט וועלכע מלכה אָוושיאַני איז אין אַ שטענדיקן בריוולעכן קאָנטאַקט. זייער גורל איז איר פונקט אַזוי נאָענט, ווי איר אייגענער גורל.

זיי זענען טאַקע באַפרייט געוואָרן פון דעם נאַצישן יאָך — אָבער זיי זענען נאָך נישט געווען פריי.

זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון די פיזישע לײַדן אין די נאַצישע

קאָנצענטראַציע-לאַגערן און במילא פון הונגער, קעלט און פון דער שטענדיקער געפאַר אומצוקומען. קומענדיק קיין שוועדן, האָבן זיי געהאַט אַ באַקוועמע היים, גענוג צום עסן, ריינע וועש און קליידער, אַ האַרציקע, שוועסטערלעכע אויפזיכט מצד די שוועדישע פרויען, אָבער פריי זענען זיי נישט געווען.

קודם-כל זענען די באַפרייטע פרויען נישט געווען — און זענען עס נאָך עד-היום נישט — פריי גייסטיק. זיי זענען נישט פריי פון די שווערלעכע דעראינערונגען וועגן אַלעם, וואָס זיי האָבן געזען און איבערגעלעבט אין משך פון די פאַרגאַנגענע שווערע יאָרן. זיי זענען אויך נישט פריי — און וועלן עס זיכער קיינמאָל נישט זיין — פון דעם טיפן טרויער נאָכן טראַגישן גורל פון זייערע נאָענטסטע און אויך פון דער זאָרג פאַר זייער צוקונפט.

ס'רוב זענען זיי דאָך פאַרבליבן איינזאַמע מענטשן, אַ סך פון זיי כמעט נאָך קינדער. ווי אַזוי זשע קענען זיי קלערן וועגן פאַרגעסן דאָס פאַרגאַנגענע. זיי — קינדער אָן טאַטע-מאַמע און יונגע מאַמעס אָן מאַן און קינדער.

דעריבער איז אויך קיין וווּנדער נישט, וואָס קיין איין טאָג איז נישט פאַרביי אויף דער פרייהייט אין שוועדישן לאַגער, אַז זיי זאָלן נישט וויינען. מען האָט דאָ פאַרגאָסן אַ סך מער טרערן ווי אין דעם קעלצער אַרבעט-לאַגער, ביים גראָבן די אָקאָפּעס אין פּושעדבאָרזש, אין דעם טויטן-לאַגער פון אָשוויענטשים און אין ראַווענסבריקער קאָנצענטראַציע-לאַגער.

מען דאַרף דערביי דערמאָנען נאָך איין פּרט: אויך די פיזישע פרייהייט איז די ערשטע צייט אין שוועדן געווען אַ שטאַרק פּראָבלעמאַטישע. נישט, חלילה, צוליב רשעות. נאָר צוליבן געזעץ, צוליב אַ צוואַנגס-לאַגע, צו וועלכער מען האָט זיך געמוזט צופּאַסן.

עס איז דאָך געווען קוואַראַנטאַנע-צייט, בעת וועלכער עס האָט געהערשט אַ באַשטימטער רעזשים, וואָס האָט אַלע באַפרייטע פרויען פאַרפליכטעט.

דער דאָווערסטאָפּער פּליטים-לאַגער האָט זיך געפונען הינטערן שטעטל אין אַ גרויסן וואַלד. ער איז באַשטאַנען פון אַ באַדייטנדיקער צאָל קליינע באַראַקן און אין יעדן באַראַק האָבן געוווינט 20 פרויען. די בעטן

פון אייזן זענען געווען אין צוויי רייען, איינע איבער דער אַנדערער. יעדע פרוי האָט דאָ געהאַט איר אייגן בעט, מיט אַ פרישן שטרויענעם אונטער-בעט, מיט קישנס, קאָלדרעס און ריינעם בעטגעוואַנט פון פּאַפּיר. עסן האָט מען געגעבן 3 מאָל טעגלעך, אָבער דאָס שלעכטע איז געווען, וואָס מען האָט געמוזט שטיין אין דער רייע און וואַרטן אויפן עסן. עס איז אַפילו דאָרט געווען אַ ביבליאָטעק, נאָר די ביכער זענען געווען אין ענגליש און שוועדיש אַזוי, אַז זעלטן ווער פון די געקומענע פרויען האָט געקענט גע-ניסן פון די ביכער. שפּעטער זענען געבראַכט געוואָרן אייניקע דייטשע ביכער.

אָבער פון דעם לאַגער-וואַלד האָט מען נישט געטאָרט אַרויסגיין. מען האָט אַפילו פון דרויסן נישט געטאָרט אַריינקומען אין די גרענעצן פון דעם לאַגער אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער שוועדישער אויפ-זיכט-מאַכט און די, וואָס האָבן שוין יאָ באַקומען אַזאַ דערלויבעניש, האָבן זיך געמוזט פריער מאַכן איינשפּריצונגען און שפּעטער דעזינפעק-טירט ווערן, בכדי אַזוי אַרום צו זיין פאַרהיט פון אַנשטעקנדיקע קראַנק-הייטן.

דער פּערסאָנאַל פון דעם לאַגער, די דאָקטוירן, אויפזעערינס, באַ-דינערינס אד״גל זענען טאַקע געווען זייער העפלעך צו די פּליטים-פרויען, אָבער דער שטרענגער רעזשים האָט געמוזט אָפּגעהיט ווערן.

היות עטלעכע פרויען האָבן זיך נישט צוגעפּאַסט צום פאַרבאָט און דאָך פאַרלאָזט די גרענעצן פון דעם לאַגער-וואַלד אָן אַ דערלויבעניש, האָט מען שפּעטער דעם וואַלד אַרומגעצוימט מיט דראָטן און באַוואַכט מיט פּאָליציי.

אַז עס זענען נישט געווען קיין עלעקטרישע דראָטן און די וועכטער זענען נישט געווען קיין מערדער, ווי אין די נאַצישע לאַגערן, איז, דאַכט זיך, איבעריק צו זאָגן. מלכה איז אַפילו מסופק, צי די שוועדישע וועכטער האָבן געהאַט געווער ביי זיך. די פרויען האָבן אָבער געוווסט, אַז זיי האָבן נישט קיין באַוועגונג-פרייהייט אויסער די גרענעצן פון זייער וווין-אָרט.

קיין שום אַרבעט האָט מען אין דעם לאַגער נישט געהאַט. דער ציל איז געווען, אַז זיי זאָלן נישט בלויז אויסרוען זיך און קומען צו זיך פיזיש

נאָר אויך גייסטיק. פאַרגעסן די פאַרגאַנגענע ביטערע יאָרן. דיווירקלעכ-קייט איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדערע.

די גייסטיקע ליידן זענען געווען שרעקלעך. מען האָט גאַנצע טעג גע-קלערט וועגן דער חרוב-געוואָרענער היים און וועגן די אומגעקומענע אָדער פאַרפאַלן-געוואָרענע קרובים. מען האָט געקלערט וועגן די, וואָס זענען נאָך אפשר ערגעץ-ווו דאָ אויף דער וועלט און וועגן די, וואָס זענען שוין מער נישטאָ און וואָס מען וועט שוין אפילו קיינמאָל נישט וויסן, ווו זייערע ביינער געפינען זיך.

האָט מען געטראַכט וועגן זיי, מען האָט געוויינט און געשריבן בריוו. די אַבסאָלוטע מערהייט פרויען האָט אייגנטלעך נישט געוווּסט, וווהין מען זאָל די בריוו שיקן. אויף די אַלטע אַדרעסן פון די היימען אין פּוילן, האָט עס דאָך קיין שום זין נישט געהאַט צו שרייבן. האָט מען געשריבן צו די קהילות, צו די מאַגיסטראַטן און אין די הילפס-קאָמיטעטן.

און מען האָט געוואַרט יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט אויף אַן ענטפער.

ליידער וואַרט נאָך די גרעסטע טייל פון זיי עד-היום אויף אַן ענט-פער. וואַרשיינלעך וועט די מערהייט קיינמאָל קיין ענטפער אויף זייערע בריוו שוין נישט באַקומען, ווייל עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל זיי ענט-פערן. אפילו קיין יידישע קהילה איז שוין נישטאָ אין זייערע שטעט און שטעטלעך. קיין אויסלאַנד האָבן אויך נישט אַלע געהאַט די מעגלעכקייט צו שרייבן, ווייל ווייניק פון זיי האָבן דאָס גליק צו האָבן קרובים אין אויסלאַנד און נאָך ווייניקער האָבן געקענט געדענקען די אַדרעסן.

צו די גאָר ווייניקע, וואָס האָבן יאָ געדענקט אַן אַדרעס פון די קרו-בים אין אויסלאַנד, האָט געהערט מלכה אָווּשיאַני. האָט זי טאַקע גלייך נאָכן אָנקומען אין דעם דאַוועדסטאָפּער לאַגער געבעטן, אַז מען זאָל שיקן אַ טעלעגראַמע צו איר פאָטער און צו איר ברודער קיין בוענאָס איירעס. עטלעכע טעג זענען אַריבער ווי מלכה האָט אַוועקגעשיקט די טעלעגראַמע און דאָנערשטיק, דעם 17טן מאַי 1945, פּונקט ערב שבועות, האָט זי באַ-קומען אַ טעלעגראַפישן ענטפער פון איר פאַמיליע.

דאָס איז געווען דער ערשטער ענטפער, וואָס איז אָנגעקומען אין דעם לאַגער. עס איז אויך געווען די גרעסטע געשעעניש אין זייער מאָנאָ-

טאָנעם לאַגער-לעבן. נישט בלויז מלכה האָט זיך געפרייט מיט דער טע-לעגראַמע, נאָר אַלע פרויען האָבן זיך דערמיט געפרייט און פון גרויס פרייד — געוויינט.

עס איז אין יענעם מאָמענט געווען אַ שטיקל נחמה פאַר אַלע פרוי-ען. היינט האָט מלכה באַקומען אַן ענטפער, מאָרגן וועט אפשר אַן אַנ-דערע באַקומען אַן ענטפער און זיי וועלן אַזוי-אַרום אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט זייערע לעבנגעבליבענע קרובים.

אַזוי האָט מען זיך געטרייסט אין יענע טעג. היינט האָבן שוין אַ סך פון זיי מער קיין שום אילוזיעס נישט וועגן דעם. פאַר אַ סך פון די איינ-זאַמע מיידלעך און פרויען איז מלכה אָוושיאַני געבליבן די איינציקע קרו-בה, וועלכע שרייבט צו זיי בריוו פון בוענאָס איירעס און זאָרגט, אַז מען זאָל זיי שיקן הילף. זי אַליין האָט צונויפגעזאַמלט אַ געוויסע געלט-סומע און אויף איר אָנווייזונג שיקט אויך דער צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, די פּויליש-יידישע פאַרבאַנדן אין בראַזיל, אורוגוויי און טשילע, ווי אויך די לאַנדסלייט פאַריינען פון כמיעלניק, סטאַשעוו און ראַקעוו, הילף צו די פרויען און מיידלעך, וואָס האָבן מער קיינעם נישט אויף דער וועלט.

דאָס געשעט אָבער ערשט איצט, ווען מלכה אָוושיאַני געפינט זיך אין בוענאָס איירעס. דעמאָלט, אין די ערשטע וואָכן נאָך זייער אָנקומען קיין שוועדן, איז עס אָבער אַנדערש געווען.

מען איז שוין געווען פיזיש אויסגערוט און אָנגעזעטיקט, אָבער קיין גייסטיקע רו האָט מען נישט געהאַט. מען האָט זיך געפילט שרעקלעך איינ-זאַם און צעבראָכן און מען האָט געלעבט מיטן וואַרטן אויף דער פּאָסט. טאָמער וועט דאָך עפּעס אָנקומען.

אפילו קיין שום יידישער פאָרשטייער פון שטאָקהאָלם אָדער פון אַן אַנדער קהילה איז צו זיי די ערשטע צייטן נישט געקומען.

ערשט נאָכן אָפּזיין דריי וואָכן צייט, האָבן די יידישע פרויען אויפ-גענומען אין דעם לאַגער די ערשטע יידישע געסט. עס איז צו זיי געקומען דער שטאָקהאָלמער אויבער-ראַבינער ד"ר מאַרקוס ערענפּרייז צוזאַמען מיטן שוחט און הומאָרפולן יידישן שרייבער ישראל האַזדאַן, וואָס לעבט

אין דער שוועדישער הויפּטשטאָט, דער חזן פון שטאָקהאָלמער טעמפּל מיט נאָך איניקע באַגלייטער און מען האָט ווידער איינגעאָרדנט אַ תּפילה.

ראַבינער ד״ר ערענפּרייז האָט געהאַלטן אַ דרשה אין העברעאיש און אין שוועדיש, וואָס קיינע פון די פרויען האָט קיין וואָרט דערפון נישט פאַרשטאַנען, דאַן האָט דער חזן געמאַכט אַן אל מלא רחמים, מען האָט געזאָגט קדיש, מען האָט ווידער שטאַרק געוויינט און מען איז ווידער אַרומגעגאַנגען מיט צעשרויפטע נערוון.

פון לעסעלהאָלם, ווו עס געפינט זיך דער לאַגער פון דייטש-יידישע חלוצים, די „פּלוגה רצון״, האָבן אָנגעהויבן קומען צו-גאַסט די חלוצים מיט זייער הארציקן מנהל סעמי גאָלדווין. היות קיין דערלויבעניש אַריינ-צוקומען אין דעם פּליטים-לאַגער האָט מען די חלוצים נישט געגעבן, האָבן זיי זיך געמוזט פאַרזאַמלען פון דער צווייטער זייט פונעם וועג, וואָס טיילט-אָפּ דעם לאַגער-וואַלד און די פרויען האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי די דראָטן, פירנדיק אַזוי אַרום שעהן-לאַנגע שמועסן פון דער ווייטנס, הערנ-דיק חלוצישע לידער, וואָס אויך די פרויען האָבן זיך אויסגעלערנט. מען האָט זיך אַפילו אויסגעלערנט עטלעכע שוועדישע לידלעך און אַזוי-אַרום געפּרוווט פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט און די טרויעריקע געדאַנקען, מיט וועלכע זיי האָבן געלעבט טאָג-איין טאָג-אויס.

שפּעטער איז שוין סעמי גאָלדווינען דערלויבט געוואָרן אַריינצוקו-מען אין לאַגער גופא און עס זענען אויך געקומען אַ רייע אַנדערע יידישע געסט פון שטאָקהאָלם.

מלכה דערמאָנט קודם-כל דעם ה׳ מאַזור און זיין פרוי. מאַזור האָט זיך קונה-שם געווען דערמיט, וואָס ער האָט אַ דאַנק זיינע גרויסע פאַר-בינדונגען אונטערגענומען די איניציאַטיוו צו באַפרייען די יידישע פרויען פון די קאָנצענטראַציע-לאַגערן. דאָס איז דער זעלבער שטאָקהאָלמער ייד, וואָס איז געווען ביי הימלערן און געגעסן מיטיק מיטן בלוטיקן שעף פון דער „געשטאַפּאָ״. אַליין איז מאַזור אַ דייטשער ייד, אָבער ער וווינט שוין זייט פיל יאָרן אין שוועדן, ווו ער פירט גרויסע געשעפטן. סיי ה׳ מאַזור סיי זיין פרוי, זענען עלעגאַנטע און האַרציקע יונגע מענטשן און ווען זיי פלעגן קומען מיט זייער אויטאָ קיין דאַווערסטאָפּ, פלעגן זיי שטענדיק ברענ-גען מיט זיך פּעק מיט זיסוואַרג און מתנות.

ה׳ מאַזור האָט בעת זיינע באַזוכן אין דעם פּליטים-לאַגער, שמועסנ-דיק מיט די באַפרייטע פרויען, דערציילט פּרטים פון זיינע אונטערהאַנד-לונגען מיט הימלערן, וועלכער איז שוין — אין דער צייט פון מאַזורס באַזוכן אין דאַוועסטאַפּ — געווען טויט. ווי מען האָט געקענט דרינגען פון מאַזורס ווערטער, האָט די באַפרייאונג פון די פּויליש-יידישע פרויען געקאָסט היפּש געלט. צי הימלער אַליין האָט דאָס געלט גענומען אָדער דאָס האָבן באַקומען זיינע יוצר-משרתים, האָט ה׳ מאַזור נישט דערציילט. אַ פאַקט איז, אַז עס האָט געקאָסט. הימלער האָט תחילת מסכים געווען צו באַפרייען בלויז 1.000 יידישע פרויען, פון די 20.000 יידישע פרויען-קרבנות, וואָס ער האָט נאָך געהאַט לעבעדיק אין זיין רשות. מאַזור האָט געוואָלט פועלן, אַז הימלער זאָל באַפרייען אַלע יידישע פרויען. הימלער האָט דערקלערט מאַזורן, אַז ער טוט עס אָן היטלערס וויסן, ווייל היטלער וואָלט אויף אַזאַ משא-ומתן קיינמאָל נישט איינגעגאַנגען. הימלער האָט ענדלעך מסכים געווען צו באַפרייען 2.000 יידישע פרויען. דערביי האָט דער מעכטיקער הערשער פון דער „געשטאַפּאָ" געבעטן מאַזורן, אַז מען זאָל עס כאָטש געדענקען, אַז ער באַפרייט יידן.. דאָס איז שוין געווען דאַן, ווען דייטשלאַנד האָט גוט געפילט, אַז די מלחמה איז פאַרשפּילט און הימלער האָט געזוכט אַ קאָנטאַקט מיטן גענעראַל אייזענהאַוער, בכדי אָנ-צוהויבן שלום-אונטערהאַנדלונגען אויף אייגענער האַנט.

דער שוועדישער גראַף פאָלקע בערנאַדאָטע, וועלכער איז געפאָרן עט-לעכע מאָל קיין דייטשלאַנד וועגן באַפרייען סקאַנדינאַווישע און פראַנצוי-זישע פרויען פון די נאַצישע קאָנצענטראַציע-לאַגערן און דורך וועלכן הימ-לער האָט געזוכט דעם וועג פון פאַרשטענדיקן זיך מיטן גענעראַל-שטאַב פון די אַליאירטע, דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ווען הימלער האָט אים דערלויבט אַרויסצופירן פון דעם ראַווענסבריקער קאָנצענטראַציע-לאַ-גער די פראַנצויזישע בירגערינס, האָט הימלער אַליין פאָרגעלייגט, אַז ער זאָל מיטנעמען אויך אַ געוויסע צאָל פרויען פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. עס האָט זיך געהאַנדלט טאַקע וועגן דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער אין ראַ-ווענסבריק.

אַן אָפטער גאַסט אין דעם פּליטים-לאַגער איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון דעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין שטאָקהאָלם, דער

יונגער און סימפּאַטישער סטודענט לעאָן ראַפּאָפּאָרט, וועלכער האָט זיך באַצייטנס באַוויזן צו ראַטעווען פון וואַרשע. ער פלעגט בעת זיינע באַזוכן צוגעבן די פרויען מוט צום לעבן, פאַרזיכערן זיי, אַז דער פּויליש-יידישער פאַרבאַנד און אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אינטערעסירן זיך מיט זייער גורל, וועלן זיי העלפן אַרויסקומען פון דעם לאַגער און זיי פאַרבינדן מיט זייערע קרובים אין דער גאָרער וועלט.

אויך דר. מיכאַעלי און זיין פרוי פלעגן קומען אין לאַגער אַריין אַלס פאָרשטייער פון דעם יידישן וועלט-קאָנגרעס, פאַרברענגען מיט זיי און זיי מוטיקן.

די דאָזיקע באַזוכן זענען געווען פון גרויסער באַדייטונג פאַרן דער-הויבן דעם גייסט פון די פרויען.

ווען די קוואַראַנטאַנע-צייט האָט שוין געהאַט געדויערט היפּשע וואָכן, האָט מען דערלויבט די פרויען צו מאַכן עטלעכע עקסקורסיעס אין דער אַרומיקער געגנט.

איין טאָג האָט אַ גרעסערע גרופּע פרויען פאַרבראַכט צו גאַסט ביי די חלוצים אין העלסיען, ביי גאָטענבורג, און דעם 5טן און 6טן יולי זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צוויי עקסקורסיעס פאַר אַלע פרויען פון לאַגער אין דעם פּרעכטיקן שוועדישן אינדוסטריע-צענטער נאָרטשעפּינג, וואָס געפינט זיך ביי די ברעגן פון דעם טייך מאָטאַלאַ סטרעם, ס"ה איין שעה באַן-רייזע פון דאַווערסטאָפּ.

מיט אַ ספּעציעל-געדרוקטן אילוסטרירטן פּראָגראַם אין פּויליש, האָט מען זיי, אין גרופּן, אַרומגעפירט איבער דער שטאָט, איינגעאָרדנט לכבוד זיי קאָנצערטן פון מוזיק, פאָלקס-טענץ און געזאַנג, וועלנדיק זיי אַזוי-אַרום אויסדריקן סימפּאַטיע און פאַרוויילן, אַלץ, בכדי צו מאַכן זיי פאַרגעסן אין אַלעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט.

די כוונות זענען געווען שיינע און אויפריכטיקע.

צי האָבן אָבער די פרויען און מיידלעך טאַקע געקענט פאַרגעסן אין אַלעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, און וועגן אַלע, וואָס זיי האָבן פאַר-לוירן און צי האָבן זיי געקענט בלייבן זאָרגלאָז אין זייער טראַגישער איינזאַמקייט און אומזיכערקייט וועגן דער צוקונפט?

יאָ, זיי זענען טאַקע באַפּרייט געוואָרן, אָבער — פּונקט ווי אַלע ייִדן, וואָס געפינען זיך נאָך עד־היום אין די שוועדישע לאַגערן און אין אַנדערע קאָנצענטראַציע־פּונקטן פון אייראָפּע — קענען זיי בשום אופן נישט זאָגן, אַז זיי זענען שוין פריי.

זיי וועלן עס אויך נישט קענען זאָגן, ביז זיי וועלן נישט געפינען פאַר זיך אַן אייגענע און פרייע היים.

## XXI

# דער לעצטער לאַגער

מיטוואָך, דעם 25סטן יולי, איז אַ גרופּע פון 150 מיידלעך, אין עלטער ביז 21 יאָר, אריבערגעפירט געוואָרן פון דעם דאַווערסטאָפּער וואַלד-לאַגער אין אַ נייעם לאַגער קיין העלסיען, מלכּהם לעצטער וווין-אָרט אין שוועדן.

פאַר העלסיען איז דער באַגריף „לאַגער" נישט קיין ריכטיקער. דער בנין, ווו מען האָט זיי איינגעאָרדנט, איז שוין נישט געווען מער קיין באַראַק, נאָר אַן אמתער פּאַלאַץ. עס איז געווען אַ לוקסוסדיקער האָטעל אויף אַ הויכן באַרג „ביי די 7 אָזערעס", ווי עס רופט זיך פּאָפּולער די געגנט פון העלסיען. עס איז אַ פּרעכטיק שוועדיש קוראָרט מיט אַ מאָלערישער לאַנדשאַפט. דער האָטעל, ווו דער לאַגער איז אינסטאַלירט געוואָרן, איז באַשטאַנען פון אַן ערך 300 צימערן, פיל פון זיי מיט פּריוואַטן באַד, מיט אַלע מאָדערנע האָטעל-איינריכטונגען. דעם דאָזיקן האָטעל האָט אָפּגע-קויפט (אָדער געדונגען) די דענישע רעגירונג ביים אָנהויב פון דער מלחמה, ווען די נאַצים האָבן אָקופּירט דענעמאַרק, און עס באַשטימט אַלס וווין-אָרט פאַר די דענישע יידן, וועלכע די רעגירונג האָט געראַטעוועט קיין שוועדן און זיי דאָרט אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון דער מלוכה.

די באַקוועמלעכקייטן, וועלכע די ניי-אָנגעקומענע פרויען האָבן דאָ באַקומען, זענען פאַר אַ סך געווען אַזעלכע, אַז אַפילו אין די גוטע צייטן ביי זיך אין דער היים, האָבן זיי עס נישט געהאַט.

מען האָט שוין געוווינט אַליין אָדער צו 2 פּערזאָן אין אַ צימער, בעטן מיט פּוכענע קאָלדרעס און קישנס, געגעסן האָט מען שוין ביי טישן אין דעם עס-זאַל פון האָטעל און נישט געדאַרפט מער וואַרטן מיטן טעלער אין דער רייע, ווי דאָס איז געווען אין דאַוועגסטאַפּ.

דאַכט זיך שוין אַלץ גוט, אַז בעסער קען עס נישט זיין. מען האָט שוין אַפילו געהאַט דאָ פולשטענדיקע באַוועגונג-פרייהייט און געקענט גע-ניסן פון דער שיינקייט און רייכקייט פון דער נאַטור, ווי עס פּאַסט טאַקע אין אַ קוראָרט.

האָט אָבער אויך דער דאָזיקער לוקסוסדיקער לאַגער אַ גאַנצע גע-שיכטע, וואָס פאַרדינט פאַרנאָטירט צו ווערן אַלס אָפּשלום פון דער שיל-דערונג וועגן מלכה אָוושיאַנים איבערלעבונגען.

צוזאַמען מיטן טראַנספּאָרט פרויען, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער אין ראַווענסבריק, האָט זיך געפונען הרבנית חנה דוקעס, די פרוי פון דעם רב פון דער אַמסטערדאַמער אָרטאָדאָקסי-שער קהילה. דעם רב גופא האָבן די נאַצים פאַרשיקט צוזאַמען מיט אַ סך האָלענדישע יידן קיין פוילן און עס איז דערוויל קיין שום שפור נאָך אים נישטאָ. דאַקעגן די פרוי דוקעס האָט מען געהאַלטן אין אַ קאָנצענטראַ-ציע-לאַגער אין האָלאַנד. ווען די אַליאירטע אַרמייען האָבן אינוואַדירט האָלאַנד, האָבן די נאַצים ליקווידירט די קאָנצענטראַציע-לאַגערן און די געזונטע מענטשן אַוועקגעפירט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

דער נאַצישער פּרינציפּ איז געווען, אַז עלטערע פון 30 יאָר האָבן זיי צו קיין אַרבעט נישט גענומען, נאָר זיי פשוט „ליקווידירט". הרבנית דוקעס, אַ פרוי פון העכער 40 יאָר, האָט געהערט צו די אויסנאַמען, וועלכע זענען דורך די „סעלעקציע" און אָנערקענט געוואָרן אַלס געזונטע און פעאיקע צו שקלאַפעריי.

הרבנית דוקעס שטאַמט פון אַ רבנישער פאַמיליע פון דעם פוילישן שטעטל באַלעכאָוו. זי האָט געוווינט אַ רייע יאָרן אין דייטשלאַנד און נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט זי זיך באַזעצט אין האָלאַנד.

שוין אין ראַווענסבריק האָט זיך פרוי דוקעס, באַהאַלטנדיק איר רבנישן יחוס, אויסגעצייכנט מיט אומגעוויינלעכן מוט און בטחון. זי האָט זיך שנעל צוזאַמענגעלעבט מיט די פויליש-יידישע מיידלעך און פרויען,

און אין די שווערסטע מאָמענטן פון זייער שקלאַפּערישן לאַגער־לעבן האָט זי זיי מיט איר טיף רעליגיעזן גלויבן געטרייסט און זיך באמת נישט צו דערלאָזן, אַז מ׳זאָל אנטמוטיקט ווערן.

די יידישע מיידלעך אין לאַגער האָבן זי טאַקע גערופן „די מאַמע״.

ווען מען האָט זיך שוין געפונען אין דעם מאַנאַטאַנעם לאַגער־לעבן אין דאַווערסטאָפּ, האָט הרבנית דוקעש אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַן ענער־גישע אַקציע, אַז מען זאָל פאַר די יידישע פרויען געבן כשר עסן, אַז מען זאָל די מיידלעך, וואָס געפינען זיך דאָרט, דערציען אין רעליגיעזן גייסט אד״ג. זי האָט וועגן דעם געשריבן צו די יידישע אָרגאַניזאַציעס און יידי־שע עסקנים אין שטאָקהאָלם און זי האָט ארום דעם ענין אָנגעהויבן פירן אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע אין דעם לאַגער גופא.

די יידישע עסקנים און אָרגאַניזאַציעס פון שטאָקהאָלם האָבן אין אָנהויב נישט ארויסגעוויזן קיין גרויסע פאַרשטענדעניש פאַר די באמי־אונגען פון דער פרוי דוקעש. מען האָט געהאַלטן, אַז אין דעם לאַגער געפינען זיך אויך קריסטלעכע פרויען און דאָס פאָדערן אַ ספּעציעלע כשרע קיך פאַר די יידישע פרויען וועט שלעכט אויפגענומען ווערן דורך די קריסטן.

פרוי דוקעש האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן. איר איניציאַטיוו אין שטאָקהאָלם האָט אויפגענומען דער אָרטאָדאָקסישער רב, הרב יאַקאָבסאָן, און היות דער פּאַלאַץ־האָטעל אין העלסיען איז דערוויל פריי געוואָרן, ווייל די דענישע יידן האָבן זיך שוין אומגעקערט אין זייער באַפרייט היים־לאַנד, האָט מען גערדונגען דעם דערמאָנטן האָטעל, בכדי דאָרט איינצואָר־דענען אַ שטרענג־רעליגיעזן לאַגער. מען האָט אויסגעקליבן קודם־כל די מינדעריעריקע מיידלעך, אָבער עס איז אויך אָנגעקומען אַהין אַ גרופּע איינזאַמע פרויען און אַפילו פּויליש־יידישע בחורים פון אַנדערע פּליטים־לאַגערן אין שוועדן.

אין דעם האָטעל איז פון דענישע יידן געבליבן אַ ספר־תורה. די ניי־אָנגעקומענע בחורים האָבן גלייך איינגעאָרדנט אַ בית־המדרש און אָנ־געהויבן לערנען. די חתונה־געהאַטע פרויען האָבן יעדן פרייטיק־צונאַכטס געמוזט בענטשן ליכט, דער שבת און כשרות האָט געמוזט שטרענג אָפּגע־היטן ווערן, מען האָט די יינגערע מיידלעך אָנגעהויבן לערנען חומש און

שפּעטער האָט מען 12 פון די ייִנגסטע איבערגעשיקט קיין לורינגע, ווו די שטאָקהאָלמער „אגודה" האָט איינגעאָרדנט אַ רעליגיעזע שולע.

הרב יאַקאָבסאָן פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט אין דעם נייעם לאַגער, פלעגט אָפט רעדן צו זיי, האָט זיי געטרייסט און פאַרזיכערט, אַז ער וועט אַלץ טון בכדי צו לינדערן זייער לאַגע. ער האָט נאָר געפאָדערט, אַז מען זאָל זיין פרום און אָפּהיטן יידישקייט.

טאַקע אויפן באָדן פון דער פרומקייט און יידישקייט זענען אין דעם נייעם לאַגער פאָרגעקומען אייניקע קאָנפליקטן.

די מענער, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין העלסינען אין אַ צאָל פון 20 פּערזאָן און וואָס האָבן אויך דורכגעמאַכט דעם גאַנצן שוידער פון די נאַציישע פּייניקונגען, זענען אַלע געווען חסידישע יונגעלייט פון פּוילן, וואָס האָבן זיך געגומען צוריק צום לערנען און געשטרעבט צוריק-צוקערן צו זייער פריערדיקן רעליגיעזן לעבנס-שטייגער. פאַרשטייט זיך, אַז ווען קיין לאַנגע קאַפּאָטעס האָט דאָ קיין רייד נישט געקענט זיין, דערפאַר אָבער האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרלאָזן צוריק די באָרד און פּיאות, נישט געוואָלט קוקן אויף קיין פרויען אד"ג.

אין אָנהויב, ווען מען איז אַהער אָנגעקומען, האָבן אַלע געגעסן צו-זאַמען אין דעם עס-סאַלאָן פון האָטעל. האָט זיך געטראָפן, אַז דער ווייבערישער מין פלעגט זיך אַביסל פונאַנדערזינגען. מען האָט געוואָלט אַ ווילע פאַרגעסן די דאגות און צרות. די חסידישע יונגעלייט האָבן דאָס נישט געוואָלט פאַרטראָגן און געפאָדערט, אַז מען זאָל פאַר זיי איינאָרדע-נען אַ באַזונדערן עס-צימער. זיי האָבן עס אויך אויסגעפירט.

פאָרגעקומען איז נאָך אַ קאָנפליקט: נאָענט פון העלסינען האָט זיך געפונען אַ חלוצישע פאַרם און די חלוצים פלעגן פון צייט צו צייט קומען צו גאַסט צו די מיידלעך. מען פלעגט צוזאַמען שפּאַצירן, באַזוכן די פּרעכ-טיקע געגנט און זיך פאַרווילן. אויך דאָס איז נישט טאָלערירט געוואָרן דורך דער שטרענג-אָרטאָדאָקסישער לייטונג פון דעם נייעם לאַגער און עס איז דערגאַנגען אַזש קיין שטאָקהאָלם. הרב יאַקאָבסאָן האָט בעת איי-נעם פון זיינע באַזוכן אין לאַגער, געמאַכט אַ פאָרוואורף די מיידלעך, אַז זיי פירן זיך אויף צו פריי...

געהאַט האָט דער לאַגער אַ שעף, דאָס איז דער דענישער ייד וואַ-

סערמאַן, וועלכער איז געווען אָנפירער פון דעם לאַגער, בעת אין דעם האַ-טעל האָבן נאָך געוווינט דענישע יידן.

געווען אויך אַ יידישע דאָקטאָרין, פרוי רעגינע פעניגער פון קראָקע, וואָס האָט אַליין אויך דורכגעמאַכט דעם גאַנצן פּיין פון יידישן לעבן אונ-טערן נאַצישן יאָך און האָט זיך אַ דאַנק איר מעדיצינישער פּראַפעסיע געראַטעוועט פון אומקום.

די גייסטיקע פירערין פון די פרויען אין דעם לאַגער, די מאַמע זייע-רע, איז אָבער ווייטער פאַרבליבן הרבנית חנה דוקעש.

דאָס לעבן אין דעם לאַגער איז ווייטער דורך אין אַ מאָנאָטאָנער שטימונג, נערוועאישקייט און אומרואיקייט וועגן דעם גורל פון די נאָענטע.

פון צייט צו צייט פלעגן פון די שטאָקהאָלמער צייטונגען קומען זשורנאַליסטן מיט פאָטאָגראַפן, בכדי צו מאַכן אינטערוויוען און צו פאָ-טאָגראַפירן. אָבער די פרויען פלעגן זיך דאַן אויסבאַהאַלטן פון די געסט און געזוכט אין זייער אייגזאַמען לעבן צו דערשטיקן די טרערן, וואָס האָבן זיי כסדר באַגלייט.

ווען פון דער ווייטנס פלעגט זיך באַווייזן אויף אַ ביציקלעט דער פּאָסט-טרעגער מיט בריוו, וואָס ער האָט געבראַכט פון דעם פּאָסט-אַמט אין האָרדעד, פלעגן זיי אַלע אים אַנטקעגנלויפן מיט אַ געשריי:

— מאַנגאַ ברעוו? מאַנגאַ ברעוו?

דאָס הייסט, צי ער האָט פאַרן לאַגער אַ סך בריוו. לײדער אָבער פלעגן די פרויען און מיידלעך שנעל אַנטוישט ווערן.

ווייניק בריוו, זייער ווייניק בריוו זענען אָנגעקומען. זעלטן ווער עס האָט באַקומען אַ בריוו... איז מען אַוועק טרויעריק, וואַרטנדיק, אַז דער פּאָסט-טרעגער זאָל ווידער דערשיינען אויפן וועג.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז יעדע פרוי און יעדעס מיידל אין לאַגער האָט באַקומען אַ בריוו.

איר ווייסט, מיינע ליבע פריינד, וואָס עס האָט געהייסן אין דעם לאַגער באַקומען אַ בריוו אויפן אייגענעם נאָמען?

די עמאָציע, ווען מען האָט באַקומען דעם בריוו אין האַנט אַריין, איז געווען געוואַלדיק. די הענט האָבן געציטערט, ווען מען האָט געעפנט די בריוו. אָבער, לײדער, דאָס זענען ניט געווען די בריוו, אויף וועלכע

זיי האָבן געוואַרט. עס זענען געווען ראש-השנה ווונטשן און באַנקנאָט אויף 10 קראָן, וואָס די יידישע קהילה אין שטאָקהאָלם האָט יעדער איינער פון זיי געשיקט לכבוד ראש-השנה. עס איז טאַקע געווען אַ פיינער זשעסט מצד דער שטאָקהאָלמער קהילה, וואָס האָט יעדע איינע פון זיי גערירט, אָבער דאָך... מען האָט ווייטער געמוזט גערולדיק וואַרטן.

אַ נייע עמאָציע זענען פאַר זיי געווען די ליסטעס, וואָס יידישע אָרגאַניזאַציעס פון שטאָקהאָלם האָבן צוגעשיקט מיט נעמען פון לעבנגעבליבענע יידן אין אַנדערע לאַגערן און אין אַנדערע לענדער.

מען האָט זיך געוואָרפן אויף די ליסטעס און מיט אומגעדולד געמישט די בלעטער, זוכנדיק די נעמען פון קרובים. זעלטן ווער האָט געפונען אַ נאָענטן נאָמען.

אָבער געטראָפן האָט יאָ אַ פאַל, וואָס האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן לאַגער:

אַ יונג פּאָרפאָלק, וואָס איז אין משך פון יאָרן געווען צעשיידט, נישט וויסנדיק איינער פון אַנדערן, האָט זיך געפונען. דערצו האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מאַן געפינט זיך אין אַ שפּיטאָל, עטלעכע שעה רייזע פון דעם לאַגער אין העלסינגבאָרג.

מען האָט זיך גלייך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיטן שפּיטאָל און דער גאַנצער לאַגער האָט בייגעוווינט דעם דאָזיקן דראַמאַטישן געשפּרעך צווישן דער פרוי מיט איר מאַן... די עמאָציע איז געווען אַזוי גרויס, אַז ביידע האָבן נישט געקענט רעדן. די פרוי האָט גלייך פאַרלאָזט דעם לאַגער און אַוועק אין שפּיטאָל צו איר לעבנגעבליבענעם מאַן.

ליידער האָט אויך דער פאַל געהערט צו די גאָר זעלטענע.

אָט אַזוי האָט מען געלעבט, אַזוי האָט מען געוואַרט, אַזוי האָט מען געהאָפט.

די מערהייט לעבט, וואַרט און האָפט נאָך אַזוי עד-היום.

צווישן די געציילטע גליקלעכע, וואָס האָבן אָנגעהויבן באַקומען אָפטע בריוו, איז געווען מלכה אָושיאַני, וועמען איר פאָטער האָט געשריבן, אַז ער באַמיט זיך שוין וועגן אַ וויזע פאַר איר צו קומען קיין אַרגענטינע.

עטלעכע וואָכן זענען אַריבער און מלכה האָט באַקומען אַ מעלדונג פון דער שטאָקהאָלמער יידישער קהילה, אַז זי זאָל גלייך קומען אַהין,

ווייל אין ארגענטינער קאָנסולאַט איז אָנגעקומען פאַר איר טעלעגראַפיש די וויזע.

די פרייד פון דער דאָזיקער ידיעה, איז געווען אַ פרייד פאַרן גאַנצן לאַגער.

מלכה אָוושיאַני איז געווען די ערשטע גליקלעכע, וואָס האָט גע־דאַרפט פאַרלאָזן דאָס לאַגער־לעבן.

זי איז אַוועק קיין שטאָקהאָלם דערלייידיקן אַלע נויטיקע פאָרמאַלי־טעטן. אומעטום האָט מען איר אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע פריינדלעכקייט און וואַרעמקייט.

אויך אין דעם ארגענטינער קאָנסולאַט אין שטאָקהאָלם איז מען גע־ווען צו איר זייער ליב. מען האָט איר גלייך אַרויסגעגעבן די נויטיקע פאַ־פירן און מען האָט איר פאַרזיכערט, אַז אין ארגענטינע וועט זי פאַרגעסן וועגן אַלעם, וואָס זי האָט איבערגעלעבט.

שבת, דעם 4טן נאָוועמבער 1945 אזייגער 7 פרי איז מלכה אָוושיאַני מיט דער שיף „טשילע" אָפּגעפאָרן פון גאָטענבורג צו איר נייעם לעבן אין ארגענטינע.

אָבער דאָס איבערגעלעבטע האָט מלכה אָוושיאַני נישט פאַרגעסן.
דאָס קען קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן...

## פאַר אונדז איז די מלחמה פאַרלוירן...

(אָנשטאָט אַ נאָכוואָרט)

נישט אַלץ, וואָס מלכה אָוושיאַני האָט געזען און איבערגעלעבט, האָט זי מיר דערציילט. עס איז פּשוט אוממעגלעך געווען צו טון.

און נישט אַלץ, וואָס מלכה אָוושיאַני האָט מיר דערציילט, האָב איך באַשריבן. עס איז אויך געווען אוממעגלעך צו טון...

נישט בלויז דערפאַר, וואָס דאָס באַשרייבן די אַלע פּרטים וואָלט נעדאַרפט פאַרנעמען אייניקע בענדער. נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס מען האָט נעדאַרפט גוט באַהערשן די נערוון, בכדי דאָס אַלץ רואיק אויסצוהערן און צו קענען שילדערן.

איך האָב פאַרנאָטירט בלויז דאָס וויכטיקסטע, בלויז דאָס בולטסטע, בכדי צו קענען באַקומען כאָטש אַ טיילווייזן באַגריף ווי שרעקלעך די מענטשן זיינען געפּייניקט געוואָרן און וויפל אויסדויער-קראַפט מען האָט נעדאַרפט האָבן, בכדי דאָס אַלץ צו קענען איבערטראָגן.

עס איז דערביי אינטערעסאַנט, אַז דווקא אין די סאַמע האָפענונג-לאָזע מאָמענטן פון זייער ביטערן גורל, האָבן די דאָזיקע געפּייניקטע מענטשן געזוכט זיך גייסטיק שטאַרקן דורכן שרייבן לידער. ווי זיי וואָלטן דורכדעם זיך געוואָלט אַראָפּרעדן פון האַרץ, ווי זיי וואָלטן דורכן ליד גע-וואָלט אויסדריקן זייער פּראָטעסט, זייער קאַמפּסווילן, ווי דורכן ליד וואָלט געשטאַרקט געוואָרן זייער בונטאַרישע נשמה.

די דאָזיקע שאַפונג, וועמענס מחברים זענען אָפטמאָל פאַרבליבן

אומבאַקאַנט, הויבט־אָן פאַרנעמען גאַר אַ חשוב אָרט אין דער יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור־פאָרשונג.

אויף דער צווייטער וויסנשאַפטלעכער סעסיע פון דער יידישער היס־טאָרישער געזעלשאַפט אין פוילן, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָדזש אין חודש סעפּטעמבער 1945, האָט מאַגיסטער נחמן בלומענטאַל געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט וועגן דער יידישער ליטעראַרישער שאַפונג אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. דער רעפערענט האָט אָנגע־וויזן, אַז בעת די שרעקלעכסטע אָקופּאַציע־צייטן האָבן פיל מענטשן גע־שריבן לידער, דערציילונגען, זכרונות און אפילו ראָמאַנען. נישט בלויז פּראָפעסיאָנעלע שרייבער האָבן געשריבן. די געפונענע כתב־ידן, וואָס זענען געשריבן אָפטמאָל אין אַ שלעכטער שפּראַך, לידער, געשריבן אין בדחנישע פערזן, האָבן נישט בלויז אַ היסטאָרישן, נאָר אויך אַ קינסט־לערישן ווערט.

בלומענטאַל אַנאַליזירט די פראַגע, וואָס האָט די דאָזיקע מענטשן באַוויגן צו שרייבן? לויט זיין מיינונג, האָט זיי דערצו קודם־כל געשטויסן דער איבערפלוס פון איבערלעבונגען און דער דראַנג איבערצולאָזן נאָך זיך אַ זכר, אַ דענקמאָל, אַ באַגער צו פאַראייביקן די דייטשע אכזריותן, אַז „די וועלט זאָל וועגן דעם געדענקען און דערפאַר נקמה נעמען". דער הויפּט־מאָטיוו אין די שאַפונגען איז דער גלויבן, אַז די גערעכטיקייט וועט דאָך זיגן. גרויס איז די צאָל פאָלקס־לידער, וואָס זענען אין דער דאָזיקער עפּאָכע געשאַפן געוואָרן. בלומענטאַל קלאַסיפיצירט זיי: 1) אַלס נקמה־לידער; 2) לידער, וואָס רופן צום קאַמף מיטן שונא; 3) געזעגענונג־לידער פאַר אַ גירוש, פאַר אַן אַקציע; 4) וויי־לידער מיטן מאָטיוו, אַז עס וועלן קומען בעסערע צייטן און מען וועט דעם „צורר־היהודים היטלערן אי־בערלעבן" אאַ"וו.

עטלעכע אינטערעסאַנטע מוסטערן פון דער דאָזיקער פּאָעזיע, האָט אויך מיט זיך מיטגעבראַכט מלכה אָוושיאַני. דאָס זענען לידער, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן ביי דער שקלאַפן־אַרבעט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אויף קליינע שטיקלעך פּאַפּיר, ביינאַכט, ווען קיינער פלעגט נישט זען, ליגנדיק אויף די שמוציקע ברעטער מיטן דורכגעפוילטן שטרוי, פלעגט מען שרייבן די דאָזיקע לידער, דאַן זיי אויסלערנען זיך אויסנווייניק, טאָ־

מער וועט דאָס פֿאַרשריבענע שטיקל פּאַפּיר פֿאַרלוירן אָדער אַנטדעקט ווערן.

די לידער, וואָס מלכה אָוושיאַני האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, זענען געשריבן אין פּויליש און טייל אין אַ שלעכטן דייטש. מער יידישלעך, ווי דייטש.

אָט האָב איך פֿאַר זיך אַ ליד פֿון מלכהן גופֿא, וואָס זי האָט גע־שריבן זייענדיק אין דעם קעלצער אַרבעט-לאַגער. דאָס ליד איז אין פּויליש און הייסט: „עס פֿליסן טרערן”.

עס איז אַ ליד פֿון בענקשאַפֿט נאָך דער מוטער, נאָך די נאָענטסטע, ווו די שרייבערין בעט איין זאַך:

נאָך איין מאָל זיין אין דער היים און שפּעטער... שפּעטער וויל זי שוין מער נישט לעבן.

אַן אינטערעסאַנטע לידער-זאַמלונג האָט מלכה געבראַכט פֿון איר נאָענטסטער חברטאָרין פֿון דעם גאַנצן, לאַנגן וועג פֿון ליידן און פּיין, פֿון רוזשע (שושנה) לאַקס.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז רוזשע לאַקס אַלט געווען קוים צען יאָר. איר פֿאָטער איז געווען אין כמיעלניקער פּוילישער גימנאַזיע אַ לערער פֿון יידישער רעליגיע. אין אַ פּוילישער שולע האָט רוזשע באַקו־מען איר ערשטן אונטעריכט. זי באַהערשט אַלזאָ פּערפֿעקט די פּוילישע שפּראַך און האָט נאָך דאָס מזל צו האָבן אַן אַרישן אויסזען. דעריבער האָבן טאַקע אירע עלטערן, גלייך נאָכן נאַצישן אַריינמאַרש קיין כמיעלניק, זי אַוועקגעשיקט אין אַ דאָרף הינטער קראָקע, צו אַ באַקאַנטער פּויערים־פֿאַמיליע. אָבער דאָס קינד האָט דאָרט לאַנג נישט געקענט זיין. די בענק־שאַפֿט נאָך אירע עלטערן האָט זי געפּייניקט. די עלטערן האָבן איר געהאַט צוגעזאָגט אויך קומען אין דאָרף-אַריין, ווו זי האָט זיך געפֿונען. ווען דאָס איז אָבער נישט געשען, האָט די קליינע רוזשע פֿאַרלאָזן די גאַסט־פֿריינדלעכע פּוילישע פּויערים און אַוועק צוריק קיין כמיעלניק. דער וועג צו איר היים-שטעטל איז אַ גאַנצע עפּאָפּעע, וואָס רוזשע לאַקס וועט עס זיכער אַליין באַשרייבן. אַ פֿאַקט איז נאָר, ווען די קליינע רוזשע האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין כמיעלניק, איז שוין דאָרט קיין זכר פֿון איר פֿאַמיליע און פֿון איר היים נישט געווען. מען האָט דאָס צען-יעריקע מיידל

געכאַפּט און אָפּגעשיקט מיטן לאַסט־וואָגן אין דעם אַרבעט־לאַגער קיין קעלץ. בעת דער דאָזיקער רייזע, אויפן לאַסט־וואָגן, האָט זיך מלכה אָוושיאַני צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט רוזשע לאַקס און זענען שוין פאַרבליבן שוועסטער פון די געמיינזאַמע ליידן דורך דער גאַנצער צייט פון דער שקלאַפעריי ביי די נאַציס.

טאַקע אין דעם קעלצער אַרבעט־לאַגער האָט רוזשע לאַקס אין יאָר 1942, ווען זי איז אַלט געווען 13 יאָר, אָנגעשריבן איר ערשט ליד, וואָס איז שטימונגפול און סימבאָליש.

דאָס ליד טראָגט דעם נאָמען „וואַלד" און עס ווערט דאָרט געשילדערט ווי אין אַ סאָסנע־וואַלד האָבן אויפגעבליט דעמבעס און די סאָסנעס האָבן זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן, וואָס די דעמבעס זויגן־אויס דעם זאַפט פון דער ערד, פאַרשטעלן די זון אד"גל.

ביז עס זענען געקומען מענטשן און אָנגעהויבן אויסהאַקן די שיין־וואַקסנדיקע דעמבעס און חרוב־געמאַכט די שיינע דעמבעס־אַלעע.

אַ צווייט ליד פון רוזשע לאַקס, געשריבן אין דעם זעלביקן שקלאַפן־לאַגער, איז אַ בריוו צו דער מוטער, וועמענס הילף און שוץ זי באַגערט.

דאָ איז פאַראַן אַ לענגערע פּאָעמע „ביסט אַ יידישקע", ווו עס ווערט געשילדערט דער גאַנצער פּיין פון יידישע קינדער.

אַן אַנדער לידער־שרייבערין איז די 14־יעריקע מאַלינקאַ פּיטלאָוויטש פון לאָדזש, וועלכע שילדערט „אַ בית־עלמין אָן קברים", „איך רוף דיך, מוטער", „אַ שלאַכט אָן געווער" (געשריבן אין ראַווענסבריק וועגן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשע) און אַ רייע אַנדערע לידער, וואָס פאַרשער וועלן זיך זיכער מיט דער דאָזיקער ליטעראַטור געניי באַשעפטיקן.

איך וויל בלויז פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע בוך מיטן ציטירן איין ליד, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך עווא פּאָמעראַנץ, שוין נאָכן באַפרייט ווערן פון נאַצישן יאָך.

דאָס ליד הייסט:

## פאַר מיר איז די מלחמה פאַרלוירן

די ענגלענדער, רוסן און אַמעריקאַנער\
האָבן מנצח געווען די דייטשן און יאַפּאַנער.

האָבן געקעמפט, פאַרגאָסן זייער בלוט —
זיי האָבן געענדיקט גוט — זייער גוט!
אַפילו ווען אַזוי פיל בלוט איז גערונען...
זיי האָבן די מלחמה געוווּנען,
זיי האָבן שטאָלץ דערגרייכט דעם זיג.
זיי האָבן פאַרענדיקט אַ שווערן קריג.
דאָך — מיר פּערזענלעך איז גאַנץ עגאַל,
איך קען נאָר זאָגן: ס׳איז געווען אַ מאָל
אַ שווערער קריג מיט אַ גרויסן זיג!...
פאַר מיר אָבער איז די מלחמה נישט געוווּנען,
מען האָט דאָך מיר אַלץ, אַלץ צוגענומען,
די עלטערן, שוועסטער, ברידער, דאָס גאַנצע הויז —
כ׳בין איצט אַליין ווי אַ פּשוטע מויז.
נאָך וואָס איז דאָס לעבן און דער גרויסער זיג?
פאַר מיר איז פאַרלוירן דער קריג!

הערנדיק און לייענענדיק וועגן די אַלע שוידערלעכע איבערלעבונגען פון די, וואָס זענען פאַרפייניקט געוואָרן און פון די, וואָס זענען על-פּי-נס לעבן געבליבן, און צוזעענדיק וואָס עס קומט היינט פאַר מיט די אַזוי ווייניק לעבנגעבליבענע יידן, בלייבט אונדז טאַקע נישט מער ווי איבער-צוחזרן די ווערטער פון דער שרייבערין פון דעם ציטירטן ליד:

פאַר אונדז איז די מלחמה פאַרלוירן...

# אינהאַלט:


צום לייענער — 5
מלכה אָושיאַני דערציילט — 7
אין דעם „גליקלעכן" שטעטל ראַקעוו — 13
אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן — 21
גירוש־ראַקעוו — 29
די פּוילישע שכנים — 36
די לעצטע יידן אין כמיעלניק — 44
דער טראַגישער מעת־לעת — 52
צו שקלאַפן־אַרבעט — 60
ביי דער נאַצישער קריגס־אינדוסטריע — 67
דאָס שקלאַפן־לעבן — 74
דער אָנזאָג פון צוזאַמענברוך — 83
ביים גראָבן דייטשע אָקאָפּעס — 90
אָשוויענטשים — 98
נומער 68.313 — 106
די רעפּובליק פון געפאַנגענע פרויען — 113
אין די גסיסה־טעג פון נאַציזם — 121
דער סוף פון שקלאַפעריי — 128
דער וועג צו פרייהייט — 136
נייע מענטשן — 144
באַפרייטע און — דאָך נישט פריי — 152
דער לעצטער לאַגער — 161
פאַר אונדז איז די מלחמה נישט געענדיקט — 168

## ביכער פון מאַרק טורקאָוו:

•

### רוזוועלטס אַמעריקע

(רייזע-איינדריקן פון די פאַראייניקטע שטאַטן). „יידישע אוניווער-סאַל-ביבליאָטעק", וואַרשע, 1937.

*

### אויף יידישע פעלדער

(אַ נסיעה איבער אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס), וואַרשע, 1939.

*

### בריוו פון אסתר־רחל קאַמינסקי

(מיט אַן איינלייטונג און דערקלערונגען פון מ. טורקאָוו). ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1927.

די ביכער־סעריע פונעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון
פוילישע יידן אין אַרגענטינע

# „דאָס פּוילישע יידנטום״

דאַרף זיך געפינען אין יעדער יידישער שטוב

★

זכרונות פון דער אַלטער היים;

באַשרייבונגען פון שטעט און שטעטלעך;

ביאָגראַפיעס פון באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן;

דאָקומענטן וועגן דעם חורבן פון פּוילישן יידנטום;

די געשיכטע פון טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פּוילן;

ווערק פון באַרימטע שרייבער און פאָרשער;

דאָס וועט זיין דער אינהאַלט פון דער ביכער-סעריע

# „דאָס פּוילישע יידנטום״

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער-סעריע
דאַרף מען זיך ווענדן:

**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Pueyrredón 667 Buenos Aires

דאָס בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן דרוקן
דעם 15-טן מערץ 1946, דורך דעם
פאַרלאַג „ייִדיש“, אין דער דרוקערײַ
„ראַדאַ“. — לינאָטיפּיע הײמאַן און
גוטמאַן. — בוענאָס אײרעס.

Este libro se terminó de imprimir el día 15 de Marzo de 1946 por la Editorial "Idisch" en los Talleres Gráficos RA-DA. Linotipía Heuman y Gutman. — Buenos Aires.